STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01769

# AZOY VI IN A HOLEM

Daniel Kukielka

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אזוי ווי אין א חלום...

DANIEL KUKIELKA

# COMME DANS UN RÊVE...

ROMAN

Edité par l'auteur
40, rue Saintonge, Paris-3e
Copyright by Daniel Kukielka
Paris 1966

דאַניעל קוקיעלקאַ

# אַזוי ווי אין אַ חלום...

## ראָמאַן

אַרויסגעגעבן דורכן מחבר

תשכ״ז פּאַריז 1966

דעם הייליקן אָנדענק

פון מײַנע טייערע :

העניאַ

דאָרקע

מאירקע

און בלום

# פאָרוואָרט

ס׳איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער סיורפּריז דאָס באַקענען זיך מיטן בוך ״אַזוי ווי אין אַ חלום...״, וועמענס מחבר איך קען פערזענלעך שוין לאַנגע יאָרן אָן אים חושד צו זיין, אַז ער איז פעאיק אַרויסצוקומען אַזש מיט אַ ראָמאַן.

טראָץ דעם וואָס דאַניעל קוקיעלקאַ איז אַ פנים חדשות אין אונזער ליטעראַטור, איז דער פאָרליגנדיקער ראָמאַן פאַקטיש נישט זיין דעביוט, וואָרעם ער האָט זיך איינציקע מאָל שוין געדרוקט אין פּאַריזער ״טעאַטער שפּיגל״, רעדאַגירט דורך אהרן פאַליאַקאָוו ע״ה.

דאַניעל קוקיעלקאַ, וואָס וווינט שוין לאַנגע יאָרן אין פּאַריז, איז מיר געווען באַקאַנט אַלס פאָלקסטימלעכער ייד, וואָס לייענט און קויפט אַ יידיש בוך, וואָס האָט ליב יידיש טעאַטער, וואָס האָט אַן אינטערעס צום יידישן קולטור־לעבן, אָבער, אַז דאָס אַלץ זענען זאַכן וואָס געשען... נאָך דער באַשעפטיקונג. ווער וואָלט זיך עס פאָרגעשטעלט, אַז אין די פרייע אָוונט־שעהען, שרייבט ער און אַרבעט איבער אַ ראָמאַן? אמת, אַ ראָמאַן וואָס איז, ווי ער זאָגט עס אין זיין פאָרוואָרט, אַז דאָס איז ״געטאָן געוואָרן ווי אַ הייליקער חוב צו פריינט, פונדעסטוועגן איז אונזער סיורפּריז גרויס, וואָרעם דער מחבר אַנטפּלעקט דאָ אַ סך שרייבערישע פעאיקייטן אַרויסצופירן און באַהאַנדלען סיטואַציעס און טראָץ זיין באַמיאונג אויסצוהיטן זיך פון ״ליטעראַרישע עפעקטן״ און נישט ״צו פיל כאַראַקטעריזירן די אַרויסגעפירטע געשטאַלטן״, זענען אין דעם ראָמאַן פאָרט פאַראַן סיי ליטעראַרישע עפעקטן און כאַראַקטעריסטיקעס פון די אַרויס־געפירטע געשטאַלטן. זיי זענען גענוג קלאָר און קאָרעקט.

דאַניעל קוקיעלקאַ שרייבט אין אַ פּשוטן, פֿאָלקסטימלעכן ייִדיש און שילדערט פֿאָלקסטימלעכע געשטאַלטן. ער ברענגט אַרויס דאָס אַמאָליקע ייִדישע לעבן פֿון פּוילן און פֿון וואַרשע, דער עיקר פֿון די פּראָלעטאַרישע ייִדישע קרייזן. דער סיוזשעט פֿון ראָמאַן געהערט צו דעם מין, וועגן וועלכן ס'איז שוין לאַנג צוריק געזאָגט געוואָרן, אַז "עס איז אַן אַלטע געשיכטע וואָס איז שטענדיק ניי". דאָך מוז געזאָגט ווערן, אַז ס'איז אַ מאָדערנער און אמתער ייִדישער ראָמאַן.

דער מחבר דערציילט, אַז דאָס שרייבן דעם ראָמאַן איז געווען זיינס אַ "הייליקער חוב צו פריינט" וועמענס לעבן און איבערלע־בונגען ער האָט דאָ דערציילט, דאָך דאַרף מען געדענקען דאָס גוט־באַקאַנטע, אַז "יעדעס בוך איז אַן אויטאָביאָגראַפיע". איך דערמאָן עס, ווייל שילדערנדיק און דערציילנדיק וועגן די איבערלעבונגען פֿון זיינע יוגנט־יאָרן און יוגנט־חברים, זעען מיר די וועלט פֿון מחבר גופא. אַ מענטשן, וואָס טראָגט דעם וואָס ער קומט אַזוי שפּעט אַריין אין אונזער ליטעראַטור, האָט ער פֿאַר אונז אויפגעשטעלט אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פֿון אַ פֿאַרשווונדענער ייִדישער יוגנט, וואָס איז, טראָגט איר רעוואָלוציאָנערישקייט, טראָגט איר גרייטקייט "איינ־צונעמען און איבערמאַכן" די וועלט, געווען פֿול מיט האַרציקער באַשיידנקייט און דרך ארץ צו יעדן מיט־מענטשן. דאָ ליגט אַ ספּעציעלער פֿאַרדינסט פֿון מחבר.

יחזקאל קאָרנהענדלער

# אַ וואָרט פון מחבר

די פאַלגנדיקע שורות ״אַזוי ווי אין אַ חלום...״ זענען נישט אָנגעשריבן געוואָרן ווייל ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט שרייבן אַ ראָמאַן, נאָר ס׳איז געטאָן געוואָרן ווי אַ הייליקער חוב צו פריינט, און וואָס כ׳האָב אַ צייט לאַנג מיך געקליבן צו טאָן.

כ׳האָב מיך באַמיט צו זיין וואָס קורצער, אַרויסצופירן דאָס דערציילטע אָן ליטעראַרישע עפעקטן און מיך אויסגעהיט פון צופיל כאַראַקטעריזירן די אַרויסגעפירטע געשטאַלטן.

איך האָב געשילדערט די געשעענישן אַזוי ווי זיי זענען פאָר־געקומען אין דער רעאַליטעט און פיל מיך איצט אַביסל באַרואיקט, וואָרעם כ׳האָב, מיטן אָנשרייבן די שורות, באַצאָלט אַ חוב וועלכן כ׳בין געווען שולדיק די לעבן־געבליבענע חברים, וואָס האָבן מיר די אויפגאַבע אָנפאַרטרויט און וועלכע געפינען זיך היינט צו טאָג צעשפרייט איבער דער וועלט, אין אַמעריקע, אין פראַנקרייך און אין ישראל.

דער ראָמאַן ״אַזוי ווי אין אַ חלום...״ איז אויך אַן אָפּגעצאָלטער חוב צו די, וועגן וועלכע כ׳האָב דאָ דערציילט און וועלכע זענען שוין, ליידער, נישטאָ.

דאַניעל קוקיעלקאַ

Imprimerie des Editions Polyglottes
232, rue de Charenton, Paris-12e

# 1

אַ גאַנצע נאַכט כמעט, האָט לערער זיך געוואַלגערט אויף זיין געלעגער און בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפן טראָץ דעם, וואָס די אויגן האָבן זיך אים געקלעבט און טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אויסגעמאַטערט פון אַ גאַנצן נאָכמיטאָג אַרומלויפן איבער אַזוי פיל געשעפטן כדי איינצוקויפן פאַרשידענע זאַכן פאַר זיך און אויך אַזוי פיל מתנות פאַר זיינע פריינד.

ס׳איז געווען אַן אומדערטרעגלעכע היץ און נאָך הייסער איז געווען אין די פיל געפּאַקטע מאַגאַזינען, ווו טויזנטער אַזוי ווי ער, האָבן איינגעקויפט דאָס נויטיקסטע וואָס יעדער איינער דאַרף אויף די וואַקאַנסן, וואָרעם ס׳איז געווען סוף חודש יולי.

פאַרשידענע געדאַנקען האָבן אים געמאַטערט און געשראָקן און זענען אַדורכגעלאָפן זיין מוח איינס נאָך דאָס אַנדערע פּונקט ווי אויף אַן עקראַן; געדאַנקען פריידיקע און געדאַנקען קאָפּ־שווינדלעריש. אָט האָט ער ווידער געזען פאַר זיך חנה׳לען, איר צושטיין צו אים. איר עקשנות און לעצטנס, אירע פאַרשלאָגן, וואָס האָבן אים דעם קאָפּ פאַרדרייט און אָט האָט ער געטראַכט, אַז מאָרגן אין דער זעלבער צייט, אָך, מאָרגן אין דער צייט! און ר׳האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם גליקלעכן מאָמענט, ווען ער וועט אויסשטייגן פונעם אַוויאָן; ווער ס׳וועט אים אַלץ אָפּוואַרטן און

ביי דעם געדאַנק האָט אים אַזאַ שטאַרקן צוויק געגעבן ביים האַרצן.

ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַז ער וועט מאָרגן איינשטייגן און פליען מיט אַן אַוויאָן און אויך ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן וועט ער באַזוכן ישראל, דאָס לאַנד, צו וועלכן זיין האַרץ האָט אַזוי לאַנג געשטרעבט צו באַזוכן און דאָס אַלץ וועט געשען מאָרגן אין דער זעלבער צייט.

ליגט ער אויף זיין געלעגער מיט האַלב־אָפענע אויגן און טראַכט אָן אויפהער און פרעגט זיך: ווי קומט עס? אַזוי פיל צופאַלן, אַזוי פיל געשעענישן אין איין חודש! אַזוי פיל יאָרן אַז דאָס לעבן איז געווען אַזוי איינטאָניק, אַזוי מאָנאָטאָן, שטענדיק דאָס זעלבע, יעדן טאָג דאָס אייגענע און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, יאָר־איין יאָר־אויס און מיטאַמאָל אַזוי פיל גליקלעכע געשעענישן, אַזוי פיל צופאַלן פאַר די לעצטע פאָר וואָכן און אפשר חלומט זיך אים דאָס אַלץ?

און אַט טראַכט ער ווידער וועגן זיין נסיעה; אַז ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן צו פאָרן נאָך ישראל האָט זיך געשטעלט פאַר אים די פראַגע, צו וועמען פאָרן? וועמען כאָטש אַ פאָר ווערטער שרייבן אַז ער קומט? אַז ער האָט דאָרט נישט קיינעם און ער האָט זיך אַליין געפרעגט: "ווי איז דאָס מעגלעך, אַ ייד זאָל קיינעמען נישט האָבן דאָרט אין לאַנד? אַ ווייטן קרוב אָדער אַ חבר, מיט וועמען צו רעדן אַ וואָרט?" און דאָ, אַזאַ גליקלעכער צופאַל: גראָד איצט, ווען ער קלויבט זיך פאָרן נישט האָבנדיק, ווי ער האָט געמיינט, צו וועמען, טרעפט ער הערשעלען וואָס האָט נאָר וואָס פאַרלאָזט פוילן און פאָרט זיך באַזעצן אין ישראל. ער פאָרט אַדורך פאַריז און זיי טרעפן זיך... און ער טראַכט, וועלכע געהיימע קראַפט פאָרט דאָס אַלץ צונויף? און אפשר איז טאַקע חנה'לע... נישט חנה'לע?...

און די געדאַנקען לויפן אַזוי שנעל איינער נאָכן אַנדערן, מישן זיך אויס און אַ מאָדנע פּלאָנטער. די אויגן קלעבן זיך פאַר

שלאָף און דאָס טראַכטן וועגן די אַלע פּאַסירונגען און די אַלע גליקלעכע צופאַלן וואָס עס האָבן מיט אים געטראָפן אין דעם איינעם חודש יולי, לאָזן אים נישט אָפּ.

און ער לייענט אין די געדאַנקען אפשר שוין צום הונדערטסטן מאָל, הערשעלעס בריוו, וואָס דערציילט אים וועמען ער האָט אַלץ געטראָפן אין לאַנד און ווי אַלע חברים זיינע וואַרטן עס מיט אומגעדולד אויף זיין קומען און אַז אַלע וועלן זיי אים אָפּוואַרטן אויפן פלי־פּלאַץ פון לוד, און דאָס וועט געשען מאָרגן, אין דער צייט...

ווען ער איז איינגעשלאָפן ווייס ער נישט. נאָר אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, איז שוין געווען גוט שפּעט, אָבער ער האָט זיך נישט געאיילט און איז געבליבן ליגן אויף זיין גע־לעגער. ער האָט זיך געפילט נישט אויסגעשלאָפן און ער וואָלט געוואָלט אָנקומען אין לאַנד אַריין אַן אויסגערוטער, נישט קיין מידער ביי דער דער ערשטער באַגעגעניש מיט "דער אַלטער גוואַרדיע", ווי הערשעלע שרייבט אים וועגן זיינע אַמאָליקע חברים, וואָס שוין באַלד דרייסיק יאָר צייט אַז ער האָט זיי נישט געזען.

און ווידער האָט ער געטראַכט: ווי זעען זיי אויס? צי וועט ער זיי דערקענען? און צי דערוואַרט אים נישט עפּעס אַ סור־פּריז?.... און ס'האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן ביי דעם דאָזיקן געדאַנק און מיט אַ געפיל פון שרעק האָט ער זיך אָנגעהויבן שנעל אָנטאָן. ער האָט פאַרפּאַקט די צוויי וואַליזן וואָס ער וועט אָפּגעבן אויף באַגאַזש און פאַר זיך האָט ער גע־לאָזט בלויז זיין לעדערנע האַנט־טאַש און מיט אַ אַ־דער האַנט־טאַש וועט ער אויסשטייגן פונעם אַוויאָן.

אום דריי אַזייגער נאָכמיטאָג איז ער שוין געווען אויפן פלי־פּלאַץ פון אָרלי. נאָכן האָבן אָפּגעגעבן דעם באַגאַזש, איז אים נאָך געבליבן אַריבער צוויי שעה ביז זיין אַוויאָן וועט אָפּפליען. האָט ער באַזוכט די אַלע איטערעסאַנטקייטן פון פלי־פעלד ביז ער

האָט געהערט אויסרופן אָט די הימלישע שטימע, ווי ער האָט אָנגערופן די צוויי ווערטער "תל־אביב".

ביים דערהערן דעם רוף "תל־אביב", האָט אים ס'האַרץ האָס־טיקער אָנגעהויבן קלאַפּן און גלייך מיט אַלע איבעריקע פּאַסאַ־זשירן האָט ער זיך געלאָזט צום אַוויאָן.

און דאָס שטאַרקע האַרץ־קלאַפּעניש האָט אָנגעהאַלטן ביז דער אַוויאָן האָט מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פּלי־פּלאַץ פון לוד.

ס'איז געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט.

פאַרן אויסשטייגן, האָט ער זיך פאַרקעמט די האָר און זיך גלייך געמאַכט דעם קראַוואַט. ער האָט גענומען זיין האַנט־טאַש און זיך געגרייט אויסצושטייגן.

ווען ער איז ענדלעך אַרויס פונעם אַוויאָן, האָט אים אַ וואַ־רעמע אַנגענעמע לופט אַרומגענומען און צוזאַמען מיט די איבע־ריקע פּאַסאַזשירן האָט ער זיך געלאָזט אין די אַמטן דערלעדיקן די פאָרמאַליטעטן. גייענדיק האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז ער הערט פונדערווייטנס רופן זיין נאָמען. ער האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן אַ ווײַלע, אָבער די וואָס זענען געווען הינטער אים האָבן אים געצוווּנגען ווייטער צו גיין, ביז צו די בנינים פונעם צאָל־אַמט.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און לערער איז אַרויסגעקומען מיט זיינע צוויי וואַליזעס און געבליבן שטיין נישט וויסנדיק אין וועלכער ריכטונג זיך צו ווענדן און וואָס אָנהויבן טאָן.

ס'איז אים אָבער נישט אויסגעקומען לאַנג צו טראַכטן. הער־שעלע איז פון ערגעץ־ווו אויסגעוואַקסן, צו אים צוגעלאָפן און זיך מיט אים צעקושט.

ער האָט גענומען די צוויי וואַליזעס און אים צוגעפירט צו אַ גרופּע וואָס איז געשטאַנען פונדערווייטנס און וואָס האָט שוין עטלעכע שעה צייט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין אָנקומען.

הערשעלע האָט אַוועקגעשטעלט די וואַליזעס אין אַ זייט און זיך געוואָנדן צו לערערן:

— נו, אַט האָסטו אַ טייל פון דער "אַלטער גוואַרדיע", וועמען דערקענסטו ?...

לערער איז געשטאַנען אַ שמייכלדיקער און געוואָרפן זיינע בליקן לינקס און רעכטס. אַט אויף דעם מאָמענט האָט ער דאָך געוואַרט און געחלומט אַזוי לאַנג. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט צו טרעפן די אַלע, וואָס הערשעלע האָט אים אויסגערעכנט אין זיין בריוו, אַזוי ווי זיי האָבן אויסגעזען אַמאָל... ער האָט אין דעם מאָמענט פאַרגעסן, אַז ס'איז שוין אַדורך גאַנצע דרייסיק יאָר, וואָרעם ער האָט דערזען פאַר זיך אַ גרופּע עלטערע חברה. דאָס אָרט וווּ זיי זענען געשטאַנען איז דערצו נאָך, געווען זייער שוואַך באַלויכטן. אפשר איז עס אַזוי געווען צוליב דער שפּעטער שעה. עס האָט זיך אים אויף אַ ווײַלע אויסגעדוכט אַז הערשעלע האָט אים אָפּגענאַרט ; ער זעט פאַר זיך בלויז פרעמדע פּנימער. איז עס דען מעגלעך אַז ער זאָל קיינעם פון זיי נישט דערקענען ? ער האָט זיך דערנענטערט צו איינעם פון דער גרופּע און מיט אַ צווייפל אים געפרעגט :

— ביסטו נישט שלאַמעק ?...

— אוודאי, — איז שלאַמעק אַ פאַל אַרויף געגעבן אויף אים.

— האָסטו דאָך מיך יאָר דערקענט און איר דערקענסטו ?... — האָט שלאַמעק אים אָנגעוויזן אויף אַ דיקלעכער פרוי מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ גרויע האָר.

לערער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דער פרוי, און האָט אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ניין, איך דערקען נישט.

— דערקענסט איר נישט ? — זאָגט שלאַמעק מיט אַ זיכערקייט — און דאָך קענסטו איר זייער גוט. ערשטנס, איז עס מיין פרוי. און צווייטנס, דאָס איז דאָך רויזעלע. דערמאָנסטו זיך נישט אין רויזעלע ?...

— רויזעלע, רויזעלע ! — האָט לערער זיך געוווּנדערט — געווען אַזאַ שלאַנק און שיין מיידל, מיט אַן איידל און בלאַס

געזיכט. מיט צווי שיינע קאַרשן־אויגן. און איצט שטייט פאַר אים אַ דיק ווייבל מיט אַ קאָפּ גרויע צעשויבערטע האָר. ער האָט זיך מיט איר צעקושט און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן דעם נאָמען, ״רויזעלע, רויזעלע״...

— כ׳האָב מיך אַביסל געענדערט, נישט אמת?

— יאָ, רויזעלע, אַביסל זיך געענדערט. האָסט דיך געענדערט מיט דרייסיק יאָר.

— און וועמען נאָך דערקענסטו? — פרעגט הערשעלע.

— ווייסט איר וואָס? — זאָגט לערער, — וואָס דאַרפן מיר זיך שפּילן אין טרעפּערלעך? טרעף ווער ער איז און ווער זי איז. מיר שטייען דאָ אין אַזאַ אָרט ווו ס׳איז אַזוי טונקל, אַזוי ווייניק באַלויכטן, אַפילו ווען ס׳וואָלט געווען גוט ליכטיק, דאַרף מען אויך גוט אָנשטרענגען דעם זכרון כדי צו דערקענען אייך, אַ חברה וואָס מען האָט זיך שוין דרייסיק יאָר נישט געזען; אפשר קען מען זיך ערגעץ אַוועקזעצן? עפּעס טרינקען? אַביסל שמועסן, וועל איך שוין ביסלעכווייז, יעדן איינעם דערקענען.

— גערעכט, גערעכט, — האָבן אייניקע אויסגערופן. נישט ווייט איז געווען אַ באַר, מען האָט צוגעטראָגן די וואַליזעס. שלאַ־מעק מיט רויזעלע האָבן געפירט דעם גאַסט און אָן אימעצן צו פרעגן, האָט מען די טישלעך אויסגעשטעלט אויף אַזאַ אופן, אַז לערער זאָל זיצן אין דער מיט און ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט מיט יעדן צו רעדן און יעדן איינעם קענען גוט אָבסערווירן און אַזוי ווי הערשעלע איז געווען דער גאַנצער מחותן פון דער שמחה, האָט ער זיך געפּאָרעט מער פון אַלעמען. ער האָט אַריינגעבערענגט דעם האַלב־פאַרשלאָפענעם קעלנער, אים געוויזן וויפיל געסט ער האָט אים דאָ צוגעשאַנצט און ער זאָל שנעל סערווירן לויט יעדנס פאַרלאַנג.

— וואָס טרינקסטו, לערער?

— וואָס ווייס איך דען פון אייערע געטראַנקען? באַשטעל עפּעס אַ גוטן געטראַנק.

ערשט דאַן, ווען יעדער איינער האָט זיך אַביסל דערקוויקט מיט זיין גוטן געטראַנק און לערער האָט באַשטעלט נאָך און נאָך און ווען אויף די טישלעך זענען שוין געשטאַנען אַ פופציק ליידיקע פלעשעלעך, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דערקענען און דאָס דער־מאָנען זיך און יעדע ווילע איז געפאַלן אַן אַנדערער אויסרוף:

— גיטעלע?... און דאָס ביסטו בראָנקע?... מאַניעק און פעלד־מאַן. אידאַ און שמולעק און נאָך און נאָך... און ווען ער האָט שוין געהאַט אַלעמען דערקענט און ווען מען האָט די אומבאַקאַנטע פּאָר אים פאָרגעשטעלט, האָט שלאַמעק זיך אָפּגערופן:

— דו, לערער, מוז איך דיר זאָגן, האָסט דיך כמעט גאָרנישט געענדערט. בלויז איןביידע זייטן שלייפן זילבערט זיך אַביסל. אַ זאַך וואָס עס פּאַסט דיר גראָד זייער גוט און מען דערקענט אויך אין דיר אַז דו ביסט טאַקע אַ נגיד. און אַזוי ווי מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט אויף דיר און דיך אויסגעקוקט מיט אומגעדולד, וויל איך דיך איצט בעטן, כמעט אין אַלעמענס נאָמען, דו זאָלסט אונדז דערציילן עפּעס פון דיין אייגן לעבן, וואָס מיר אַלע זענען, פאַרשטייט זיך, שטאַרק נייגיריק צו וויסן.

ביי די ווערטער האָבן אַלע כמעט ווי אינסטינקטיוו זיך צונויפ־געקוקט מיינענדיק, אַז אָט־אָט, וועט לערער אָנהויבן זיי עפּעס צו דערציילן, אָבער לערער האָט זיך נישט געאיילט.

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? — האָט ער זיך אָפּגערופן — וואָס עפּעס שוין, ביי די ערשטע טריט, אַרויס מיט דער מעשה? ס׳טאָגט דאָך שוין באַלד. וועט איר קענען מאָרגן שטיין אויף די פיס?.... וועט איר קענען מאָרגן גיין צו אַן אַרבעט?

— זיי רואיק, לערער, מיר אַרבעטן נישט מאָרגן. מיר דאָ, האָבן אויך וואַקאַציע און נישט בלויז ביי אייך אין פראַנקרייך. מיר האָבן זיך אַזוי איינגעאָרדנט, אונדזער וואַקאַציע האָט זיך גראָד אָנגעהויבן היינט, טאַקע צוליב דיין קומען. אַזוי אַז דו קענסט זיין רואיק.

— אויב אַזוי, פרייד עס מיך זייער, אָבער איך וועל אייך

דערציילן אַן אַנדערע מעשה, אַז איך האָב מיר נישט באַזאָרגט פון פּאַריז אויס, מיט קיין וווינונג, מכוח ווו שלאָפן.

אַלע האָבן זיי אָנגעהויבן צו לאַכן און הערשעלע, אויך אַ לאַכנדיקער, זאָגט צו אים:

— זע נאָר, אַ האַלבער קלוב "פּראָמיען" זיצט דאָך דאָ, זאָרג־סטו זיך מכוח ווו דו וועסט שלאָפן?...

— אַך, "פּראָמיען". "פּראָמיען"! האָסט מיך דערמאָנט אַ טייערן נאָמען. געדענקסט, הערשעלע, מען האָט אַ נאָמען געגעבן אונדזער קלוב "פּראָמיען", "קליין מאָסקווע"?... און ווי שטאָלץ מיר זענען דעמאָלט געווען מיט אָט דעם נאָמען?...

— יאָ, — זאָגט הערשעלע — דעמאָלט זענען מיר שטאָלץ געווען, ווייל דעמאָלט האָט קושניראָוו געזונגען: "איין און איינציק רוסלאַנד, די ליכטיקע וויג פון באַפרייאונג". אָבער היינט, זינגט ער שוין נישט מער...

— ווייסט דען נישט — ענטפערט הערשעלע — ביי אונדז יידן איז שוין אַזאַ מנהג, אַז אויף יעדער שמחה, מוז מען אויך לאָזן אַ טרער...

— זיי רואיק, לערער, — רופט זיך אָפּ רויזעלע — דיין צימער איז שוין גרייט. אויף ווי לאַנג דו וועסט נאָר וועלן.

— אויב אַזוי, טאָ וואָס טוען מיר איצט?

— דערצייל, — זאָגט שלאָמעק — דערצייל עפּעס וועגן זיך. מיר גייען אויס עפּעס צו וויסן וועגן דיר. מיר ווייסן נאָך אפילו נישט פאַרוואָס דו ביזט אַזוי געהיימניספול פאַרשווינדן געוואָרן דעמאָלט פון וואַרשע און ווי אַזוי לעבסטו היינט? האָסטו אַ פרוי? האָסטו קינדער? קענען מיר דיין פרוי? איז זי פון אונדזערע קרייזן? דערצייל, מיר קענען זיצן די גאַנצע נאַכט.

לערער האָט שווער אָפּגעזיפצט און נאָך אַ ווײַלע קלערן, געזאָגט:

— כ'האָב אַמאָל געלייענט אַ ביאָגראַפיע פון אַ יידישן אַקטיאָר, האָט ער אַזוי געשריבן: "איך בין געבוירן געוואָרן, כ'בין

אויפגעוואַקסן, כ׳האָב חתונה געהאַט, כ׳האָב אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער און איצט גרייט איך מיך שוין אַריבערפּעקלען אויף יענער וועלט...״ אויב איר ווילט איך זאָל אייך איצט דערציילן וועגן זיך, קען איך אייך זאָגן אומגעפּער דאָס זעלבע, בלויז מיט אַ קליינער אויסבעסערונג, אַז איך גרייט מיך נאָך נישט אַריבער־פּעקלען אויף יענער וועלט און אַזוי ווי איך האָב אייך זייער פיל צו דערציילן און אַז עס האָט אויך אַ געוויסן צוזאַמענהאַנג מיט מיין קומען דאָ צו אייך, מוזט איר האָבן אַביסל געדולד, וואָרעם ס׳איז נישט אויף איצט. איבעריקנס, בין איך דאָך נאָר וואָס געקומען. איך פאָר דאָך נישט גלייך מאָרגן צוריק. איך פאַרזיכער אייך, אַז כ׳וועל נישט פריער אָוועקפאָרן, ביז איר וועט אַלץ וויסן פון און וועגן מיר. איין זאַך וויל איך צוגעבן; דו, שלאָמעק, האָסט מיר פריער געזאָגט, אַז מען דערקענט אין מיר אַ נגיד, און דו רויזעלע, האָסט מיר אָנגעגרייט אַ צימער, איך דאַנק אייך זייער דערפאַר, נאָר זוכט נישט צו קאַרגן אויף מיין חשבון, ווייל כ׳האָב גענוג געלט מיט מיר, — ס׳וועט מיר נישט אויספעלן און כ׳וועל נאָך אַ מאָל פרעגן, וואָס טוט מען איצט? דערציילט איר עפּעס פון זיך גופא! ווי אַזוי זייט איר אַרויס פונעם גיהנום? און ווי לעבט זיך אייך דאָ אין לאַנד?

— אפשר ביסטו מיד, לערער? אפשר וואָלסטו בעסער גע־וואָלט זיך אויסרוען נאָך דער רייזע?

— איך בין נישט מיד און ווען איך וואָלט עס אפילו יאָ געווען, איז די פריד מיינע, וואָס איך זיץ דאָ צוזאַמען מיט אייך, הונדערט מאָל שטאַרקער פון דער מידקייט. אפשר זייט איר גאָר מיד? איך הער דאָך נישט פון קיינעם קיין וואָרט, גלייך ווי איר וואָלט אַלע געווען איינגעשלאָפן. גיטעלע, ווו איז אַהינגעקומען דיין פריילעכקייט? געדענקסט אַמאָל?... אויף יעדן וואָרט, האָסטו גע־האַט צו לאַכן אַ גאַנצע האַלבע שעה און דו, פעלדמאַן? ביסט דאָך געווען דער פריילעכסטער פון אַלעמען. שמולעק, געדענקסט אויף דער קאָלאָניע פון אונדזער קלוב ״פּראָמיען״? דו ביסט דאָך

געוועזן אַ טשאַרלי טשאַפּלין, וואָס שלאָפט איר איצט? איר זייט טאַקע מיד, דאַרף מען זיך נישט קווענקלען. איך פאָר נאָך נישט אַוועק...

— וואָס ס׳איז געווען אַמאָל איז נישט היינט — רופט זיך אָפּ פעלדמאַן, — אַ חוץ אַלעם, זענען מיר באמת איבעראַשט, דו זעסט אויס פונקט ווי אַמאָל, האָסט זיך כמעט נישט געענדערט און קוקנדיק אויף דיר, דערמאָנט זיך יעדער פון אונדז אין די יונגע יאָרן, ווען מיר האָבן פאַרברענגט צוזאַמען און וואָס איז אַזוי שנעל פאַרשווינדן, לערער, מיר וואַרטן אויף דיינס אַ וואָרט!

— אויב אַזוי, — זאָגט לערער — לייג איך פאָר, מען זאָל אַהיימפאָרן. קיינער פון אייך אַרבעט דאָך נישט מאָרגן; איר האָט דאָך גענומען אייער וואַקאַנס צוליב מיר; וועלן מיר זיך דאָך כסדר טרעפן, זיין צוזאַמען. נו, וועט מען זיך שוין אויסשמועסן און איך גלויב אַז מיר וועלן גוט פאַרברענגען. און איצט, ווו וווינט איר? אין וועלכער שטאָט? און ווי אַזוי און מיט וואָס קען מען אַהיימקומען?

— טאַקסיס באַקומט מען אַ גאַנצע נאַכט — רופט זיך אָפּ הערשעלע. — אויב איר זייט אַלע מסכים, ברענג איך גלייך אַהער צוויי טאַקסיס.

— איך גיי מיט, — האָט זיך פעלדמאַן אויפגעשטעלט.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און צוויי פולע טאַקסיס, אָנגעפּאַקט מיט חברה, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אין דער ריכטונג פון חולון.

און אַז מען איז שוין געווען ביי רויזעלען אין דער וווינונג, האָט זיך עולם אויסגעזעצט איבערן צימער און כסדר געקוקט אויף דעם גאַסט. קיינער האָט נישט געטראַכט פון קיין שלאָפן.

— דו ווייסט — רופט זיך אָן שלאַמעק נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן, — ס׳איז עפּעס אַזוי אומפאַרשטענדלעך דיין שווייגן. דרייסיק יאָר ווי מען האָט זיך נישט געזען און ווער האָט געגלויבט אַז דו לעבסט, פונקט ווי דו גופא האָסט אפשר נישט געגלויבט אַז מיר לעבן און איצט, אַז מען האָט זיך געטראָפן, איז

דאָך דאָס גלייכסטע אונדז צו דערציילן ווי אַזוי דו לעבסט, ווי איז מיט דיין פאַמיליע? ווי אַזוי ביזטו אַריבערגעקומען די מלחמה? לויט דיין אויסזען קען מען טראַכטן, אַז דו האָסט נישט מיטגע־מאַכט דאָס נאַצישע גיהנום. דאָך פאַרשטייען מיר אַז דו האָסט אויך אַ סך איבערגעלעבט פאַר די אַלע יאָרן. ווי אַזוי זשע קען מען קומען צו חברים, צו אַלטע חברים און גאָרנישט זאָגן? דיין שווייגן שטערט אונדז אפילו איצט, צו גיין זיך לייגן...

— זייט אַלע רואיק און לייגט אייך שלאָפן און ווען איר וועט אויפשטיין פון שלאָף, וועט איר מיך נאָך טרעפן מיט אייך און מיר וועלן נאָך האָבן גענוג צייט צו שמועסן און זיך צו דער־ציילן וועגן דער גאַנצער אָפּגעלאָפענער צייט, און כ׳מוז אייך לסוף צוגעבן, אַז די צוויי טאַקסיס, וואָס האָבן אונדז דאָ אַהער־געפירט, האָב איך זיי באַשטעלט אויך אויף מאָרגן, דאָס הייסט, אויף היינט נאָכמיטאָג און מיר וועלן צוזאַמען באַזוכן דאָס לאַנד. כ׳פאַרזיכער אייך, נאָכאַמאָל, אַז כ׳פאָר נאָך נישט מאָרגן צוריק אַהיים... און ס׳וועלן נאָך זיין גענוג אָוונטן, וואָס מען וועט זיך בעטן מען זאָל עפּעס דערציילן, און ס׳וועט שוין נישט זיין וואָס...

דערווייל האָבן רויזעלע און גיטעלע זיך געפּאָרעט ביים מאַכן די געלעגערס, און לערער האָט באַוואונדערט די ישראלדיקע בעטן, וואָס פון איין בעט ווערן דריי... מען רוקט עפּעס אַרויס פון אונטן און עפּעס פון אויבן, און פון יעדן בעט ווערן דריי געלעגערס.

עולם איז סוף־כל־סוף געוועזן מיד, האָט מען זיך געלייגט און מען איז געשלאָפן ביז שפּעט אין טאָג אַריין.

## 2

אַז לערער האָט זיך אויפגעוועקט אינדערפרי, איז שוין געווען גוט שפּעט. די צוויי געלעגערס נעבן אים זענען שוין געווען ליידיק. טראָץ דעם איז ער געבליבן ליגן, זיך אַרומגעקוקט און געטראַכט:

נעכטן אין דער זעלבער צייט, איז ער געלעגן אין זיין בעט אין פּאַריז און איצט, שוין אַלץ איבערגעקומען: דאָס פליען, דאָס טרעפן זיך מיט די חברים פון אַמאָל, פון זיין יוגנדצייט. צוליב אַ צופאַל, האָט ער דאָך מיט איינִיקע וואָכן צוריק דערציילט חנהלען וועגן זיין יוגנד... און ער טראַכט, ווי אַלץ אַנטלויפט אַזוי שנעל, אַזוי גיך און ער האָט געטראַכט וועגן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי אַזוי אויסצונוצן די צייט וואָס ער וועט דאָ פאַרברענגען.

ער האָט באַמערקט ווי די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט און דערזען אַז שלאָמעק שטעקט אַריין זיין קאָפּ, וועלנדיק וויסן צי לערער שלאָפט נאָך:

— קום אַריין, שלאָמעק, קום אַריין, איך בין שוין לאַנג אויף, און אַזוי ווי אין הויז איז שטיל און כ'האָב נישט געהערט קיינעם, בין איך געבליבן אויפן געלעגער.

— ס'וואונדערט מיך נישט, — ענטפערט שלאָמעק — ביסט מיד פון דער רייזע. ווייסט כאָטש ווי שפּעט עס איז? שוין נאָך עלף אַזייגער. אין דער נישט־חפש־צייט, איז שוין אַ האַלבער טאָג אַרבעט אָפּגעטאָן.

— נו, אויב אַזוי, טו איך מיך שוין אָן, — ער איז אַראָפּ פון בעט. אָבער דאָס אָנטאָן זיך, איז געווען אַ קלייניקייט: אַ העמדל און אַ פּאָר הויזן. די היץ איז שוין געווען גרויס, און ווען

ער איז אַריין אין דעם עס־צימער, האָבן אַלע אים באַגריסט מיט אַ הויכן ״שלום״ און אַ געשמאַקער ריח פון פרישער קאַפּע האָט געריצט זיין אַפּעטיט. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט שוין טאָקע לאַנג געחלומט פון דעם ערשטן פרישטיק אין ישראל.

און אַזוי שמועסנדיק מיט די חברים זיינע, האָט ער איצטער, ביים טאָג־שיין זיי אַלע בעסער און בעסער דערקענט.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

ס׳איז געווען איינער פון די שאָפערן, וואָס לערער האָט זיי געהאַט באַשטעלט אויף צו קומען היינט נאָכמיטאָג.

דער ערשטער עטאַפּ פון שפּאַציר איז געווען ירושלים.

און אַזוי יעדן טאָג. אינדערפרי האָט מען זיך געבאָדן און זיך געוואַלגערט אויף דעם גאָלדענעם זאַמד פון בת־ים און נאָכמיטאָג איז מען געפאָרן באַזוכן דאָס לאַנד. יעדן טאָג אין אַן אַנדערער ריכטונג און יעדן טאָג האָט לערער אַלץ מער אָנגעקוואָלן פון דעם אַלעם. מען האָט אויך באַזוכט קיבוצים און אַזוי איז אַדורך די גאַנצע ערשטע וואָך.

פאַר דער צייט, האָט לערער פון יעדן איינעם זיך דערוווּסט ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט אין קריגס־צייט און ווי לאַנג זיי זענען שוין אין לאַנד און ווי אַזוי זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט. ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מכוח דעם טאָג־טעגלעכן לעבן און יעדער איינער האָט גערן פאַרענטפערט אַלע זיינע פראַגן.

מאָנטיק אָוונט, אויפן ניינטן טאָג פון לערער׳ס זיין אין לאַנד, צוריקקומענדיק פון זייער עקסקורסיע איבערן גליל, וווּ לערער איז געווען בלויז מיט רויזעלען און איר מאַן שלאָמעק, די איבעריקע זענען זיך צעפאָרן, יעדער צו זיך אַהיים, האָט שלאָמעק אויף דאָס ניי זיך געוואָנדן צו לערערן, פרעגנדיק אים:

— נו, ווי לאַנג וועסטו אונדז אַזוי האַלטן אין שפּאַנונג? ווען וועסטו שוין אַנטפּלעקן פאַר אונדז דיין געהיימניס?...

— וויסטו וואָס — ענטפערט לערער, — איך לייג פאָר, אויב ס׳איז מעגלעך פּרייטיק־צונאַכט! מיר וועלן מאַכן פאַר אַלעמען

אַ נאַכטמאַל און נאָכן עסן, וועל איך, ווי דו רופסט עס אָן, אַנט־פּלעקן פֿאַר אייך מיין געהיימניס... איך האָב אפילו געטראַכט צו מאַכן ערגעץ אַ געזעגענונגס־אָוונט אין אַ באַר, אָדער אין אַ גרויסן רעסטאָראַן; נאָר ס'וועט נישט זיין באַקוועם. ביי אייך פּיל איך מיך אַזוי היימיש, פריי און בכלל איז דאָס וואָס איך דאַרף אייך דערציילן, נישט אויף אַ פּאָר מינוט. כ'וואָלט אָבער נישט גע־וואָלט באַלעסטיקן רויזעלען, זי זאָל זיך דאַרפן אַזוי פיל אַרומ־פּאָרען און אַזוי פיל אַרבעטן. איך גלויב אַז דו קענסט קריגן אַ מענטשן וואָס זאָל דאָס אַלץ צוגרייטן, כדי דו זאָלסט נישט האָבן אַזוי פיל אַרבעט.

— וואָס, דו האַלטסט שוין ביי אַ געזעגענונגס־אָוונט?

— יאָ, מיינע ליבע, פון היינט איבער אַכט טעג פאָר איך שוין צוריק. נאָר זייט רואיק, מיר וועלן זיך אינגיכן ווידער זען.

— דו מאַכסט מיך נייגעריק, לערער.

— יאָ כ'פאַרשטיי, אָבער דעם פרייטיק וועסטו שוין אַלץ וויסן.

גאָר גיך האָבן זיך אַלע דערוווסט אַז לערער פאָרט שוין צוריק אַהיים, און אַז פרייטיק־אָוונט דאַרף איטלעכער זיין ביי שלאָמעקן אין שטוב.

דער אָוונט איז געווען אַ גרויסאַרטיקער. אַלע האָבן זיך גע־פּאָרעט. אויף לערערס פאַרלאַנג זענען אויפן טיש געשטאַנען פלעשער מיט די בעסטע וויינען און רויזעלע, גיטעלע און אידאַ האָבן געגרייט די געפילטע פיש. בראָנקע מיט אַנדערע האָבן צוגע־גרייט אַנדערע געשמאַקע מאכלים און ביים שבתדיקן אָוונט־עסן זענען אַלעמענס בליקן ווידער געווען געריכטעט צו לערערן, וואָס איז געזעסן אויבן־אָן.

דער אָוונט איז, ווי בכלל אין זומער, געווען אַ הייסער. די מענער האָבן געטראָגן ווייסע לייכטע העמדלעך און די פרויען לייכטע קליידלעך. נאָכן עסן האָט מען געהאַלטן אין איין טרינקען ביר און אַנדערע קאַלטע געטראַנקען און נאָכן אָפּרייניקן דעם

לאַנגן יום־טובדיקן טיש, האָט מען דערלאַנגט געפרווירענע קאַפּע. מען האָט זיך געמאַכט באַקוועם און מיט נייגיר געוואַרט אויף דעם וואָס אָט דער לערער האָט זיי צו דערציילן.

לערער האָט געפּילט די שפּאַנונג אַרום אים. ער האָט פאַרלאָשן דעם סיגאַרעט, ווען ער האָט געוויכערט און זיך אָפּגערופן צו זיינע חברים:

— מיינע ליבע, מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו דערציילן אַ געוויסע חנה׳לע מיין גאַנצע לעבנס־ביאָגראַפיע. אַלץ פון מיין יוגנט אָן ביז היינט. ווער די חנה׳לע איז און פאַרוואָס איך האָב איר דאָס אַלץ דערציילט, וועט איר זיך דערוויסן פון דעם וואָס איך וועל אייך דאָ דערציילן און אַזוי ווי מיין קומען איצט צו אייך האָט אַ גרויסן שייכות מיט אָט־אָ דער חנה׳לע... און כדי איר זאָלט אַלץ פאַרשטיין, מוז איך אייך דערציילן דאָס זעלבע וואָס איך האָב דערציילט איר, דאָס הייסט, עס וועט אויסקומען אַ דערציילונג פון אַ דערציילונג. אום כדי איך זאָל גאָרנישט פאַרגעסן און גאָרנישט פאַרפעלן, וועל איך אייך בעטן, נישט איבערצורייסן מיין דערציילן מיט קיין שום פראַגע, ווייל אַלץ וועט אייך ווערן קלאָר ביים סוף פון מיין דערציילן. איך גלויב, אַז איר וועט אייך גופא אויך זען אין דעם וואָס איך וועל אייך דערציילן און איר וועט אַזוי אַרום זיך אויך דערוויסן, ווען, ווי אַזוי און פאַרוואָס איך בין פאַרשווונדן געוואָרן פון וואַרשע... איר וועט זיך דערוויסן וועגן מיין פאַמיליע־לעבן. איר וועט זיך דערוויסן, פאַרוואָס כ׳האָב איצט געמאַכט די רייזע צו אייך. קורץ, ס׳וועט אייך אַלץ קלאָר ווערן. בעט איך אייך נאָכאַמאָל, שטערט מיר נישט מיט קיין שום פראַגן און אויך נישט מיט קיין אַנדערע זאַכן וואָס קענען שטערן דאָס דערציילן און אַז איך וועל האָבן געענדיקט, וועל איך פאַרויכערן אַ סיגאַרעט. דאָס וועט זיין דער סימן, אַז ס׳איז דער סוף און דעמאָלט וועט איר קענען שטעלן פראַגן אויב איר וועט וועלן און אַזוי ווי ס׳איז שטאַרק הייס, בעט איך אייך עפּעס אַ קאַלטן געטראַנק און אויב איר ווילט,

קענט איר אַפילו פאַרלעשן די ליכט, ווייל דערציילן קען מען ביי אַ קליין לעמפּל אויך. נו, איר זענט גרייט מיך אויסצוהערן?

חברה וואָס איז געווען ביז גאָר געשפּאַנט, האָט זיך צוזאַמענ־געדריקט און לערער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן:

## 3

כ׳וועל אָנהויבן מיט דעם דערציילן אייך, אַז אין לעבן מיינעם וואָס כ׳האָב ביז לעצטנס געפירט, איז מיט אומגעפער אַ יאָר צוריק, פאָרגעקומען אַ גרויסע, אַן אויסערגעוויינלעכע ענדערונג, וואָס איז מיר גופא שווער צו גלויבן. די ענדערונג האָט זיך אָנגעהויבן אָט ווי אַזוי:

די וואַקאַנסן האָבן זיך געענדיקט. מען איז צוריקגעקומען אַהיים אָפּגעברענט און אויסגערוט און מען האָט זיך געפילט גרייט אויף דאָס ניי זיך שטעלן צו דער אַרבעט, אונטערנעמען אַ פרישן יאָר פון זאָרגן און פאַרפּליכטונגען. אגב האָט זיך טאַקע געשטעלט אַ גוטער און שטאַרקער סעזאָן און מען האָט געמוזט גלייך ווערן אַקטיוו.

קומענדיק אַהיים פון די וואַקאַציעס, האָבן מיר פאַרשטייט זיך אָנגעטראָפן מערערע בריוו און איינער פון זיי, איז געווען פון דער מיליטער־מאַכט, וואָס האָט גערופן מיין זון זיך גלייך צושטעלן, כדי אָפּגעשיקט צו ווערן אַלס זעלנער אין אַ באַשטימטן רעגימענט.

דאָס בריוול פון דער מיליטער־מאַכט איז פאַר אונדז נישט געווען קיין סורפּריז. פונדעסטוועגן זענען מיר אַלע געווען טרויעריק, וואָרעם עס האָט ביז גאָר ווײ־געטאָן דער געדאַנק פון ד׳ער צעשיידונג און מער פון אַלעמען האָט דערפון געליטן מיין פרוי וואָס האָט איצט דערפילט אַז דאָס קינד, איר איין און איינציקער געראָטענער זון, מוז פאַרלאָזן זיין שיינע, באַקוועמע היים און זיך אַרומוואַלגערן אין מיליטער־קאַזאַרמעס. ווייל אַ מאַמע, ווי איר ווייסט, אַנערקענט נישט קיין אַנדערע אויטאָריטעט איבער איר

קינד אויסער איר אייגענע אויטאָריטעט און פאַרלאַנגט צו געבן איר קינד דאָס שענסטע און בעסטע, לויט אירע און אפילו איבער אירע מעגלעכקייטן.

אַ חוץ אַלעם האָט מיין זון פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקע פּאָזיציע אין מיין געשעפט; ער האָט געפירט די גאַנצע בוכהאַלטעריע פון מיין אונטערנעמונג, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט צענדליקער היים־אַרבעטער און הונדערטער קליענטן, ליפעראַנטן און באַנק־אָפּעראַציעס, און מיט זיין אַוועקגיין אין מיליטער, וועט אויף מיר פאַלן אַ גרעסערע לאַסט און אַז עס וועט מיר זיין ביז גאָר שווער, דערצו נאָך, אין די סעזאָן־טעג.

כ׳האָב מיך אָנגעהויבן אַרומקוקן מכוח געפינען אימעצן וואָס זאָל קענען מיר העלפן פאַרטרעטן מיין זון. כ׳האָב נאָכגעפרעגט ביי פיל באַקאַנטע. געגעבן אייניקע אַנאָנסן אין דער צייטונג, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. דערווייל בין איך געווען געצוווּנגען אויסצופירן אַליין אַ ריי ביוראָ־אַרבעטן און פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב נאָר געטאָן דאָס נויטיקסטע און די רעשט געלאָזט אויף די זונטיק־טעג, ווען ס׳געשעפט איז געשלאָסן און כ׳בין פריי פון קונים.

אַ געוויסן זונטיק פאַרמיטאָג, בין איך אַזוי געזעסן אין ביוראָ פון מיין געשעפט, שטאַרק פאַרטיפט אין מיינע חשבונות און ווייל כ׳בין געווען זיכער אַז קיינער וועט איצט נישט קומען, האָב איך, כדי צו זיין פולשטענדיק רואיק, אויסגעשלאָסן דעם עלעקטרישן שטראָם פונעם גלעקל ביי דער טיר, וואָס איז נישט געווען גע־שלאָסן און געניסנדיק פון דער איינגעשטעלטער שטילקייט, האָב איך מיך ביז גאָר פאַרטיפט אין מיינע פּאַפּירן.

אַ געוויסן מאָמענט, האָט זיך מיר געדוכט אַז עס שטייט ווער נעבן מיר, כ׳האָב אָבער פאַרטריבן פון מיר דאָס דאָזיקע געפיל. ס׳איז מיר געווען אַ שאָד זיך אָפּצורייסן פון דער אַרבעט. כ׳האָב אָבער פאָרט געהאַט דאָס געפיל פון הערן אימעצנס אָטעם האַרט נעבן מיר. כ׳האָב נישט ווילנדיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און

מאָמענטאַל דערפילט דאָס בלוט גליווערן ממש אין מיינע אָדערן: כ׳האָב דערזען נעבן מיר אַ מיידל, וועמענס אויסזען האָט מיך געוואַלטיק אויפגערודערט און כ׳האָב מיך האַסטיק געגעבן אַ רוק־אָפּ פון ביוראָ־טיש. פון איבעראַשונג האָב איך פאַרלוירן דאָס לשון, כ׳האָב געקוקט אויף דער אומגעריכט אויסגעוואַקסענער גע־שטאַלט פונעם מיידל, אָבער אויך זי גופא, איז געווען נישט ווייניקער דערשראָקן פון זען מיין איבעראַשונג, וואָס האָט זיך גענו־מען דערפון, וואָס אין דער פּערזאָן אירער, האָב איך דערזען אַ באַקאַנט געזיכט פון אַ מענטשן וועלכן כ׳האָב שוין לאַנג, לאַנג נישט געזען און געוווּסט האָב איך, אַז די פּערזאָן געפינט זיך שוין נישט צווישן די לעבעדיקע.

ענדלעך האָב איך מיך אַביסל באַהערשט, געקומען צו זיך און קוים, קוים, מיך געקענט אָפּרופן:

— ווער זענט איר?

אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, האָט דאָס מיידל מיר דערלאַנגט אַ וויזיט־קאַרטל, אויף וועלכן כ׳האָב דערזען דעם נאָמען פון מיינס אַ פריינד.

— וואָס ווינטשט איר? — האָב איך איר געפרעגט.

— כ׳בין געקומען וועגן דער אַרבעט ביי אייך אין ביוראָ.

פילנדיק זיך שוין אַביסל באַרואיקט פון דער אויפטרייסלונג, האָב איך מיך פאַר איר אַנטשולדיקט, אויפקלערנדיק איר, אַז מיין שרעק איז געווען אַ רעזולטאַט פון... נישט הערן איר אָנקומען און פון פּלוצימדיקן דערזען איר נעבן זיך, כ׳האָב אפילו פּרובירט שמייכלען און לסוף איר געפרעגט:

— קענט איר ביוראָ־אַרבעט?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— איז קומט מאָרגן פרי צו דער אַרבעט.

זי טראַכט אַ ווײַלע און פרעגט:

— וויפיל וועל איך באַקומען געצאָלט?

— וועגן דעם, מיין קינד, דאַרפסטו נישט זאָרגן — בין איך

אַריבער אויף "דו". — אויב דו וועסט קענען אויספירן די אַרבעט, וועסטו פאַרדינען לויט דיין פאַרלאַנג. ווי אַזוי רופט מען דיך?

— אַנעט.

— הייסט עס, אַז אויף יידיש, רופט מען דיך חנה׳לע?

זי האָט שמייכלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אויב אַזוי, חנה׳לע, קום־זשע מאָרגן צו דער אַרבעט און כ׳גלויב אַז דו וועסט זיין צופרידן.

זי האָט געזאָגט אַ שטילן "גוטן טאָג" און האָט פאַרלאָזט דאָס געשעפט.

פונקט ווי דאָס דערזען איר, איז געווען פאַר מיר ביז גאָר אומגעריכט, אַזוי אויך האָב איך בעתן רעדן מיט איר, געמיינט, אַז זי וועט אָט, אָט פלוצים אויך אַזוי פאַרשווינדן ווערן און אַפילו שוין נאָך איר אַוועקגיין, איז מיר שווער געווען צו גלויבן, אַז כ׳האָב געהאַט פאַר מיר אַ לעבעדיקן מענטשן ווי איטלעך איינער. כ׳האָב געקוקט אויפן וויזיט־קאַרטל וואָס זי האָט דאָ איבערגע־לאָזט, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ באַווייז אַז ס׳איז דאָ ווירקלעך ווער געווען, מיט מיר גערעדט און אַז דאָס מיידל דאַרף מאָרגן פרי קומען, כדי בלייבן כסדר אַרבעטן ביי מיר, מיט מיר.

כ׳בין געזעסן און גערעדט צו מיר אַליין:

— ווי אַזוי איז מעגלעך אַזאַ ענלעכקייט? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?...

כ׳ווייס נישט ווי לאַנג כ׳בין אַזוי געזעסן און געטראַכט, אָבער מער האָב איך שוין נישט געקענט אָנגיין מיט דער אַרבעט. כ׳האָב געשלאָסן דאָס געשעפט און אַוועק צו זיך אַהיים.

דעם גאַנצן איבעריקן טאָג האָב איך געטראַכט וועגן חנה׳לען און מיך געפרעגט: "וועט זי טאַקע קומען? האָב איך טאַקע היינט געהאַט אַ וויזיט פון אַ מיידל וואָס האָט אין מיר אַרויס־גערופן אַזאַ אויפברויז?... אפשר האָט זיך מיר דאָס אַלץ פאַרט אויסגעדוכט?"

קוים דערלעבט דעם מאָרגן. דאָס געשעפט האָב איך דאָס מאָל

געעפנט אַ סך פריער ווי געוויינלעך. אַרבעט האָב איך געהאַט אַ סך, נאָר כ׳בין געווען פול מיט דערוואַרטונג און אומגעדולד. פינקטלעך ניין אַזייגער דערהער איך אַ קלינג אין טיר און עס באַוויזט זיך חנה׳לע. ביים דערזען איר, האָט מיין האַרץ געגעבן אַ שטאַרקן צאַפל. כ׳האָב געשמייכלט צו איר פון צופרידנהייט, איר אַריינגעפירט אין ביוראָ, אויף מיין זונס אָרט און איר געגעבן די ערשטע אָנווייזונגען וואָס זי זאָל אָנהויבן טאָן.

זי האָט געהאַט אַ סך אַרבעט, געהאַט צו מאַכן לויפנדיקע רע־כענונגען פאַר די קונים וואָס האָבן זיך איצט געפונען אין געשעפט און אויך אַ מאַסע אַרבעטן פאַרשפעטיקטע אויף צו דערלעדיקן. זי האָט געאַרבעט גיך און גוט. אירע פינגער זענען געלאָפן איבער די אותיות פון דער שרייב־מאַשין פונקט ווי די פינגער פון אַן אויסגעשולטן פיאַניסט איבערן קלאַוויר.

דעם ערשטן טאָג האָב איך איר זייער ווייניק געזען, כ׳בין געווען שטאַרק באַשעפטיקט. אַז כ׳פלעג אַריין אויף אַ ווײַלע אין ביוראָ, כדי איר צו געבן געוויסע אָנווייזונגען וועגן אַרבעטן וואָס האָבן געדאַרפן ווערן דערלעדיקט, האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט אַביסל אַ דערשראָקענעם בליק. דאָס איז ווייזט אויס נאָך געווען אַ רעזולטאַט פון איר ערשטן וויזיט, ווען איך כ׳האָב איר איבער־געשראָקן מיט מיין אייגענער שרעק.

אין אָוונט, פאַרן אַוועקגיין, האָט זי מיר געוויזן און דער־קלערט אַלץ וועגן דער אָפּגעטוענער אַרבעט. כ׳האָב גענוי נאָכ־קאָנטראָלירט אַלע פאַפירן און מיט מיין בליק געוואָלט באַשטע־טיקן אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג, אָבער אַז כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף איר, האָט זי געהאַלטן אירע שיינע שוואַרצע אויגן אַראָפּגעלאָזט, און ווען כ׳האָב מיין בליק געוואָנדן אויף די פאַר־שידענע פאַפירן, האָב איך געפילט איר בליק אויף מיר.

זי האָט געזאָגט "אַ גוטע נאַכט" און איז אַוועק.

איר ערשטער אַרבעטס־טאָג איז געווען געענדיקט, אָבער דאָס

איז אויך געווען דער ערשטער טאָג, אַז מיינע אייגענע ליידן האָבן זיך אָנגעהויבן.

אויף צומאַרגנס, איז זי געקומען נישט אָנקלינגענדיק מער ביי דער טיר. אַזוי האָב איך איר נעכטן אָנגעזאָגט און דערפאַר טאָקע האָב איך נישט באַמערקט איר אַריינקומען. זי האָט אָנגעטאָן איר ווייס אַרבעטס־פאַרטוך און אַזוי אַריינגעקומען אין דעם צימער אין וועלכן איך האָב מיך געפונען, פרעגנדיק מיך מיט אירע בליקן, צי כ׳האָב איר אָנצוּווייזן אויף עפּעס ספּעציעלע אַרבעטן.

אַז כ׳האָב איר באַמערקט און אויף איר אַ קוק געטאָן, האָב איך פּשוט נישט געקענט אַראָפּנעמען פון איר מיינע בליקן, ס׳איז מיר געווען ביז גאָר ליב און אַנגענעם איר צו געפינען נעבן מיר. זי האָט איצט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש ווי נעכטן. דער שניי־ווייסער כאַלאַט האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די שוואַרצקייט פון אירע ברעמען און פון אירע שוואַרצע פינקלענדיקע אויגן. כ׳האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג איר צו זען וואָס לענגער שטיין נעבן מיר, אָבער ליידער האָט עס דאָך נישט געקענט אַזוי דויערן. האָב איך איר אָנגעוויזן עטלעכע נויטיקע אַרבעטן און זי איז אַריין אין ביוראָ.

כ׳בין ווייטער געווען פאַרנומען מיט די קליענטן, גערעדט צו זיי, אָבער כ׳האָב געפילט אַז דאָס האַלטן זיך פון איר פון ווייטנס, קאָסט מיך אַ סך אָנשטרענגונג. כ׳האָב כסדר געטראַכט וועגן חנה־לען און געפירט אַ קאַמף קעגן דעם גרויסן פאַרלאַנג אַריינצוגיין אין ביוראָ און איר זען אַרבעטן.

זי איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען אין ביוראָ און איך אין געשעפט מיט מיינע קונים און אַז כ׳פלעג אַריין צו איר בלויז אויף אַ ווײַלע כדי איר איבערגעבן מכוח נאָטירן געוויסע זאַכן, האָט זי מיר אפילו קיין בליק נישט געשאָנקען. אירע שוואַרצע אויגן זענען געווען פאַרטיפט אין די פּאַפּירן וועלכע זי האָט געהאַט פאַר זיך און אפילו ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען און

כ׳בין אַריין אין ביוראָ צום טעלעפאָן־שמועס און אַזוי אַרום באַ־קומען אַ געלעגנהייט איר צו אָבסערווירן, האָב איך איר כסדר געזען פאַרטיפט אין די חשבונות. זי האָט אפילו אויף קיין אויגנ־בליק נישט אויפגעהויבן איר קאָפּ, כדי אויף מיר אַ בליק צו טאָן.

אַזוי איז אַדורך דער צווייטער, דער דריטער און ווייטער־דיקע טעג. ענדיקנדיק איר אַרבעט, איז זי אַוועקגעגאַנגען, אָן צו האָבן אַן אַנונג ווי אַזוי איר אָנוועזנהייט ווירקט אויף מיר. כ׳בין געוואָרן אַלץ שווייגנדיקער. אַלץ מער און מער מיך פאַרטיפט אין ווייטע דעראינערונגען און אַלץ מער אָנגעהויבןליידן. כ׳האָב געפילט אַז איך פאַרליר מיין שטענדיקן שמייכל, אויך דער שלאָף איז מיר זייער געשטערט געוואָרן. איין טרייסט האָב איך געהאַט; דאָס וויסן אַז מאָרגן קומט חנה׳לע ווידער אין געשעפט אַריין און כ׳וועל איר ווידער זען.

און אויף צומאָרגנס, איז זי ווידער געקומען. אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אָנגעטאָן דאָס ווייסע אַרבעטס־פאַרטוך און זיך גלייך אַוועק־געזעצט אין ביוראָ ביי אירע פּאַפּירן.

# 4

חנה׳לע איז זייער שנעל באַליבט געוואָרן ביי אַלע קליענטן און בכלל ביי איטלעכן וואָס האָט נאָר געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט מיין אונטערנעמונג. אין פרייערע מאָמענטן פון דער ביוראָ־אַרבעט, פלעגט זי אויך העלפן אין געשעפט גופא. זי איז באמת געווען אַ קלוג און טייער קינד און עס איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן זיך מיט איר אונטערצוהאַלטן. זי האָט זיך אויפגעהערט זשענירן פאַר מיר, ווי ס׳איז געווען אין אָנהויב און אַז כ׳פלעג אַריין אויף אַ ווײַלע אין ביוראָ איר עפּעס אָנווייזן, האָט זי מיך שוין באַגעגנט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט מיך ווי דער אמת, מער געקוועלט ווי געפרייד. ווען האָב איך דען געקענט דערציילן, ווי ווייט איר שמייכל טוט מיר וויי?...

צום גליק בין איך כסדר געווען פאַרנומען אין געשעפט מיט מיינע קליענטן און כ׳פלעג אַריינגיין אין ביוראָ נאָר אויף קורצע ווײַלעס און גלייך צוריק אַריין אין געשעפט. ס׳איז מיר געווען גוט צו קענען פון צייט צו צייט געבן אויף איר אַ בליק. יאָ, כ׳האָב ליב געהאַט איר אָנוועזנהייט, נאָר פאַר איר שמייכל האָב איך זיך געשראָקן...

אַ געוויסן טאָג, ווען כ׳בין, ווי געוויינלעך, געווען פאַרנומען מיט קליענטן, קומט חנה׳לע אָן פון ביוראָ, שטעלט זיך אַוועק נעבן מיר און ווייזט מיר אַ געפינענעם טעות אין מיינס אַ רעכענונג. אירע שוואַרצע חנ׳עוודיקע אויגן וואַנדערן פון פּאַפּיר אויף מיר און פון מיר אויפן פּאַפּיר. אַך, ווי דאָס געפינען זיך אירס נעבן מיר, איז מיר געווען אָנגענעם. איך האָב איר, פאַרשטייט זיך, געבעטן אויסבעסערן דעם טעות, און פון צופרידנהייט פאַר

איר גוטן אויפפּאַסן, האָב איך איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, פּונקט ווי אַ פאָטער טוט אַ גלעט זיין קינד בעת עס פיינערט זיך אויס. אָבער אַ גאַנצן טאָג דערנאָך האָט מיר געבריט די האַנט און די גאַנצע נאַכט כמעט האָב איך איר געזען נעבן זיך.

אָבער אַ טעות מאַכט מען דאָך נישט יעדן טאָג, און איך האָב ד׳ווקא געוואָלט איר זען נעבן זיך, האָב איך יעדע פּאָר טעג בכיוון געמאַכט ערגעץ אַ שטיקל טעות, וואָס איז נישט אַדורך אומבאַמערקט פון חנה׳לעס אויגן, ביז זי האָט מיך געפרעגט:

— וואָס איז עס געשען מיט אייך?

פאַרשטענדלעך, אַז מער קיין טעותים האָב איך שוין נישט געמאַכט. כ׳האָב מיך אויך אָפּגעהאַלטן פון אַריינגיין אין ביוראָ. אָבער געוווסט האָב איך אַז סוף חודש, זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי פאַרשידענע ביוראָ־אַרבעטן, וועלכע זי קען נישט מאַכן אַנדערש, ווי מיט מיר צוזאַמען, און אַז דער חודש האָט זיך געענדיקט און ס׳איז געקומען דער מאָמענט ווען מען דאַרף שליסן די ביכער, האָב איך מיך טאַקע אָוועקגעזעצט מיט חנה׳לען, כדי אַדורכצופירן די נויטיקע אַרבעטן וועלכע מען האָט נישט געקענט אָפּלייגן און וועלכע זי האָט נישט געקענט דערלעדיקן איינע אַליין.

כ׳האָב געפילט אַז דער מאָמענט וועט פאַר מיר נישט זיין לייכט און כ׳האָב אויך נישט געהאַט קיין טעות...

ווי נאָר כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר, כדי צוזאַמען אַדורכצוקוקן אַ ריי פּאַפּירן און ביכער, האָב איך גלייך דערפילט אַז עס פעלט מיר די נויטיקע רואיקייט דערצו. מיין אומרו איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל פון האָבן פיבער. כ׳האָב נישט געזען קלאָר וואָס זי ווייזט מיר. נישט געהערט גוט וואָס זי רעדט צו מיר און וואָס כ׳ענטפער איר. איין געדאַנק האָט מיך איבערגעפילט, אַז כ׳געפין מיך נעבן איר. איך האָב באַקומען אַ שטאַרקן פאַרלאַנג איר אַרומצונעמען און אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כוחות אויף מיך צו באַהערשן. לסוף האָב איך איר געלאָזט אַליין און כ׳בין אַריין אין איינעם פון די צימערן

פון געשעפט, פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און געשפּאַנט דאָרט אַ לענ־גערע צייט אַהין און צוריק, אַהין און צוריק.

חנה׳לע איז געבליבן זיצן אין ביוראָ און נישט קענענדיק אָנגיין אַליין מיט דער אַרבעט, געוואַרט אויף מיין אַריינקומען און מסתמא געטראַכט:

״אַ מאָדנער מענטש״...

ס׳פלעגט טרעפן, אַז אַ וויכטיקער קליענט וואָס איז גלייכצייטיק אויך געווען מיינס אַ נאָענטער פריינד, פלעגט קומען אין געשעפט אין אַ מאָמענט ווען כ׳בין גראָד זייער פאַרנומען געווען מיט אַנדערע קליענטן, פלעגט ער, וואַרטנדיק אויף מיין פריי ווערן, דערווייל אַריין אין ביוראָ און צו ביסלעך זיך אַדורכגעשמועסט מיט חנה׳לען, אוודאי פלעגט מען אויך רעדן וועגן מיר; אַז איך בין אַ ליבער און גוטער מענטש. אַז כ׳בין שטענדיק געווען פול מיט גוטער שטימונג, נישט אַרויסגערעדט קיין צוויי ווערטער וואָס זאָלן נישט זיין באַגלייט מיט אַ שמייכל, וואָס איז איצט אָן צו וויסן פאַרוואָס, פאַרשוווּנדן פון מיין פּנים. ווייזט אויס, אַז איך האָב פאַרלוירן מיין גוטע שטימונג זינט דער זון איז אַוועק אין מיליטער. נישט אַנדערש, נאָר כ׳בענק נאָך אים זייער שטאַרק.

חנה׳לע האָט באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער באַמערקונג וועגן מיין ערנסטקייט. זי ווייס אַז איך בין אַן אַנגענעמער און גוטער מענטש. אַז איך דאַמיניר מיך, דענערווויר מיך קיינמאָל נישט, אַז כמעט אַלע קונים רומען מיך פאַר די אָדער אַנדערע מעלות מיינע, נאָר... פלעגט זי צוגעבן, אַז כ׳בין זייער אַ מאָדנער מענטש און אַ צו גוטער... ס׳איז נישט דער דרך פון אַ פּאַטראָן צו זיין אַזוי גוט, אַז קוים דאַרף איך עפּעס זי זאָל מיר דערלעדיקן, מאַכן עפּעס אַן אַרבעט וואָס דאָס איז דאָך אייגנטלעך אירס אַ פליכט, רעד איך צו איר מיט אַזאַ טאָן, אַז עס באַקומט זיך שוין באַלד דער איינדרוק, אַז נישט זי אַרבעט ביי מיר, נאָר אַז עס איז פאַרקערט.

און ביי דער געלעגנהייט, האָט חנה׳לע אים דערציילט:

— זיין האַלטונג האָט מיך אַביסל שאָקירט. כ׳האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג צו הערן פון אים אַ מאָל אַ הויך וואָרט, ווי עס קומט אַ מאָל אויס צו הערן פון אַ פּאַטראָן, אפילו אַ בייזערן זיך: האָב איך פּרובירט צוביסלעך סאַבאָטירן די אַרבעט; כ׳האָב עקסטרע שלעכט גערעכנט, צוויי מאָל צוויי איז ביי מיר אויס־געקומען פינף... איך ווייס אַז ער גיט נישט אָפּ דעם רעכענונג צום קליענט, איידער ער קאָנטראָלירט אים נישט פריער אַדורך. איז ער, אָנטרעפנדיק אויף אַזאַ פעלער מיינעם, אַריינגעקומען אין ביורא און מיך געבעטן עס צו פאַריכטן אָן צו זאָגן מיר אַ וואָרט. אַזוי איז עס געשען עטלעכע מאָל. איך האָב געמאַכט באַוווסט־זיניק אַ פעלער און ער פלעגט מיך גאַנץ פשוט, בעטן די פעלערן אויסצובעסערן...

נישט קענענדיק ביי אים אַרויסרופן קיין שום הויך וואָרט, קיין שום פאָרוואורף מיט מיינע ״טעותים״, האָב איך מיך געלאָזט אויף אַן אַנדערן וועג: מיט אָנהויבן קומען שפּעט צו דער אַרבעט. ביים ערשטן פאַרשפּעטיקן זיך, האָט ער מיר גאָרנישט געזאָגט. בין איך דערנאָך געקומען נאָך שפּעטער און אַז ער האָט מיך געזען אָנקומען, זאָגט ער צו מיר:

— גוט אַז דו ביזט דאָ, כ׳האָב געמיינט אַז דו ביזט חלילה נישט געזונט.

בין איך פונדעסטוועגן ווידעראַמאָל געקומען פאַרשפּעטיקט, אַ סך, אַ סך פאַרשפּעטיקט. אַ ריי קליענטן האָבן אויף מיר אומ־געדולדיק געוואַרט צוליב זייערע חשבונות. דאָס מאָל בין איך געווען זיכער צו הערן פון אים אַ הויך וואָרט; ווייסט איר וואָס ער האָט מיר געזאָגט?

— חנה׳לע, מאַך וואָס גיכער די רעכענונגען איידער דער פּאַטראָן קומט אַריין. ווייל קוים וועט ער זיך דערוויסן אַז דו ביזט געקומען אַזוי שפּעט, וועט ער זיך וואַרשיינלעך בייזערן...

דאָס מאָל האָט ער מיך אינגאַנצן באַזיגט. ער האָט זיך נישט געבייזערט, נישט געשריגן, אָבער ער האָט מיר געגעבן אָנ־

צוהערן אַז ער ווייס שוין דווקא יאָ אַז מען דאַרף זיך בייזערן, טראָץ דעם וואָס ער טוט עס נישט.

פון דעמאָלט אָן, האָב איך אויפגעהערט מיט מיין "סאַבאָ־טאַזש" און היט מיך צו מאַכן אַ טעות אין די רעכענונגען און אויפגעהערט צו קומען שפּעט אין ביוראָ. ניין, טראָץ אַלע פּרוּוון, איז עס מיר נישט געלונגען אַרויסצורופן ביי אים אַ העכער וואָרט. ער האָט מיך מיט זיין שטילקייט אַנטוואָפנט, און דאָך מוז איך צוגעבן, אַז ער איז אַ מאָדנער מענטש...

אַזוי זענען אַדורך טעג און וואָכן. אַרבעט אין געשעפט איז געווען אַ סך. אַלע זענען מיר געווען זייער באַשעפטיקט. מיט דער צייט איז חנה׳לע געוואָרן ביי אונדז ווי אַן אייגן קינד אין שטוב. קיינער וואָלט נישט געגלויבט אַז זי איז אין מיין געשעפט בלויז אַ מענטש וואָס אַרבעט דאָ צוליב איר לוין. צוליב דער מאַסע אַרבעט פלעגט זי טיילמאָל בלייבן ביז שפּעט אין אָוונט און עסן מיט אונדז צוזאַמען נאַכטמאל. דערנאָך פלעג איך איר אָפּפירן מיט מיין אויטאָ אַהיים.

דאָס זענען געווען די טייערסטע מינוטן אין מיין איצטיקן לעבן. זי איז געזעסן נעבן מיר און דאָ, האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט אַנטלויפן ווי... יעדן סוף חודש, ביים שליסן די ביכער. דאָ אין אויטאָ האָב איך געמוזט בלייבן אויפן אָרט. אין אויטאָ זענען מיר נישט געווען געשטערט דורך קיינעם, ווי ס׳איז עס געווען אין געשעפט אָדער אין ביוראָ און כ׳האָב געקענט רעדן צו איר וועגן וואָס כ׳האָב נאָר געוואָלט און נישט וועגן גע־שעפטס־ענינים, דאָך האָב איך צו איר כמעט גאָרנישט גערעדט. כ׳האָב געפילט אַ גרויסע אינערלעכע שטערונג ביים פּרובירן רעדן צו איר. אויך זי איז געזעסן און געשוויגן. מסתמא האָט זי געשוויגן דערפאַר וואָס זי האָט זיך געפונען נעבן איר פּאַטראָן, דעם... מאָדנעם מענטש. דאָס שווייגן האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז מיר זענען אָנגעקומען צום הויז ווו זי האָט געוווינט און אַז כ׳פלעג

אָפּשטעלן דעם אויטאָ, פלעגט זי זאָגן אַ שנעלן "גוטע נאַכט", אַריין אין טויער און גלייך פאַרשווינדן.

ס'איז מיר געווען נישט לייכט צו פאַרלאָזן דאָס הויז אין וועלכן חנה'לע פלעגט פאַרשווינדן. כ'פלעג צוריקפאָרן גאַנץ לאַנג־זאַם און מער געווען פאַרטיפט אין זען בילדער פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט ווי מיטן אַכטונג געבן ביים פאָרן איבער די פּאַ־ריזער גאַסן.

איינמאָל אָונט, ווען זי האָט זיך געגרייט אַהיימצוגיין, האָב איך אויסגענוצט דעם מאָמענט וואָס קיינער האָט זיך נישט גע־פונען נעבן אונדז און מיך צו איר אָפּגערופן:

— חנה'לע, כ'האָב צו דיר אַ ביטע.

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אירע שיינע שוואַרצע אויגן און מיט פאַרוווּנדערונג געוואַרט, כ'זאָל פאָרזעצן, כ'זאָל איר זאָגן אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— אויב ס'איז מעגלעך, וואָלט איך דיך געבעטן מיר ברענ־גען אַ... פאָטאָגראַפיע פון דיינע עלטערן.

— אַ פאָטאָגראַפיע פון מיינע עלטערן? — האָט זי מיט פאַרוווּנדערונג איבערגעפרעגט, — פאַרוואָס בעט איר עס?

— כ'קען עס דיר נישט זאָגן. נאָר כ'בעט דיך מיר צו טאָן די זאַך. צו ברענגען זייער פאָטאָגראַפיע.

אויף צומאָרגנס האָט זי געבראַכט אַ פאָטאָגראַפיע פון אירע עלטערן. און ווען כ'בין אַריינגעקומען אין ביוראָ, זי מיר דער־לאַנגט.

כ'האָב גענומען די פאָטאָגראַפיע מיט ציטערנדיקע הענט און זי באַטראַכט. נייך, ס'איז נישט געווען דאָס וואָס איך האָב געזוכט, אויף וועלכן כ'האָב מיך גערעכנט. אויף דער פאָטאָ האָב איך געזען אַ פּאָרפאָלק וועמענס געזיכטער זענען מיר געווען אינגאַנצן פרעמד און אויך אַ יונג מיידעלע.

— דאָס ביזטו? — ווייז איך איר אויף דעם מיידעלע.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

כ׳האָב נאָך אַ ווײַלע באַטראַכט די פּאָטאָ, זי איר אומגעקערט מיט אַ דאַנק און געוואָלט פֿאַרלאָזן די ביוראָ, אָבער דאָ האָט חנה־לע איבערגעריסן איר שווײַגן און געפֿרעגט:

— וואָס האָט איר זיך דערוווסט פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע?

— ווערסט עס אפֿשר אַ מאָל וויסן, — האָב איך איר, אַביסל פֿאַרלעגן, געענטפֿערט.

— פֿאַרוואָס איז בײַ אײַך אַלץ אײַנגעהילט אין אַזאַ געהיי־מעניס?

— האָב נישט פֿאַראיבל אויף מיר, אָבער אויך דאָס ווערסטו אַ מאָל וויסן.

חנה׳לע וואָס איז ווײַזט אויס געווען פֿאַראינטערעסירט פֿון דער זאַך ביז גאָר, שטייט נישט אָפּ:

— פֿאַרוואָס זענט איר אַזאַ מאָדנער מענטש?

— מײַן קינד, ווערסט דאָס אויך אַ מאָל וויסן...

— פֿאַרוואָס זאָלט איר עס מיר נישט זאָגן גלײַך איצט? וואָס מיינט איר מיטן ״כ׳וועל עס אַ מאָל וויסן״? אויב איר האָט מיר עפּעס צו זאָגן, טאָ זאָגט מיר. אויב איר מוזט פֿאַר מיר באַ־האַלטן געוויסע זאַכן, אויב איר האָט נישט קיין צוטרוי צו מיר, איז זאָגט עס מיר, כ׳בעט אײַך, גלײַך, שוין.

— חנה׳לע, איך האָב צו דיר דעם גרעסטן צוטרוי און באַ־האַלט פֿון דיר גאָרנישט. דאָס וואָס דו ווילסט וויסן איז שייכות מיט דער געבעטענער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דײַנע עלטערן, פֿאַרזיכער איך דיך, אַז דו ווערסט עס וויסן, ווערסט זיך פֿון מיר דערוויסן אַ סך מער ווי דו שטעלסט עס זיך פֿאָר. אָבער דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אומצוטרוי צו דיר, חלילה. איך בעט בײַ דיר אַביסל געדולד. ס׳איז נאָך נישט די ריכטיקע צײַט, אַלץ וועט דיר קלאָר ווערן. איך בעט דיך אָבער, מיך וועגן גאָרנישט צו פֿרעגן, יעדע זאַך האָט איר צײַט..

כ׳האָב מיך שוין צו לאַנג געהאַט פֿאַרזוימט אין ביוראָ. קונים האָבן אויף מיר געוואַרט און קעגן מײַן ווילן בין איך

צוריק אַריין אין געשעפט, לאָזנדיק חנה׳לען אַן אומצופרידענע צוליב מיין שווייגן און אָפּלייגן אויף... אויף אַן אומבאַשטימטע צייט, דאָס אויפקלערן די סיבה, וואָס האָט מיך באַוויגן איר צו בעטן ברענגען די פאָטאָגראַפיע פון אירע עלטערן. מסתמא האָט זי אויף דאָס ניי געטראַכט וועגן מיר אַלס אַ ״מאָדנער מענטש״...

## 5

און ווידער זענען געלאָפן טעג און וואָכן. ס׳איז פאַרביי דער ווינטער. אָט זענען מיר שוין אין פרילינג און גלייך זענען אויך פאַרביי די פסח־טעג און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער שיינער חודש מאַי. די טעג זענען שוין געווען גרעסערע, וואַרעמערע. חנה׳לע האָט אָנגעהויבן קומען אין אַ זומער־קליידל, מיט קורצע אַרבל און זיך באַוויזן מיט אירע שיינע געטאָקטע אָרעמס. דאָך זענען אירע שיינע אויגן שטענדיק געווען אַריינגעטאָן אין די פּאַפּירן און חשבונות, נאָר זינט דער געשיכטע מיט דער פאָטאָגראַפיע פון אירע עלטערן, פלעגט זי איטלעכעס מאָל, ביי מיין אַריינקומען אין ביוראָ אויפהייבן אירע שוואַרצע אויגן אויף מיר און גע־וואַרט דערויף וואָס איר בעל־הבית, דער "מאָדנער מענטש", האָט בדעה איר צו זאָגן...

און צו זאָגן און דערציילן איר, האָב איך געהאַט אַ סך, זייער אַ סך. אָבער עס איז שוין ווייט נישט געווען אַזוי פּשוט, ווי אַזוי? ווי אַזוי פאַנגט מען אָן? אין ביוראָ? וועגן דעם איז דאָך נישטאָ וואָס צו טראַכטן. ניין, דאָס קען נאָר געשען אין אַנדערע באַ־דינגונגען. אָבער ביי וואָס פאַראַ באַדינגונגען? דער געדאַנק וועגן דערציילן חנה׳לען דאָס וואָס כ׳האָב געטראָגן אין האַרצן, האָט מיך ביז גאָר אָנגעהויבן קוועלן. אָפּטמאָל אפילו ביי מיר געראַובט דעם שלאָף. כ׳האָב געפילט אַז כ׳מוז מיך פאַר איר אויסרעדן, דערציילן איר אַלץ, אָבער ווי אַזוי? ווי אַזוי?

און אַז כ׳האָב פּרובירט צוטראַכטן אַ געוויסן פּלאַן ווי אַזוי רעאַליזירן די זאַך, פלעגט עס אָבער כסדר געשטערט ווערן דורך פאַרשידענע טאָג־טעגלעכע ענינים און די צייט איז דערווייל גע־

לאָפן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער זומער־סעזאָן: מיר זענען כסדר געווען באַשעפטיקט ביז שפּעט אין אָוונט און כ׳בין אַלץ מער געווען געצווינגען אָפּצולייגן דאָס געפּלאַנטע טרעפן זיך מיט חנה׳לען... אַ זאַך וואָס האָט מיך אַלץ מער געקוועלט.

כ׳האָב אויך געטראַכט, דאָס אויב איך וועל רעאַליזירן אַזאַ, דורך קיינעם נישט געשטערט טרעפן זיך מיט איר, איז ווי אַזוי וועל איך אָנהויבן איר צו דערציילן דאָס אַלץ, וואָס איר באַווייזן זיך אין מיין געשעפט, האָט מיט אַזאַ כוח צוריק אויפגעוועקט אין מיין האַרצן און פּייניקט אַזוי שווער?

כ׳האָב אויך שטאַרק געהאָפט, אַז דאָס דערציילן איר מיין סוד, אַז דאָס אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, וועט מיך אפשר באַרואיקן און כ׳וועל ענדלעך באַפרייט ווערן פון מיינע ליידן.

אייניקע וואָכן נאָך שבועות, האָט אָנגעהויבן שטילער ווערן אין געשעפט. די אַרבעט איז שוואַכער געוואָרן, און כ׳האָב געהאַט מערער צייט צו בלייבן מיט חנה׳לען אין ביוראָ. האָבנדיק זיך מיט איר פאַרשטענדיקט וועגן דער לויפנדיקער אַרבעט, האָב איך אָנגעהויבן רעדן וועגן אַנדערע, נישט־געשעפטלעכע ענינים און אויך רעדן מיט איר אין אַ גאַנץ אַנדערן טאָן. כ׳האָב מיך באַמיט צו זיין צו איר אַ סך מער פריינדלעכער ווי געוויינלעך. כ׳האָב געפילט אַז דאָס טראָגן אין מיר אַזוי לאַנג מיין סוד, דערנענטערט זיך צום סוף און אַז גאָר אין קורצן, ממש אַ ליאַדע טאָג, וועל איך מיך מוזן באַפרייען פון דעם וואָס דריקט מיך, זינט איך האָב חנה׳לען דערזען.

מיין אָפטע אָנוועזנהייט אין ביוראָ, מיין אופן רעדן מיט איר, מיין איצטיקער שמייכל האָט צוביסלעך געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט און איר אויך אָנגעהויבן וווּנדערן, ווייל ביז לעצטנס, בין איך דאָך אַריין און אַרויס פון ביוראָ ממש ווי אַ וויכער.

כ׳ווייס נישט וואָס זי האָט וועגן אָט דער ענדערונג מיינער געטראַכט, כ׳ווייס נאָר, אַז זי האָט מיר כסדר אָפּגעענטפערט מיט אַ ליבן שמייכל אויף אירע ליפּן און מיט אַ וואַרעמען בליק פון

אירע שוואַרצע אויגן. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז זי פּילט זיך אין מיין אַנוועזנהייט אַ סך בעסער ווי פריער.

איינמאָל, ווען איך בין אַרויס פון ביוראָ, האָב איך זיך פאַרטראַכט און גערעדט צו זיך אַליין:

— אויף וואָס וואַרט איך? פאַרוואָס אָפּלייגן און ליידן? אפשר זאָל עס נאָך געשען היינט?

איך האָב געקוקט אויפן זייגער; נאָך פערציק מינוט צו איר אַהיימגיין. נאָך פערציק מינוט! איך האָב געשפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק און נישט אויפגעהערט רעדן צו מיר אַליין:

— מוז איך דען וואַרטן ביז דער לעצטער מינוט פון איר אַוועקגיין און ערשט דערנאָך ווידער אַריין צו איר אין ביוראָ? פאַרוואָס זאָל איך איר אויפהאַלטן און שטערן דאָס אַהיימגיין? ס׳איז דאָך נישט מעגלעך, זי זאָל מיר גלייך אויפן אָרט ענטפערן יאָ, אָדער ניין! זי וועט זיך דאָך געפינען אין אַן אומגעריכט־אומבאַקוועמער לאַגע, אויב ״ניין״, וועל איך דאָך פּרווון איר צו באַווירקן און ס׳וועט דויערן אַ געוויסע צייט. פאַרוואָס איז עס מיר אַזוי שווער צו באַשליסן? עס מוז דאָך קומען, אויב נישט היינט איז מאָרגן, אָבער עס מוז דאָך געשען, איז צוליב וואָס אָפּלייגן? און פאַרוואָס ציטער איך אַזוי, גלייך ווי איך וואָלט געהאַט פיבער? איך קוק ווידער אויפן זייגער, ס׳איז נאָך צוואַנציק מינוט און זי וועט אַוועק.

כ׳האָב אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער נאָך אַ קליינע ווײַלע און מיטאַמאָל האָב איך זיך געפונען ביי דער ביוראָ. איך בין געבליבן שטיין כמעט אויף דער שוועל און זיך צוגעקוקט ווי זי ברענגט אין אָרדענונג די פּאַפּירן און ביכער, לייגט יעדע זאַך אַוועק אויף איר פּלאַץ, דערנאָך נעמט זי דעם צודעק און פאַרדעקט מיט אים די שרייב־מאַשין. ביי דעם אַלעם, האָט זי מיר אפילו קיין איין בליק נישט געשאָנקען, גלייך ווי זי וואָלט פאַרגעפילט אַז כ׳וועל פון איר פאָדערן עפּעס נישט קיין געוויינלעכעס. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען איר האַנט־טאַש, אַרויסגע־

נומען פון דאָרט איר פודער־שאַכטל אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען אַ קליין רונדיק שפּיגעלע, זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט דער פּלייצע און דורך דעם שפּיגעלע, האָבן זיך אונדזערע בליקן באַגעגנט. זי האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו מיר און מיר האָבן זיך אַ לענגערע צייט שווייגנדיק אָנגעקוקט, לסוף האָב איך מיט אַ שטאַרק האַרץ־קלאַפּעניש זיך אָפּגערופן:

— חנה'לע!

מער האָב איך נישט געקענט זאָגן, זי האָט אויף מיר געקוקט מיט פאַרווונדערונג. ווייזט אויס אַז זי האָט אין מיר דערקענט אַ געוויסע פאַרענדערונג. מיינע אויגן האָבן מאָדנע געקוקט אויף איר און כ'האָב אינגאַנצן געציטערט.

— אין וואָס האַנדלט זיך עס? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— חנה'לע! — האָב איך נאָכאַמאָל אָנגעהויבן, — איך וויל פון דיר אַ געוויסע זאַך און איך בעט דיך, דו זאָלסט דאָס מיר נישט אָפּזאָגן און איך קען דיך פאַרזיכערן פון פאָראויס, אַז עס וועט דיר קיין שום שלעכטס נישט געשען: שוין באַלד אַ יאָר ווי דו קענסט מיך און איך גלויב אַז פאַר אַ יאָר צייט, קען מען פיל־וויניק וויסן צי מען קען אימעצן שענקען צוטרוי... איך וועל דיך בעטן, זאָלסט נישט טראַכטן שלעכטס וועגן מיין פאַרלאַנג; איך וויל אַז דאָס זאָל דיך נישט שאַקירן, און וויל...

דאָס לשון איז מיר געוואָרן אָפּגעהאַקט. נישט איך האָב געוווּסט געגוי וואָס איך רעד און נישט כ'האָב געקענט ווייטער רעדן. חנה'לע האָט מיט פאַרווונדערונג מיך באַטראַכט און איז מיר לסוף געקומען צוהילף, פרעגנדיק מיך:

— וואָס ווילט איר זאָגן?

— איך וויל, חנה'לע, אַז דו זאָלסט נישט אָפּוואַרפן מיין ביטע. איך וויל אומבאַדינגט זיך מיט דיר ערגעץ טרעפן, פאַר־וואָס איך וועל דיר אייביק זיין דאַנקבאַר. רוף עס אָן ווי אַזוי דו ווילסט נאָר אַליין. קענסט עס אפילו אָנרופן אַ ראַנדעוווּ, נאָר איך

פאַרזיכער דיך, אַז מיין טרעפן זיך מיט דיר, איז אָן שום הינטער־געדאַנקען. איך בעט דיך, חנה׳לע, זאָג עס מיר נישט אָפּ!

— צוליב וואָס ווילט איר זיך טרעפן מיט מיר? פאַרוואָס עפּעס אַ ראַנדעוווּ? — האָט זיך חנה׳לע געוווּנדערט.

— ווייל... איך דאַרף דיר נייטיק עפּעס זאָגן.

— נו, קענט איר דאָך מיר זאָגן דאָ.

— ניין, חנה׳לע! דאָ איז נישט דאָס אָרט כדי צו קענען דיר זאָגן דאָס, וואָס איך האָב דיר צו זאָגן און צו דערציילן. איך פאַרשטיי און כ׳האָב פון דער ערשטער רגע אָן פאַרשטאַנען, אַז ווען עס וועט קומען דער מאָמענט און איך וועל פון דיר פאַר־לאַנגען דאָס וואָס איך פאַרלאַנג פון דיר איצט, וועסטו זיך שטאַרק וווּנדערן און אַז דו וועסט אויך אפשר נישט האָבן צו מיר דעם פולן צוטרוי. איך פאַרזיכער דיך אָבער, חנה׳לע, אַז איך האָב נישט קיין שום אַנדערן מיין ווי נאָר צו דערציילן דיר אַ וויכטיקע איבערלעבעניש און ס׳וועלן דיר אפשר קלאָר ווערן געוויסע האַנדלונגען מיינע וואָס זענען פאַר דיר נישט געווען קלאָר, אַפילו אויך די געשיכטע מיט דער פאָטאָגראַפיע פון דיינע עלטערן. איך בעט דיך, חנה׳לע, טו מיר דאָס צוליב און כ׳וועל דיר אייביק דאַנקבאַר זיין!

חנה׳לע האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט און מיט אירע שיינע שוואַרצע אויגן אַזוי פאַרשעריש מיך אָנגעקוקט, ביז זי האָט לאַכנדיק, אַרויסגעזאָגט די ווערטער:

— איך ווער באמת נייגעריק!

און נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, האָט זי צוגעגעבן:

— מסכים!

ס׳איז איבעריק צו דערציילן, אַז איך בין געווען אויסער זיך פאַר פרייד, איך האָב איר שיער נישט אַרומגעכאַפּט קושן און ווען איך האָב איר פאַרגעלייגט פאָרן אין בולאָנער וואַלד אַריין, ווו מיר וועלן זיך אַוועקזעצן אין איינער פון די פיינע קאַ־פעען, איז זי געווען ביז גאָר צופרידן פון מיין פאָרשלאָג.

אין בולאָנער וואַלד איז זי געווען געציילטע מאָל מיט אירע עלטערן און ס׳פלעגט געשען נאָר אין אַ זונטיק־טאָג. זיי פלעגן קומען מיט דער מעטראָ און ס׳איז געווען אַ סך צו גיין ביז צום אָנקומען אין וואַלד אַריין. זיין דאָרט ביינאַכט, איז איר קיינמאָל נישט אויסגעקומען ווייל דאָס פאַרגעניגן קענען זיך דערלויבן נאָר די יעניקע וואָס האָבן אייגענע אויטאָמאָבילן. האָט איר מיין איינלאַדונג שטאַרק אימפּאָנירט און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז דעם נאָענטסטן פרייטיק־אָוונט, נאָך דער אַרבעט, זאָל איך איר אָפּוואַרטן עטלעכע הייזער פון איר וווינונג, כדי ס׳זאָל נישט באַמערקן ווער פון די שכנים, אַז זי פאָרט אָפּ אין אַן אויטאָ מיט עפּעס אַ מאַן. פאָרט אַ יונג מיידל און מען מוז זיין פאָרזיכטיק ביי אַזעלכע זאַכן...

מיר האָבן צוזאַמען פאַרלאָזט דאָס געשעפט און אויף דער גאַס האָט זי מיר דערלאַנגט איר האַנט צום געזעגענען זיך... ס׳ערשטע מאָל ווי זי דערלאַנגט מיר איר האַנט.

איך האָב איר לאַנג נאָכגעקוקט און גלייך אַרויף צו מיר אין שטוב איינגאַנצן אַן אַנדערער... און געטראַכט וועגן דעם ווי אַזוי ס׳וועט אויסזען אָט־אָ דער אויסגעבענקטער אָוונט, דורך וועלכע גאַסן זאָל איך מיט איר פאָרן און ווי אַזוי זאָל איך אָנהויבן מיט איר צו רעדן. כמעט אַ האַלבע נאַכט בין איך אויפגעווען און מיר פאָרגעשטעלט און פּרובירט טרעפן וואָס זי וועט ענטפערן אויף מיין דערציילן און ווי אַזוי וועט זי רעאַגירן...

כ׳בין ענדלעך איינגעשלאָפן.

# 6

פרייטיק־אָונט, צו דער באַשטימטער שעה, בין איך צוגע־פאָרן צו אַ געסל אויפן בעלוויל ווו חנה׳לע האָט געוווינט און האָב מיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר הייזער ווייטער, אויפן אָרט ווו מיר האָבן זיך אָפּגערעדט. דער ראַדיאָ וואָס כ׳האָב געהאַט אין מיין אויטאָ האָט שטיל געשפּילט. מיט אומגעדולד און האַרץ־קלאַפּעניש האָב איך געוואַרט אויף חנה׳לען.

לאַנג האָב איך נישט געדאַרפן וואַרטן. זי האָט מיך באַמערקט און איז שנעל צוגעקומען. ווייזט אויס אַז אויך זי איז געווען שטאַרק אומגעדולדיק און אַז דער היינטיקער אָונט איז אויך פאַר איר געווען עפּעס נישט קיין געוויינלעכע זאַך.

כ׳האָב פאַר איר אויפגעמאַכט די טיר און זי איז אַריין אין אויטאָ און מיך געבעטן כ׳זאָל שנעל אָפּפאָרן...

זי איז געווען אָנגעטאָן יום־טוב׳דיק. אירע שוואַרצע האָר זענען געווען שיין פאַרקעמט. זי האָט אויף מיר געוואָרפן אַ מאָדנעם בליק און פילנדיק זיך אומבאַקוועם צוליב אַ מעג־לעכע באַגעגעניש מיט שכנים און באַקאַנטע, מיך נאָכאַמאָל גע־בעטן, כ׳זאָל וואָס שנעלער פאַרלאָזן די גאַס.

כ׳האָב עס איר פאַרשטייט זיך צוליב געטאָן.

ערשט ווען מיר זענען פאַרבייגעפאָרן דעם רעפּובליק־פּלאַץ און זיך פאַרנומען צו די גרויסע בולוואַרן, ווו אַ שטראָם ליכט האָט אונדז אַרומגענומען, פון דער מאַסע לאָמפּן און ליכט־רעקלאַ־מעס, פון שרייענדיקע פאַרבן פון גרין, רויט, בלוי און אַנדערע קאָלירן וואָס האָבן זיך געלאָשן און אָנגעצונדן האָב איך געפילט אַז חנה׳לע באַרואיקט זיך אַביסל.

דער ריזיקער שטראָם פון מענטשן וואָס האָבן שפּאַצירט אויף די בולוואַרן, די פאַרשידנפאַרביקע קליידער און קאָסטיומען פון די שפּאַצירנדיקע פּרויען, אַלץ צוזאַמען האָט זיך אויסגעמישט אין אַ ים ליכט און האָט אַזוי פאַרשיכורנדיק געווירקט אויף מיין באַגלייטערין, אַז זי האָט נישט געקענט איינזיצן אויף איר אָרט, נאָר כסדר געקוקט מיט צעשטראַלטע אויגן אויף לינקס און רעכטס און פון צייט צו צייט האָבן אירע שיינע שוואַרצע אויגן אויך מיר געשאָנקען אַ בליק. ס׳איז מיר אויך קלאָר געוואָרן אַז איר פריי־ערדיקע איילעניש, איז אויך אויסן געווען וואָס שנעלער אַרויס־צוקומען פון דעם ענגן פינצטערן געסל אין וועלכן זי האָט גע־ווינט, כדי וואָס שנעלער אַריבערקומען אין דער שיינער ליכ־טיקער וועלט.

אונדזער אויטאָ איז געפאָרן לאַנגזאַם צווישן הונדערטער אַנדערע אויטאָס, ביז מיר זענען צוגעקומען צום פּלאַס דע ל׳אָפּע־ראַ. דאָ האָבן מיר זיך לענגער פאַרהאַלטן צוליב דער שטאַרק־געדיכטער באַוועגונג פון די אויטאָמאָבילן. פּאָליציי אין ווייסע הענטשקעס האָט אָנגעפירט מיט דער אָרדענונג און חנה׳לע האָט צייט געהאַט צו באַוואונדערן די אָפּעראַ־געביידע, וואָס איז געווען העל באַלויכטן. ס׳איז אויך געווען צו באַוואונדערן חנה׳לען גופא, וואָס איז איצט געווען ענלעך צו אַ קליין קינד, וואָס פרייד זיך ווען מען גיט עס די זאַך וואָס עס וויל. פּונקט אַזוי האָט זי זיך געפרייד מיט דעם אַלעם פאַר וועלכן מיר זענען פאַרבייגע־פאָרן און וואָס זי האָט געזען ביז איצט.

זי האָט אויף קיין פאַל נישט געקענט איינזיצן אויף איר אָרט, נאָר געקוקט אין אַלע זייטן, לינקס און רעכטס, דאָס אויג זאָל חלילה נישט פאַרפעלן און נישט אַדורכלאָזן אַ זאַך וואָס איז אינטערעסאַנט צו זען און צו באַוואונדערן.

מיר האָבן פאַרגעזעצט אונדזער שפּאַציר. פאַרבייגעפאָרן דעם פּלאַס דע לאַ מאַדלען און כ׳האָב מיך פאַרנומען אין דער רי ראָיאַל. כ׳האָב געוואָרפן אַ בליק אויף חנה׳לען און איר געזאָגט:

— באַלד קומט דאָס שענסטע.

ענדלעך זענען מיר צוגעקומען צום באַרימטן, אַזוי שיינעם, מען קען אפילו זאָגן, שענסטן פּלאַץ פון איראָפּע, דעם פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד. און אַזוי ווי ס׳איז געווען אָנהויב יולי און אין שטאָט האָבן זיך שוין געפונען פיל אויסלענדישע טוריסטן, איז אַלץ געלאָזט געוואָרן אין גאַנג: אַלע לאָמפּן זענען געווען אָנגעצונדן און די פאָנטאַנען אויף דעם פּלאַץ האָבן זיך צעשפּילט מיט זייער שיינקייט. באַלויכטן דורך פילפאַרביקע רעפלעקטאָרן, האָבן זיי אויסגעזען ווי כישוף־ביימער וואָס שליידערן פון זייערע צווייגן פאַרשידנפאַרביקע קאָלירטע ברילאַנטן. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרביק־ליכטיקער ברילאַנטענער רעגן. נישט אומזיסט רופט מען פּאַריז די שטאָט פון ליכט.

איך האָב שוין מערע מאָל געזען דעם פּלאַץ, אָבער דאָס מאָל איז ערווירקלעך געווען שענער ווי אַלעמאָל.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז אוממעגלעך געווען אַדורכצופאָרן דעם פּלאַץ וואָס איז געווען באַלייגט מיט אויטאָמאָבילן.

חנה׳לע איז געווען צופרידן פון דעם נישט קענען ווייטער פאָרן. זי האָט אַלץ באַוואונדערט און איך האָב איר באַוואונדערט, און אַז אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, האָט זי מיך געזען אַ שמייכלדיקן פון צופרידנקייט, און האָט זיך לייכט פאַרשעמט. זי האָט זיך דערמאָנט, ווער עס זיצט נעבן איר און אַ לייכטע רויטקייט האָט פאַרגאָסן איר שיין פּנים. דאָך האָב איך געזען איר צופרידנקייט און אירע שוואַרצע אויגן האָבן געשטראַלט פון גליק.

ענדלעך האָט זיך מיר איינגעגעבן אַדורכצושניידן דעם פּלאַץ און כ׳האָב מיך פאַרנומען אין דער ברייטער אַוועני שאַנס־עליזע. דאָ בין איך שוין פיל שנעלער געפאָרן, ווייסנדיק אַז אָט, אָט און מיר דערגרייכן אונדזער ציל, אַז מיר זענען שוין נישט ווייט פון דעם אָרט וווהין כ׳האָב בדעה צו קומען.

מיר האָבן אַרומגעקרייזט דאָס טריאומף־טויער און אַריינגעקומען אין דער אַוועני, וואָס פירט שוין צום בולאָנער וואַלד.

ווען מיר זענען ענדלעך אַריינגעקומען אין וואַלד, האָט זיך פאַר חנה׳לען ווידער אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט; אַ וועלט וואָס זי האָט כמעט נישט געקענט; די ברייטע אַספאַלטירטע אַלעיען זענען געווען העל באַלויכטן מיט אַ ליכט וואָס איז געקומען פון הינטער די ביימער אַפער. די באַזעצטע טישלעך ביי די קאַפעען, איבעראַל אַן אַנדערער אָרקעסטער און יעדער אָרקעסטער אין אַן אַנדערער קליידונג, אַנדערע פאַרבן, און פון עולם ביי די טישלעך האָבן זיך געטראָגן זאָרגלאָזע געלעכטערס. מיר זענען געפאָרן לאַנגזאַם ביז מיר זענען צוגעקומען צו דער באַרימטער קאַפע ״לאַ קאַסקאַד״. דאָ האָב איך געלאָזט שטיין מיין אויטאָ צווישן צענדליקע אַנדערע, אויף די ספּעציעל אַנגעצייכנטע פּלעצער. ווי נאָר איך האָב מיך אָפּגעשטעלט, איז צוגעלאָפן אַ קליין שוואַרץ יינגל אין אַ ליבעריע פון דער קאַפע ״לאַ קאַסקאַד״ און געעפנט פאַר חנה׳לען די טיר פון אויטאָ...

דאָס אומגעריכטע באַוויזן זיך נעבן אונדז פון יינגל אין דער ליבעריע, וואָס האָט געעפנט פאַר חנה׳לען די טיר פון אויטאָ, האָט איר שטאַרק געוווּנדערט און אַנטציקט, וואָרעם ביז איצט האָט זי אַזעלכעס געזען נאָר אין פילם...

מיר זענען אַריין אין דער קאַפע. איך האָב אויסגעזוכט אַ טישל וואָס האָט זיך געפונען ווייט פון אָרקעסטער און אין דער טייל פון דער קאַפע וואָס איז געווען ווייניקער באַזעצט דורך דער מאַסע געסט.

איך האָב אַכטונג געגעבן זיך נישט צו געפינען אַנטקעגנאיבער חנה׳לען, נאָר מיך אַוועקגעזעצט ביי איר לינקער האַנט.

און אַז מיר זענען שוין געזעסן באַקוועם, האָט חנה׳לע מיר שטיל געזאָגט, אַז זי האָט נאָך נישט געגעסן קיין נאַכטמאָל, טאָקע צוליב דער ראַנדעוווּ האָט זי נישט געקענט עסן... נאָר איצט נאָך דעם שפּאַציר און די גוטע לופט פון וואַלד, פילט זי, אַז זי וואָלט גערן עפּעס געגעסן.

אויך איך גופא האָב נאָך נישט געהאַט געגעסן. כ׳האָב באַ־

שטעלט הייסע וורשטלעך, געטראַנקען, דערנאָך האָבן מיר גע־טרינקען קאַפע. פאַר מיר האָב איך אויך באַשטעלט אַ קאָניאַק...

און מיר האָבן לאַנגזאַם און מיט אַפּעטיט געגעסן אונדזער אָוונט־ברויט אין דער הערשנדיקער אַנגעגעמער אַטמאָספערע.

ביים עסן, האָט חנה׳לע זעלטן מיר געשאָנקען אַ בליק פון אירע שיינע אויגן און אויב זי האָט עס שוין געטאָן, איז עס געווען אויף אַ סעקונדע. ווי נאָר זי האָט פּרובירט אויף מיר אַ קוק טאָן, האָט זי איר בליק באַלד אַוועקגעפירט ערגעץ־ווו צום אָרקעסטער, צו די געסט, אָדער צו די דרויסנדיקע סקאַלעס, ווו דאָס קוואַל־וואַסער לויפט אָן אויפהער און וואָס האָט טאַקע באַוויזן אָנצו־רופן די קאַפע מיטן נאָמען "לאַ קאַסקאַד".

געענדיקט דאָס עסן האָט דער גאַרסאָן גלייך אַראָפּגערוימט דאָס געשיר פון אונדזער טישל און מיר האָבן זיך שוין איצט געקענט רואיק אונטערהאַלטן און געוווסט האָבן מיר אַז קיינער וועט אונדז איצט נישט שטערן.

איך האָב פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און האָב אויך איר אָנגע־באָטן איינעם. נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, האָט זי אים גענומען און אויך פאַרויכערט.

זי האָט גערויכערט שווייגנדיק און ביי יעדן אַרויסלאָזן פון רויך, מיר געשאָנקען אַ בעטנדיקן און פרעגנדיקן בליק.

איך האָב געזען איר אומרואיקייט. די זעלבע וואָס פריער, ביים איינשטייגן אין אויטאָ, כדי מיט מיר פאָרן דאָ אַהער.

איך האָב פאַרשטאַנען איר נייגעריקייט. איצט האָט זי זיך שוין געהאַט באַרואיקט פון דעם רושם, וואָס דער שפּאַציר, דאָס פאָרן אַהער האָט איר פאַרשאַפט, איז זי געזעסן נעבן מיר, גערויכערט דעם סיגאַרעט פול מיט דערוואַרטונג, אום צו וויסן צוליב וואָס כ׳האָב איר דאָ אַהערגענומען, וואָס אַזוינס האָב איך איר צו זאָגן, צו דערציילן. דאָס אַלץ האָב איך דערקענט אין אירע בליקן און אויף איר פּנים.

אָבער, אויך איך האָב כמעט ווי געפיבערט, נישט וויסנדיק

ווי אַזוי אָנצוהויבן. כ׳האָב גוט געדענקט דאָס גאַנצע יאָר, פון זינט זי האָט אָנגעהויבן ביי מיר אַרבעטן, ביז היינט צו טאָג. וויפיל כ׳האָב זינט דאַן אויסגעליטן. כ׳האָב געטראַכט וועגן מיין פאַר־גאַנגענהייט. כ׳האָב געפילט אַז אַ היץ באַשלאָגט מיך. כ׳האָב אויך געפילט אַז דער קאָניאַק, וועלכן כ׳האָב ערשט דאָ געטרינקען, ווירקט אויף מיין געמיט. איך בין געווען ביז גאָר געשפּאַנט פונעם געדאַנק, אַז עס איז געקומען דער מאָמענט, דער אויסגעבענקטער מאָמענט אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן...

כ׳האָב אָנגענומען חנה׳לעס האַנט. זי האָט איצט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. ווי אַ שטורם וואָס ברעכט פּלוצים אויס, האָב איך אָנגעהויבן רעדן שנעל, זייער שנעל, וועלנדיק וואָס גי־כער אַריבערקומען די אויסגעבענקטע פאַרשפּעטיקטע פאָר ווער־טער... וואָס זענען געלעגן אַזאַ צייט אויפן האַרצן.

— חנה׳לע! איך ליב דיך!... איך האָב דיך ליב... איך האָב דיך שטאַרק ליב... חנה׳לע, חנה׳לע... איך...

כ׳האָב שוין געזען פאַרשידענע פאַלן, ווי מענטשן ענדערן זיך סיי פון שרעק צי פון איבעראַשונג. איך ווייס אפילו פון פאַלן, ווען מענטשן האָבן דערהאַלטן פעלערן אויפן גאַנצן לעבן צוליב אַן איבעראַשונג; פון די פאָר ווערטער מיינע וואָס כ׳האָב איר נאָר וואָס געזאָגט, זענען אירע אויגן געוואָרן דריי מאָל גרעסער ווי געוויינלעך. כ׳האָב געמיינט אַז אָט, אָט, שפּרינגען זיי איר אַרויס פון קאָפּ. איר פּנים איז געוואָרן ווייס, געל און ווידעראַמאָל ווייס. דאָס מויל איז איר געווען אָפן, ווי גרייט צו שרייען און אויף אַ מאָמענט האָט עס זיך מאָדנע פאַרקרומט. זי האָט אַ ריס אַרויס געגעבן איר האַנט פון מיינער און זיך געגעבן אַ וואָרף אויף צוריק. ווען די שטול האָט נישט קיין אָנלען, פאַלט זי זיכער פון איר אַראָפּ.

אָבער די גאַנצע סצענע האָט נאָר געדויערט אייניקע סעקונדן, נישט מער.

איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן פאַר איר און אָנגעהויבן ממש צו שרייען:

— חנה׳לע! באַרואיק דיך! חנה׳לע! נישט צו דיר זענען געווען די ווערטער! איך בעט דיך, חנה׳לע! באַרואיק דיך! איך בעט דיך, חנה׳לע! נישט צו דיר, נישט צו דיר!... כ׳וויל דיר טאַקע געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס כ׳האָב זיי דיר געזאָגט, זיי רואיק, איך בעט דיך!...

איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ קראַמפּט איך האָב געהאַט אין מיינע לעצטע ווערטער. איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַן אויסדרוק מיין פּנים, צי מיינע אויגן, האָבן געהאַט אין דעם מאָמענט; איך ווייס נאָר, אַז מיין בעטן זיך ביי איר האָט געווירקט. אירע אויגן האָבן צוריק באַקומען זייער פריערדיק אויסזען, אויף איר פּנים האָבן זיך צוריק באַוויזן לייכטע ראָזאַ פאַרבן און איר מויל איז צוריק געוואָרן נאָרמאַל, אַזוי ווי פריער.

זי האָט זיך לאַנגזאַם צוריק דערנענטערט צום טיש און מיך אָנגעקוקט מיט אַ געוויסן אומצוטרוי. אין איר בליק איז געלעגן עפּעס אַן ענטוישונג. זי האָט נישט אויפגעהערט מיך צו באַטראַכטן מיט שאַרפע בליקן. איך האָב אָבער די בליקן אויסגעהאַלטן און איר שטיל און לאַנגזאַם געזאָגט:

— חנה׳לע, איך שווער דיר אַז די ווערטער זענען נישט געווען געווענדעט צו דיר... אוודאי איז עס דיר שווער צו פאַרשטיין. נאָר איך בעט דיך, זאָלסט מיר שענקען אַ קליין ביסל צייט און איך וועל דיר דערציילן און דיר אויפקלערן, פאַרוואָס איך האָב דיך געבעטן קומען מיט מיר היינט אַהער און פאַרוואָס איך האָב דיר די ווערטער... געזאָגט. זאָל זיך דיר דוכטן אַז דו ביזט איצט אין אַ סינעמאַ; דו זעסט אַ פילם, עפּעס אַ ראָמאַן, וואָס צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש, איז צעשטערט געוואָרן אַ ריינע, הייסע ליבע פון צוויי יונגע מענטשן. אַ מיספאַרשטענדעניש וואָס האָט זיי צעשיידט אויף שטענדיק און איינער פון די צוויי, בין איך!...

איך האָב געזען אַז חנה׳לעס בליק איז מילדער געוואָרן. איר פריערדיקער אויפברויז האָט זיך איצט אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין מיטלייד. זי האָט נישט געענטפערט, בלויז איר וואַרעמער בליק האָט באַשטעטיקט אַז מיין פאַרלאַנג איז דערפילט.

און כ׳האָב אָנגעהויבן מיין דערציילן, ריכטיקער, מיך געגרייט אָנצוהויבן...

אָבער נישט אַזוי לייכט קען מען אָנהויבן דערציילן וועגן אַ ווייטער איבערלעבעניש, ווען אין מוח פלאָנטערן זיך טויזנטער פעדים און בילדער פון אַמאָל און מען ווייסט נישט וועלכן פאָדים פריער אָנצוכאַפּן.

אַן אַקטיאָר הויבט אָן זיין איינשטודירטע ראָלע גלייך ווי דער פּויערהאַנג הויבט זיך אויף, אָבער איך האָב נישט געוווּסט ביי וואָס און ווו אָנצוהויבן. כ׳האָב געקלערט אַ ווײַלע, מיך באַמיט צוזאַמענגעמען מיינע געדאַנקען, מיינע דעראינערונגען און איר דערציילן לויט דעם, ווי די זכרונות וועלן מיך פירן.

איך האָב געקוקט אויף חנה׳לען און געזען אַז זי פלאַמט איצט פון נייגעריקייט, זי איז מיר איצט געווען נאָך ליבער ווי פריער און כ׳האָב געהאַט פאַרדרוס פאַרן אויפהאַלטן איר מיט מיין דערציילן. איך האָב אויף דאָס ניי פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און קוקנדיק אויפן רויך וואָס שלענגלט זיך איבער מיר, לאַנגזאַם אָנגעהויבן דערציילן.

# 7

— זעסטו, חנה׳לע, דו ביזט איצט אַלט ווי מיר דוכט זיך, ניינצן יאָר, דאַן, ווען איך בין אַלט געווען ניינצן יאָר, בין איך אין וואַרשע געווען אַ מיטגליד פון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע און שיינע יוגנד.

אונדזער פּראָגראַם איז געווען ״קעמפן פאַר אַ בעסערן מאָרגן״... די אָרגאַניזאַציע האָט פאַרמאָגט צענדליקער קלובן, קולטורעלע, ספּאָרטיווע, דראַמאַטישע קרייזן און מוזיקאַלישע גרופּן און איך בין דאַן געווען זייער אַקטיוו אין די דראַמאַטישע און מוזיקאַלישע גרופּן. איך האָב אָנגעפירט מיט עטלעכע אָרקעסטערס און אויך מיט אַ דראַמאַטישן קרייז.

אונדזער יוגנד האָט זיך גערופן: ״דער אַוואַנגאַרד פון פּראָ־לעטאַריאַט״ און אונדזער לאָזונג איז געווען: ״קעמפן זינגענדיק און זינגען קעמפנדיק״. מיר האָבן געקעמפט און מיר האָבן גע־זינגען.

און פיל פון אונדזערע טייערסטע און נאָענטע, זענען אַריינ־געוואָרפן געוואָרן אין די תפיסות פאַר אָנטיילנעמען אין דעמאָנסט־ראַציעס, פאַר קלעבן אויפרופן אויף די מויערן, פאַר באַטייליקן זיך אויף מיטינגען, אָדער פאַר זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער און נאָך אַזעלכע זינד.

אוודאי האָבן מיר נישט פאַרגעסן אין די חברים וועלכע מען האָט פאַרשפּאַרט הינטער די קראַטן; מען האָט זיי געדאָרפן שטיצן מאָראַליש און מאַטעריעל.

אונדזער יוגנד איז מאַטעריעל געווען זייער אָרעם. מיר זענען דאָך געווען אַן אַרבעטער־יוגנד. מיר האָבן אַוועקגעגעבן די לעצ־

טע גראָשנס, אָבער אונדזערע גראָשנס זענען ווייט נישט געווען גענוג אויף צו שטיצן פּאָליטישע אַרעסטירטע.

האָבן מיר איינגעאָרדנט קאָנצערטן, דראַמאַטישע אָוונטן און בכלל פאַרשידענע אונטערנעמונגען און פאַרשטענדלעך אַז דאָס אַלץ פלעגן מיר אַדורכפירן מיט אייגענע קרעפטן און מיט די־אָ געלטער האָבן מיר געשטיצט אונדזערע טייערע חברים, וואָס זענען געווען פאַרשפאַרט הינטער אַ מויער און הינטער קראַטן.

און אָט אין די אַלע אָוונטן און אונטערנעמונגען בין איך געווען ביז גאָר אַקטיוו. נישט געווען קיין איין פאַראַנשטאַלטונג, ווו מיינס אַן אָרקעסטער אָדער איך אַליין, זאָל אין אַזאַ אָוונט נישט אָנטיילנעמען.

און אַזוי ווי דו זעסט און קענסט מיך היינט, חנה׳לע, אַזוי בין איך אויך געווען אין מיין יוגנד, שטיל און באַשיידן. איך האָב געטאָן מיין אַרבעט מיט גרויס ליבשאַפט. זיך נישט גע־האַלטן גרויס צוליב דער אָנפירנדיקער ראָלע וועלכע איך האָב פאַרנומען אין אונדזער יוגנד און דערפאַר טאַקע בין איך געווען באַליבט ביי הונדערטער און הונדערטער יוגנדלעכע חברים.

ביי דער דאָזיקער יוגנד אונדזערער, פלעגט כמעט יעדע וואָך, אָדער יעדע צוויי וואָכן פאָרקומען אַ באַנקעט; איינער האָט זיך געגרייט אָפּצופאָרן, איינער איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע, איינער האָט געפייערט זיין געבורטסטאָג, און ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, האָט חברה געמאַכט אַ באַנקעט און אויף אַזעלכע אָוונטן, האָבן זיי מיך געבעטן איך זאָל קומען אָנטיילנעמען, אַלץ איינס צי דאָס זענען געווען גאָר נאָענטע חברה, אָדער סתם באַ־קאַנטע חברים. און אַז מען האָט מיך געבעטן בין איך געקומען און זיי האָבן געוווסט אַז אויב איך וועל זיין, וועט מען זיך שוין נישט לאַנגווייליקן.

און ווירקלעך, ווי ערנסט איך בין געווען צו געזעלשאַפט־לעכע אַרבעטן, בין איך אָבער גאַנץ אַנדערש געווען אין פּריוואַטן לעבן. איבערהויפּט אויף באַנקעטן ביי חברה, בין איך געווען

זייער פריילעך און געמאַכט אַנדערע פריילעך. איך האָב געלאַכט און געמאַכט אַנדערע לאַכן. אַ חוץ אַלעם, פלעג איך אָפט, ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, זיי מכבד זיין מיט אַ שיינעם קאָנצערט אויף מיין פידל, אָדער אויף דער גיטאַרע.

און דערפאַר בין איך געווען באַליבט ביי אונדזער גאַנצער יוגנד. אָבער צוליב אַ באַשטימטער סיבה.... ווי דו וועסט זיך עס דערוויסן, האָב איך מיך געהאַלטן גאַנץ אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע האָבן מיך אָפּגעשאַצט, און דאָס האָט מיך דערפירט צום פאַטאַלן טעות... און וואָס האָט גורם געווען מיין זיין דאָ איצט מיט דיר...

צווישן דער דאָזיקער יוגנד אין וועלכער איך בין געווען, אין די אַלע קלובן אין וועלכע איך האָב אַקטיוו מיטגעאַרבעט און וואָס האָבן געציילט הונדערטער יוגנדלעכע, באַוווסטזיניקע און פשוטע חברה, האָבן מיר צוזאַמען געשאַפן, געזינגען, דיסקוטירט, רעפּעטירט און פאַרברענגט אויף אונטערנעמונגען און אויספלוגן, שמועסן און באַנקעטן און בכלל פאַרווײַלונגען, ביז איינמאָל...

## 8

איינמאָל האָבן מיר זיך געגרייט צו אַ גרויסן קאָנצערט און מיר האָבן רעפּעטירט כמעט יעדן אָוונט, איך מיט מיין אָרקעסטער און אַן אַנדערער חבר מיט זיין כאָר. איך האָב אויסגעקליבן צום קאָנצערט ביי אַ פּערציק שילער און שילערינס; כמעט די בעסטע פון מיינע אָרקעסטערס מיט וועלכע איך האָב צו יענער צייט אָנגעפירט. דער דאָזיקער קאָנצערט האָט באַדאַרפן זיין פון די ערשטע גרויסע קאָנצערט־אונטערנעמונגען, וואָס מיינס אַן אָר־קעסטער האָט געדאַרפן אויספירן. מיר האָבן געדינגען אַ גרעסערן זאַל פון פינף הונדערט זיץ־פּלעצער. די פירער פון אונדזער אָר־גאַניזאַציע האָבן מיך געבעטן צוגרייטן אַן אינטערעסאַנטן פּראָ־גראַם און כ׳זאָל מיך באַמיען, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל אַרויס מיט כבוד פון דער אונטערנעמונג.

אַ געוויסן אָוונט האָב איך רעפּעטירט מיט מיין אָרקעסטער דעם ״יעגער־מאַרש״ פון וועבער, מיט אָט דעם מאַרש האָבן מיר געדאַרפן עפענען דעם אָוונט. דער ״יעגער־מאַרש״ איז נישט סתם עפּעס דאָרט אַ קאָמפּאָזיציע וואָס מען קען עס שפּילן ווי אַזוי מען וויל; איך האָב געוואָלט אַז דער מאַרש זאָל אַרויס־קומען אַזוי ווי איך האָב דאָס ווערק פאַרשטאַנען און אָפּגעפילט. מען האָט געדאַרפן אין געוויסע מאָמענטן, שפּילן שטילער אָדער שטאַרקער, און אין אַנדערע פאַלן מיט אַ שנעלערן אָדער לאַנג־זאַמערן טעמפּאָ. האָבן מיר רעפּעטירט און איבערגעשפּילט דעם מאַרש מערערע און מערערע מאָל. נאָך דער רעפּעטיציע, בעת כ׳האָב מיך, זייער אַ מידער, אַביסל אָפּגערוט פון אַזוי פיל אָנ־

שטרענגונגביים שפּילן און איבערשפּילן, קומט צו מיר צו אַ מיידל און בעט מיך:

— שפּילט, איך בעט אייך, דעם "בריוו צו עליזע" פון בעט־האָווען. זייט אַ גוטער און זאָגט מיר נישט אָפּ.

וואָס אַן אמת, האָב איך אויף אַ ביטע, קיינמאָל מיך נישט אָפּ־געזאָגט עפּעס צו שפּילן. אָבער דאָס מאָל, האָב איך נאָך אפילו נישט געהאַט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, און דאָ שטייט דאָס מיידל האַרט נעבן מיר און הערט נישט אויף מיך צו בעטן, כ'זאָל איר שפּילן די קליינע בעטהאָווענישע קאָמפּאָזיציע. איך האָב איר נישט געקענט און נישט געוווסט אפילו, צי זי האָט אָנגעהערט און געזינגען אין כאָר, צי זי האָט זיך גאַנץ צופעליק געפונען אין זאַל ווו מיר האָבן רעפּעטירט, מיט נאָך אַנדערע יוגנדלעכע. נאָר אויב זי האָט מיך געבעטן און אפילו אָנגערופן ביים נאָמען די קאָמפּאָזיציע, וואָס איך זאָל איר שפּילן, איז דאָך קלאָר אַז זי האָט מיך שוין געהערט די זאַך אויספירן.

אימעצער פון מיינע שילער האָט נישט געוואַרט אויף דעם צי איך וועל מיך יאָ אָדער נישט אָפּזאָגן פון שפּילן, נאָר מיר גלייך אונטערגעטראָגן די גיטאַרע, אַ צווייטער האָט צוגערוקט אַ בענקל אַרויפצושטעלן דעם פוס, כדי אָנשפּאַרן די גיטאַרע. דאָס מיידל איז געשטאַנען האַרט נעבן מיר מיט איר בעטנדיקן בליק.

אַז כ'האָב איר אָנגעהויבן באַטראַכטן, האָב איך שוין מיין בליק נישט געקענט מער אַוועקנעמען פון איר. די אויגן אירע האָבן מיך פשוט אַדורכגעשפּיזט, איך האָב געהאַט אַ געפיל ווי כ'וואָלט געוואָרן היפּנאָטיזירט.

איך האָב אָנגעהויבן שפּילן, און נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף איר. אויך זי האָט נישט אַראָפּגענומען פון מיר אפילו אויף קיין אויגנבליק אירע שוואַרצע שמייכלדיקע אויגן, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך געוועט ווער ס'וועט דעם בליק לענגער אויסהאַלטן.

איך האָב נישט באַמערקט ווי אַרום אונדז האָט זיך פאַר־מירט אַ גרויס ראָד, אפילו אַ טאָפּלטער ראָד פון מיינע שילערס

און פון נאָך יוגנדלעכע וואָס זענען געווען אין זאַל. אַ טייל פון זיי האָבן זיך אויך אַרויפגעשטעלט אויף שטולן און אַלע צוזאַמען האָבן געשאַפן אַ גאַר ענגן קרייז אַרום מיר. בעתן שפּילן האָב איך דאָס אַלץ נישט געזען. ערשט ווען כ׳האָב געענדיקט, איז דער קרייז אַרום מיר לויזער געוואָרן. אויך אירע אויגן האָבן באַפרייט מײַנע פון דעם מאָדנעם היפּנאָז.

זי האָט מיר געזאָגט אַ דאַנק, זיך אָפּגערוקט און כ׳האָב געזען אַז זי נעמט אַ חבר׳טע אונטערן אָרעם און פאַרלאָזט פאַ־מעלעך דעם זאַל.

און אַז זי איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט זי אויסגע־דרייט צו מיר איר קאָפּ, מיר געשאָנקען נאָך אַ בליק פון אירע שוואַרץ־שמייכלדיקע אויגן און מיט איר קליין הענטל אַ באַוועג געטאָן צו מיר אין דער לופט. ס׳איז געווען אַ זשעסט וואָס האָט געקענט באַדייטן "אויף ווידערזען" אָדער "אַדיע".

פון דעמאָלט אָן, ווען אירע שוואַרצע אויגן האָבן מיך אַזוי דורכגעדרינגען און געוואַרעמט, איז פאַרבליבן טליען אַ פונק אין מיין האַרץ... דעמאָלט טאָקע, חנה׳לע, בין איך אַלט געווען ניינצן יאָר.

לסוף האָבן מיר אַלע פאַרלאָזט דעם זאַל און אַראָפּ אויף דער גאַס. מיט מיר האָט זיך געפונען מיין חבר ברין. מײַנע שילער האָבן געשפּאַנט הינטער מיר. זיי האָבן מיך עפּעס געפרעגט און כ׳האָב מיך אַביסל געפּלאָנטערט אין מײַנע ענטפערס. אָבער ביים געזעגענען זיך, האָב איך מיך באַרואיקט און זיי אָנגעזאָגט צו שפּילן און אַרבעטן ביי זיך אין דער היים, ווייל מיר האָבן אינגאַנצן נאָך געהאַט צוויי וואָכן צו פּסח, ווען מיר טרעטן אויף מיט אונדזער קאָנצערט. לסוף האָב איך מיך געזעגנט מיט מיין חבר. כ׳האָב געזען אין זיין שמייכל אַז ער באַמערקט אין מיר אַ געוויסע צעררו־דערונג. מיר האָבן זיך געדריקט די הענט און כ׳בין שנעל אַהיים צו זיך.

בײַנאַכט האָב איך נישט געקענט איינשלאָפן. צי איך האָב

געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט אָדער אָפן, האָב איך געזען צוויי שוואַרצע אויגן שמייכלען צו מיר. איך האָב מיך געדרייט אויף מיין געלעגער, אויף רעכטס און לינקס און האָב כסדר געזען די שוואַרצע אויגן צו מיר שמייכלען און אין די אויערן האָט גע־קלינגען איר אַנגענעמע שטימע וואָס בעט זיך ביי מיר:

— שפּילט אַ "בריוו צו עליזע", איך בעט אייך, זאָגט מיר נישט אָפּ.

איך האָב געהערט דורך דער וואַנט קלינגען אַ זייגער "צוויי", דערנאָך האָב איך אים געהערט קלינגען "דריי" און כ'האָב אַלץ נישט געקענט איינשלאָפן און כסדר געזען פאַר מיר די אויגן פון דעם אומבאַקאַנטן מיידל.

ווען כ'בין איינגעשלאָפן ווייס איך נישט. כ'האָב מיך אויפגע־כאַפּט זייער שפּעט און כ'בין אַראָפּ פון שטוב. געוואַנדערט איבער דער שטאָט מיט אַ גרויסן פאַרלאַנג און האָפענונג צו געפינען צווישן די באַקאַנטע מיידלעך די אויגן פון דער אומבאַקאַנטער, איר שמייכלדיק־וואַרעמען בליק. כ'בין געווען אומפּעאיק צו טאָן עפּעס אַנדערש. אָבער מיין זוכן איז געווען אומזיסט. אירע אויגן האָב איך געזען אין מיר, געפילט אין מיין האַרצן, נאָר נישט אָנ־געטראָפן אין גאַס.

כ'בין אַהיימגעקומען אַ מידער פון דעם לאַנגן שפּאַציר, כ'האָב מיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע און געטראַכט וועגן דעם כישוף פון יענע אויגן וואָס האַלטן מיך פון נעכטן אָן אַזוי גע־שפּאַנט. ס'איז דאָך באמת אַ כישוף, אַ זאַך וואָס כ'האָב נאָך קיינ־מאָל נישט אָפּגעפילט. אויגן וועלכע כ'קען אויף קיין מינוט נישט פאַרגעסן. בליקן וואָס ווילן נישט אָפּטרעטן. זיינען אירע בליקן געווען אַ לוין פאַרן שפּילן פאַר איר, אָדער אַ שטראָף? ווו איז זי איצט? ווו געפינט זי זיך? און וואָס געשעט עס מיט מיר? בין איך אפשר פאַרליבט? וואָס הייסט זיין פאַרליבט? ווי אַזוי קען מען זיך פאַרליבן בלויז אין אויגן? אַ חוץ אירע אויגן, האָב איך דאָך איר בכלל נישט געזען, נישט אָנגעקוקט, ווי אַזוי

זעט זי טאַקע אויס? ווער איז זי? פון וואַנען קומט זי? וואָס האָט זי נעכטן געטאָן אין זאַל ווו מיר האָבן רעפּעטירט? מיט ועמען איז זי געקומען? אפשר קומט זי מאָרגן ווידעראַמאָל? טאַקע באמת, אפשר קומט זי מאָרגן?

כ׳האָב מיך נישט געקענט נעמען צו קיין שום אַרבעט און דאָ האָב איך געהאַט אַזוי פיל נאָטן צו שרייבן פאַר מיינע שילערס. היינט אָוונט האָב איך אַ לעקציע. און מאָרגן ווידער אַ רעפּעטיציע. מאָרגן רעפּעטירן מיר אַ שווערע זאַך, דעם ״דיכטער און פּויער״ פון סופּע. דאָס מוז ווערן אויסגעפּירט ערשטקלאַסיק, אָבער דערווייל נאָגט מיך עפּעס אַזוי אונטערן האַרץ כ׳פּיל מיך אַזוי מאָדנע. ס׳איז אַ געפיל וואָס כ׳האָב עס נאָך קיינמאָל נישט אַדורכ־געמאַכט. כ׳וואָלט געוואָלט ס׳זאָל שוין זיין מאָרגן, כדי איר ווידער־זען. נאָכאַמאָל אַריינקוקן אין אירע אויגן וואָס זענען אַזוי שוואַרץ און טיף ווי די נאַכט.

נאָך דער רעפּעטיציע, וועל איך זען מיט איר צו רעדן און מיך צו דערוויסן פון איר ווער זי איז, פון וואַנען זי קומט, ווי זי הייסט. כ׳וועל איר אפשר זאָגן... אַז זי האָט מיך פאַרכישופט!

אויף צומאָרגנס בין איך געקומען צו דער רעפּעטיציע אַביסל פריער, אין דער האָפענונג איר צו טרעפן און אויב יאָ, זאָל איך טאַקע קענען מיט איר אויסטוישן אַ פּאָר ווערטער, אַביסל אַ שמועס טאָן. אָבער אַז מיר זענען צוגעטרעטן צו דער רעפּעטיציע, איז זי נאָך אַלץ נישט געווען.

כ׳האָב אָבער מיינע האָפענונגען נישט פאַרלוירן. זי מוז דאָך נישט קומען פּינקטלעך ביין אַזייגער. זי קען דאָך אויך קומען אין מיטן פון דער רעפּעטיציע און אפילו אויך ביים סוף. זי האָט דאָך נישט קיין שום פליכטן פאַר דער גרייטנדיקער אונטער־נעמונג.

אַז די רעפּעטיציע האָט זיך פאַרענדיקט, בין איך אַראָפּ פון דער בינע אין זאַל אַריין. כ׳האָב געשמועסט מיט חברים און גלייכצייטיק איר געזוכט צווישן דעם עולם. זי איז נישט געווען.

כ׳בין אַהיימגעגאַנגען אַן אומעטיקער און נישט אויפגעהערט וועגן איר צו טראַכטן און געפילט אַ נאָגעניש אין האַרצן...

מער האָב איך איר נישט געזען. אַ זאַך פון וואָס כ׳האָב אַ סך געליטן. כ׳האָב געזוכט צו פאַרשטיין מיין צושטאַנד. פאַרוואָס מיינע ליידן? זאָל עס טאַקע זיין ליבע? אָדער פשוט אַ שטאַרקע פאַר־אינטערעסירונג איר צו זען. צו זען פון דער נאָענט. קענען זיך אָנזעטיקן מיטן קוקן אויף איר. כ׳וואָלט מיר קיינמאָל נישט פאַר־געשטעלט אַז אירע אויגן, אַז אירע בליקן וועלן אַזוי שטאַרק אַריינדרינגען אין מיין האַרצן. האָט זי עס געטאָן עקסטרע? איז פאַרוואָס קומט זי נישט זען דעם רעזולטאַט פון אירע כישוף־בליקן?

ענדלעך איז געקומען דער אָוונט פון גרויסן קאָנצערט צו וועלכן מיר האָבן זיך אַזוי פיל געגרייט און וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן מיטן אויפטריט פון מיין אָרקעסטער, וואָס האָט אויסגעפירט דעם ״יעגער־מאַרש״ און אַז מיר האָבן געענדיקט דאָס שפּילן די קאָמפּאָזיציע און כ׳האָב מיך אויסגעדרייט צום פּובליקום כדי מיך צו פאַרנייגן, אַז מיין האַרץ האָט געגעבן אַ צאַפּל... איך האָב דערזען די געזוכטע צוויי שוואַרצע אויגן שמייכלען צו מיר, און געזען אירע הענט וואָס אַפּלאָדירן זייער שטאַרק. איך האָב מיך גלייך צוריק אומגעקערט צו מיין אָרקעסטער און געפילט אַז די קניען זענען מיר געוואָרן ווי אונטערגעהאַקט. כ׳האָב פּלוצים מורא באַקומען פאַרן ווייטערדיקן שפּילן. אין מוח האָט געשראָקן אַ געדאַנק, צי כ׳וועל זיין אימשטאַנד אָנצוגיין מיטן דיריגירן...

אַז די אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך געשטילט, האָב איך אויפ־געהויבן מיין דיריגיר־שטעקעלע, נאָר מיין האַנט איז געבליבן אויפגעהויבן. כ׳האָב נישט געזען מיינע שפּילערס. איך האָב בלויז געפילט צוויי שוואַרצע אויגן שמייכלען צו מיר. אַ חבר פון אָר־קעסטער האָט אַ שטילן הוסט געטאָן און כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שלאָף. כ׳האָב דערזען מיין אָרקעסטער וואַרטן אויף מיין צייכן און כ׳האָב אָנגעהויבן דיריגירן און אויך די צווייטע

אויפירונג, דאָס איז טאַקע געווען "דער דיכטער און פויער", איז באַשאַנקען געוואָרן מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

דאָס מאָל האָב איך מיך נישט אויסגעדרייט צום פּובליקום, נאָר געגעבן אַ צייכן מיינע שפּילערס אַז מיר הויבן גלייך ווידער אָן.

איצט האָבן מיר געשפּילט אַ קליין רוסיש לידל, לויט מיינס אַ באַאַרבעטונג. דאָס לידל האָט געהייסן: "פּאָרט אַ קאָזאַק", נאָר אַזאַ ריטם ווי עס האָט פאַרמאָגט די מעלאָדיע, האָב איך נאָך אין ערגעץ נישט געטראָפן. די דאָזיקע רוסישע מעלאָדיע האָט זיך לויט איר ריטם אָנגעהויבן זייער לאַנגזאַם און דערנאָך שפּילט מען זי שנעלער. מיטאַמאָל ווערט אַלץ אָפּגעהאַקט און ווידער זייער לאַנגזאַם און דערנאָך גאָר שנעל. דאָס דאָזיקע לידל האָט געהאַט ביים פּובליקום אַזאַ דערפאָלג אַז די אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך גאָרנישט געוואָלט איינשטילן, און מיר האָבן דאָס לידל געמוזט נאָכאַמאָל איבערשפּילן.

און מיר האָבן אָנגעהויבן נאָכאַמאָל איבערשפּילן דאָס ליד. אין זאַל האָבן זיך געפינען אַ סך באַקאַנטע חברה וואָס האָבן אָנגעהויבן באַגלייטן די מעלאָדיע דורך פּאַטשן מיט די הענט צום טאַקט און באַלד האָט דער גאַנצער זאַל מיטגעהאָלפן. ס'האָט זיך געשאַפן אַן אויסערגעוויינלעך־לעבהאַפטע שטימונג. כ'האָב מיך אָבער שטאַרק געשראָקן פאַר אַ דיסהאַרמאָניע וואָס האָט גע־קענט געשען, צוליב דער פאַרשידנאַרטיקייט פון טאַקט, וואָס איז, ווי כ'האָב עס שוין דערציילט, געווען אַ מאָל שנעל, מיטאַמאָל זיך אָפּגעהאַקט, און דערנאָך ווידער אָנגעהויבן, אָבער לאַנגזאַם און ווידעראַמאָל שנעל. דער עולם וועט דאָך נישט וויסן נאָכצו־קומען. כ'האָב מיט אַלע כוחות געוואָלט אויסמיידן אַזאַ דיסהאַר־מאָניע, וואָס וואָלט צעשטערט דעם גאַנצן ביז־איצטיקן דערפאָלג.

איז טראָץ דעם וואָס איך האָב געוווסט אַז איך וועל ווערן באַשטראָלט פון די צוויי כישוף־אויגן, האָב איך זיך אויסגעדרייט צום פּובליקום און אָנגעהויבן דיריגירן מיטן עולם און זיי געוויזן

ווען אַפּלאָדירן לאַנגזאַמער, ווען שנעלער, ווען אויפהערן און ווען זיי קענען ווידער אָנהויבן דאָס פּאַטשן מיט די הענט.

דאָס איז געווען דער ערשטער קאָנטאַקט מיינער פון דער בינע אַראָפּ מיטן פּובליקום. דער קאָנצערט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גאַר גרויסן דערפאָלג.

מיינע שילערס זענען געווען איבערגליקלעך פון דעם גרויסן דערפאָלג וועלכן מיר האָבן געהאַט. אַ סך פון צווישן זיי, זענען אויף דעם פאָרגעקומענעם קאָנצערט אויפגעטרעטן צום סאַמע ערשטן מאָל און אַז מיר זענען דערנאָך אַראָפּגעקומען אויפן הויף דורך דער ספּעציעלער טיר, דעם אַזוי גערופענעם "אַרטיסטן־דורכגאַנג", האָבן אַ טייל פון מיינע שפּילער פאָרמירט אַ ראָד, און אויף דאָס ניי געמומען זינגען דעם וואַלס פון "דיכטער און פּויער". זיי האָבן מיך אַריינגענומען אין דער מיט פון ראָד און אָנגעהויבן טאַנצן.

דאָס זינגען איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער און דאָס טאַנצן שנעלער און האָט צוגעצויגן אַ טייל פון פּובליקום וואָס איז אַרויסגעקומען פון זאַל. אַ שטימע האָט אפילו אויסגערופן, אַז דאָס איז דער עפּילאָג פון קאָנצערט.

אָבער מיטאַמאָל האָב איך געגעבן אַ צייכן איבערצורייסן דעם טאַנץ, וואָרעם צווישן די נייגעריקע האָב איך באַמערקט צוויי מיידלעך וואָס זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אַן אַנדער און ווידער האָב איך געזען די צוויי שוואַרצע שטראַלנדיק־שמייכל־דיקע אויגן קוקן צו מיר.

און אַז אַלע זענען שטיל געוואָרן, זענען די מיידלעך צוגע־קומען צו מיר, זיך מיט מיר באַגריסט און מיין "באַקאַנטע" האָט מיר פאָרגעשטעלט איר חבר'טע: "עסטושע".

מיר האָבן אָנגעהויבן לאַנגזאַם צו גיין.

ביידע מיידלעך האָבן געשפּאַנט רעכטס פון מיר. מיין חבר ברין פון לינקס און מיינע שילערס זענען געגאַנגען הינטער אונדז. "זי" האָט מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן פאַרן היינטיקן קאָנצערט.

ז׳האָט געוועדט צו מיר מערערע רייד, נאָר אין מיין גרויסער אינערלעכער אויפרודערונג, פון פילן איר נעבן זיך, האָב איך פשוט נישט גוט באַנומען דעם זין פון אירע ווערטער.

מיטאַמאָל, הער איך ווי עסטושע זאָגט צו איר:

— קום העלענע, ס׳איז שפּעט.

״אַך אַזוי, העלענע הייסט זי, העלענע״, האָב איך אין געדאַנק צו מיר געוועדט.

זי האָט מיר דערלאַנגט איר האַנט אויף צום געזעגענען. מיר געווונטשן אַ סך דערפאָלג אין מיין ווייטערדיקער אַרבעט, איך זאָל אַ סך דערגרייכן און איז אַוועק מיט איר חבר׳טע, איבער־לאָזנדיק דעם שמייכל פון אירע צוויי שוואַרצע כישוף־אויגן אין מיין האַרצן.

איך האָב איר לאַנג נאָכגעקוקט. כ׳האָב געזען אירע שיינע געטאָקטע פיס, איר שיינע פיגור און שיינעם קאָפּ האָר.

די נאַכט בין איך שוין נישט געשלאָפן.

— יאָ, חנה׳לע, איך בין געווען פאַרליבט, איך האָב דער־פילט די ווייטיקן פון דער ליבע. איך האָב נישט געזען מער קיין אַנדערן מענטש אויף דער וועלט אַ חוץ איר און כ׳האָב אָנגע־הויבן זוכן אַ וועג ווי אַזוי זיך צו טרעפן מיט איר. ווי אַזוי איר צו דערגרייכן, אַ זאַך וואָס האָט זיך מיר אָבער נישט איינגע־געבן. כ׳האָב נישט געוווסט ווי אַזוי איר צו געפינען. און כ׳האָב אָנגעהויבן אַ סך צו ליידן. מיין חבר ברין האָט באַמערקט אַז כ׳האָב מיך אויסערגעווייגלעך געענדערט, אַז כ׳בין געוואָרן מע־לאַנכאָליש, כסדר פאַרטראַכט און ער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין נישט אַ מאָל קראַנק?

איך האָב אים געוואָלט דערציילן אין וואָס מיין קראַנקהייט באַשטייט, נאָר כ׳האָב בלויז הילפסלאָז געשמייכלט און גאָרנישט געזאָגט.

כ׳האָב אָנגעהויבן אויסצומיידן אַלע נאָענטע און באַקאַנטע און אפילו אויך דאָס טרעפן זיך מיט מיין חבר ברין. כ׳האָב ליב

געקריגן דאָס בלייבן אַליין מיט זיך, טראַכטן וועגן העלענען און שפּילן פאַר איר. און אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך איר געזען אין מיינע אָרעמס, איר געדריקט פעסט צו מיר, און איר געקושט אַזוי פיל, אַזוי פיל...

די דאָזיקע פאַנטאַזיעס האָבן מיך נאָך שטאַרקער אויפגערודערט, כ׳בין געוואָרן אָפּגעשוואַכט און כסדר אַלץ מער געליטן. כ׳האָב באַשלאָסן, אַז אויב ס׳וועט זיך מיר איינגעבן איר אַ מאָל צו טרעפן, וועל איך איר נישט וועלן מער פאַרלירן און כ׳וועל פאַר איר אַנטפּלעקן מיין סוד. כ׳וועל איר זאָגן אַלץ, אַלץ. כ׳וועל אויסנוצן אַלע שענסטע פּאָעטישע ווערטער וועלכע איך קען... און כ׳וועל איר בעטן זי זאָל מיין ליבע נישט אָפּוואַרפן. כ׳וועל איר דערציילן וועגן מיינע ליידן צוליב איר און אפילו אויך וועגן מיינע פאַנטאַזיעס וועגן איר... אָט־אָ דער געדאַנק האָט מיר געגעבן אַ געוויסע באַרואיקונג און כ׳האָב ווידער געשפּילט פאַר איר... דאָס שפּילן פאַר איר האָט מיך געשטאַרקט און געגעבן כוח צו וואַרטן...

# 9

ס׳זענען אַדורך שיינע עטלעכע וואָכן אַז כ׳האָב איר אַלץ נישט געטראָפן און וואָס מער צייט עס איז פאַרביי פון נישט זען איר, אַלץ מער פאַרליבט בין איך אין איר געווען. כ׳האָב כסדר אויסגעמיטן יעדע געזעלשאַפט. געגאַנגען בלויז אויף די לעקציעס און דערנאָך שנעל אַהיים צו זיך אין מיין צימער כדי צו שפּילן פאַר איר און צו טראַכטן וועגן איר...

אַ געוויסן אָוונט, נאָך אַ רעפּעטיציע מיט איינעם פון מיינע אָרקעסטערס, האָט מיין חבר בריק, וואָס האָט אויף מיר געוואַרט, מיך געבעטן אַז מיר זאָלן אַרויס אַביסל אויף לעשנאַ גאַס, אַן אָרט ווו אונדזער יוגנד האָט שפּאַצירט. אויף לעשנאַ־גאַס האָט זיך געפונען דאָס יידישע "צענטראַל־טעאַטער". נישט ווייט איז געווען דער ליטעראַטן־פאַראיין. דער טראָטואַר איז דאָ געווען אַ ברייטער. דאָ, אין פּאַריז וואָלט עס זיכער געווען אַ בולוואַר אָדער אַן אַוועני. אויף דער דאָזיקער גאַס האָט מען זיך געקענט זאַמלען, דיסקוטירן און יונגוואַרג האָט שפּאַצירט אַהין און צוריק.

כ׳האָב שטאַרק געוואָלט אַהיימגיין צו זיך, כ׳האָב זיך בעסער געפילט ווען איך בין געווען אַליין און געטראַכט אומגעשטערט וועגן העלענען און געשפּילט פאַר איר. מיין חבר האָט מיך אָבער שטאַרק צוגערעדט מיר זאָלן זיך אַביסל אַדורכגיין, איבערשפּאַצירן און אַז ס׳וועט מיר נישט שלעכט מאַכן.

אָנקומענדיק אויף דער לעשנאַ, האָבן מיר געטראָפן אַ סך באַקאַנטע, זיך כסדר באַגריסט און פאַרגעזעצט דעם שפּאַציר ביז... מיין האַרץ האָט געגעבן אַ צאַפּל! איך האָב דערזען העלענען. זי איז געשטאַנען מיט אַ קליינער גרופּע, דערונטער אויך איר

חבר׳טע עסטושקע און האָבן געשמועסט. זי האָט מיך אויך דער־זען. זי האָט פאַרלאָזט יענע גרופּע און איז מיט עסטושקען צוגע־קומען צו אונדז און מיך גלייך באַשיט מיט פראַגן: פאַרוואָס מען זעט מיך נישט און פאַרוואָס איך באַהאַלט מיך אַזוי אויס. איך האָב געהאַט איין ענטפער, אַז איך בין פאַרנומען, שטאַרק פאַרנומען...

ווי אַזוי האָב איך איר געקענט זאָגן אַזאַ ליגן? וואָס הייסט, איך בין פאַרנומען? וואָלט איך דען נישט אַלץ אַוועקגעלייגט אין אַ זייט, כדי זיך צו טרעפן מיט איר! נאָר אַזוי גייט די שפּיל. אָט דאָס איז די נאַאיווע יוגנד; אַנשטאָט צו עפענען דאָס האַרץ און זאָגן דעם אמת, זאָגט מען פּונקט דאָס פאַרקערטער און מען ליידט.

מיר האָבן שפּאַצירט אַלע פיר אין איין ברייט. געשמועסט, טייל־מאָל געלאַכט. אויף אַ געוויסן מאָמענט האָט ברין מיט עסטושקע זיך אָפּגעטיילט פון אונדז און געגאַנגען פאַראויס און איך מיט העלענען זענען מיר געבליבן הינטערשטעליק. זי האָט מיך דער־מאָלט גענומען אונטערן אָרעם און מיך געפירט גלייך מיר וואָלטן שוין געווען באַקאַנט ווער ווייס פון ווי לאַנג. זי האָט נישט אויפ־געהערט מיך צו באַשיטן מיט פראַגן, מכוח דעם וואָס מיר שפּילן היינט? ווען וועלן מיר ווידער געבן אַזאַ קאָנצערט? וויפיל שילער איך האָב און ווען האָב איך גופא מיך אָנגעהויבן לערנען מוזיק, אויב שוין אַזוי יונג בין איך אַ דיריגענט און קען אַזוי גוט און שיין שפּילן. זי האָט גערעדט צו מיר פון לעצטן קאָנ־צערט. ווי שיין ס׳איז געווען דער מאָמענט ווען כ׳האָב דיריגירט נישט אַזוי מיטן אָרקעסטער, נאָר מיטן פּובליקום און ווי שטאַרק זי האָט דעמאָלט געפּאַטשט מיט די הענט, אַזוי אַז אויף צומאָרגנס האָט זי גאָרנישט געקענט טאָן פון ווייטיק. אַזוי זענען מיר גע־גאַנגען אויף דער ברייטער לעשנאָ אַהין און צוריק, אַהין און צו־ריק, ביז זי האָט זיך פּלוצים אַ שטעל אָפּ געטאָן און מיך געפרעגט:

— איר וואָלט געוואָלט מיך לערנען שפּילן?

פון דער פראַגע אירער, האָט מיר אַ מיש געטאָן אין קאָפּ און אַ שווינדל פאַר די אויגן, אַזוינס איז מיר גאַרנישט איינגע־פאַלן. אין דעם דאָזיקן געדאַנק האָב איך דערזען די איינציקע האָפענונג מיינע זיך מיט איר נענטער צו פאַרבונדן, איר צו האָבן נעבן זיך און כ׳האָב מיך אין אים אָנגעכאַפּט פונקט ווי אַ טרענקענדיקער, וואָס האָט נישט קיין שום האָפענונג זיך צו ראַטע־ווען און פלוצים קומט אים אונטער אַ שווימענדיקער בוים. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך איר שנעל געענטפערט:

— איך וועל דיך גערן לערנען, העלענע. איך וועל זיך אָפּגעבן מיט דיר מער ווי מיט איטלעך אַנדערן.

כ׳האָב אַליין נישט באַמערקט אַז איך רעד צו איר אויף "דו".

העלענע האָט זיך פאַרטראַכט און האָט אַ ווײַלע געוואַנדן אירע שיינע אויגן צום הימל אַרויף, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט פרעגן אַן עצה ביי די שטערן מכוח וואָס צו טאָן.

— כ׳האָב נישט קיין אינסטרומענט, — זאָגט זי צו מיר שטיל.

— איך וועל עס דיר געבן. איך וועל דיר אַלץ געבן. יעדן מיטוואָך אָוונט האָב איך פּריוואַטע לעקציעס. און אויב דו קענסט נישט קומען מיטוואָך, איז קום ווען דו ווילסט, איך וועל דיך אויס־לערנען שפּילן.

העלענע האָט זיך אויף דאָס ניי פאַרטראַכט. לסוף האָט זי מיך ווידער געגומען אונטערן אָרעם און ווידער אָנגעהויבן גיין. איצט האָבן מיר געשפּאַנט נישט אַרויסרעדנדיק מער קיין איין וואָרט. איך האָב געוואַרט אויף איר באַשלוס און נישט געוואָלט שטאַרק צושטיין, כדי זי זאָל נישט מיינען אַז איך בין עפּעס אויסן. וואָס זי האָט געטראַכט ווייס איך נישט. נאָר אין מיר גופא האָט דאָס האַרץ שטאַרק געקלאַפּט פאַר מורא זי זאָל אַ מאָל נישט רעזיגנירן פון געדאַנק וועגן לערנען זיך שפּילן. מיר זענען כסדר געגאַנגען שווייגנדיק, ביז עסטושקע מיט ברינען זענען צו אונדז צוגעקומען און מען האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט זיך אָנגע־קוקט שווייגנדיק. איך האָב נישט געהאַט דעם מוט צו פרעגן

העלענען, מכוח דעם וואָס זי האָט באַשלאָסן. איך האָב געהאָפט אַז זי וועט קומען.

אַז כ׳האָב געזען אַז עס האַלט שוין ביים געזעגענען זיך, האָב איך פאָרגעשלאָגן זיי צו באַגלייטן אַהיים און דערביי גע־טראַכט, אַז אויפן וועג, וועל איך ווידער שמועסן מיט העלענען און מיר וועלן באַשטימען ווען מיר זאָלן אָנהויבן דאָס לערנען.

ביידע מיידלעך האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דער באַ־גלייטונג, דערקלערנדיק מיט אַ שמייכל, אַז זיי ווינען איינע נעבן דער אַנדערער און אַז זיי קומען שטענדיק אַליין אַהיים.

העלענע האָט מיר דערלאַנגט איר קליין צאַרט הענטל באַ־גלייט מיט אַ וואַרעמען בליק פון אירע שוואַרצע שמייכלדיקע אויגן, געווינטשן אַ גוטע נאַכט און מיר האָבן זיך צעשיידט.

גלייך דערנאָך האָב איך זיך געזעגנט מיט ברינען וואָס האָט געוווינט אין אַן אַנדערער געגנט און כ׳בין אַהיים צו מיר, באַלויכטן מיט אַ גאָלדענעם שטראַל פון האָפענונג, אַז העלענע וועט צו מיר קומען; אַז זי וועט זיך ביי מיר לערנען אַז מיר וועלן זיך דערנענטערן און כ׳וועל ווערן געהיילט...

און כ׳האָב ווידער געהאַט פון וואָס צו פאַנטאַזירן, מכוח דעם ווי אַזוי זי וועט זיצן נעבן מיר. ווי אַזוי איך וועל אָננעמען איר קליין הענטל און ווייזן איר ווי אַזוי צו שטעלן די פינגער אויפן גריף פון דער מאַנדאָלינע און אַז כ׳וועל דאַן האַלטן איר האַנט לענגער אין מיינע און אַז דערביי וועל איך מיך געפינען נעבן איר אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט... איך וועל פילן איר אָטעם, איר באַרי־רונג. כ׳וועל צו איר רעדן און אַלץ אָנווייזן אַזוי ליבלעך און אַז זי וועט מוזן זיין מיינע. דאָס איז די איינציקע געלעגנהייט. דאָס איז די איינציקע האָפענונג אויף וועלכע איך האָב איצט געוואַרט און מיט וועלכע איך האָב איצט געלעבט.

ס׳איז געקומען דער מיטוואָך, אָבער זי איז נישט געקומען. ס׳איז אַדורך דער צווייטער, דער דריטער מיטוואָך; ס׳זענען אַדורך אַ סך מיטוואָכס, נאָר זי איז נישט געקומען און מיין גאָלדענער

שטראַל פון האָפענונג איז פאַרלאָשן געוואָרן, ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען. כ׳האָב ווידער אָנגעהויבן ליידן, אָבער דאָס מאָל שטאַרקער ווי פריער און ווידער אַדורכגעמאַכט פיל שלאָפלאָזע נעכט. כ׳האָב אויף דאָס ניי מיך אָפגעשיידט פון איטלעכן און געזעסן ביי מיר אין צימער. כ׳האָב דאַן געשאַפן פיל מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס און צוגעגרייט אַ פּראָגראַם פאַרן כאָר און אָרקעסטער אין פאַל, אויב ס׳וועט ווען אויסקומען איינצואָרדענען אַן אָוונט. כ׳האָב מיר אויסגעזוכט פאַרשידענע אַרבעטן, כדי פּרובירן ווייניקער טראַכטן וועגן העלענען, נאָר ס׳איז מיר נישט געלונגען.

וואָס מער איך האָב געליטן צוליב איר, אַלץ מער האָב איך איר געליבט און וואָס שטאַרקער איך האָב געליבט, אַלץ שטאַרקער האָב איך געליטן.

אַמאָל איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: אַ שפּאַציר טאָן אויף לעשנאַ; גיין אַזוי לאַנג ביז כ׳וועל איר טרעפן און דאַן, אומבאַדינגט איר אַלץ אויסדערציילן.

האָב איך מיך געשראָקן דאָס צו טאָן. אפשר זאָגט זי מיר אָפּ? איז ווי וועט זיין, אויב איר האַרץ קלאַפּט נישט פאַר מיר? אפשר האָט זי גאָר ליב אַן אַנדערן? דעמאָלט, אָ, דעמאָלט וועל איך דאָך איר אינגאַנצן פאַרלירן. זי וועט דאָך מיך אויסמיידן און איך וועל דאָך איר אויך מוזן אויסמיידן. ס׳וועט דאָך אַנדערש נישט קענען זיין. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך נאָך מער געשראָקן. איך מוז נאָך וואַרטן און ליידן, אפשר וועט זי נאָך קומען זיך לערנען שפּילן, ווי זי גופא האָט עס געוואָלט. זי האָט דאָך מיר נישט געזאָגט אַז זי קומט צו מיר דעם און דעם טאָג. איך האָב דאָך איר נאָך גאָרנישט וואָס פאָרצוואַרפן. אויב זי וועט מיך מאָרגן טרעפן, וועט זי דאָך ווידער צו מיר צוקומען און ווידער מיך נעמען אונטערן אָרעם ווי דעמאָלט און ווידער מיר שטעלן פראַגן, איז זאָל דערווייל בלייבן אַזוי ווי ס׳איז...

מיט די דאָזיקע געדאַנקען וואָס האָבן מיך געפּייניקט אויפן געלעגער בין איך ענדלעך איינגעשלאָפן.

## 10

דער זומער האָט זיך געשטעלט. אַ כוואַליע פון היצן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף וואַרשע. אין שטאָט איז געווען שרעקלעך הייס. די אַרבעט איז געוואָרן פיל שוואַכער. די יוגנט האָט צייט געהאַט אַרומצושפּאַצירן גאַנצע טעג. פיל פּראָווינצער חברים זענען אַהיימגעפאָרן אין זייערע שטעטלעך. די פאַרמעגלעכערע פון צווישן זיי, זענען אַרויסגעפאָרן אויף זומער־וווינונג. אונדזער קלוב האָט זיך געקליבן איינצואָרדענען אַ זומער־קאָלאָניע. דערווייל האָט מען דיסקוטירט וועגן דעם.

אַגעוויסן הייסן טאָג, בעת כ'האָב מיך געפונען ביי מיר אין צימער און זיצנדיק, ווי געוויינלעך, איבערגעשריבן נאָטן ביי אָפּענע, צוליב דער היץ טיר און פענסטער, איז אומגעריכט צו מיר אַריינ־געפאַלן אַ פאַרשוויצטער, מיט אַ צעשפּילעטן קראַגן און מיטן רעקל אויף דער האַנט, מיין חבר ברין. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער קאַנאַפּע און אויסגעשריגן:

— פוי, ווי הייס היינט איז!

איך האָב איבערגעריסן מיין אַרבעט, מיך צו אים אויסגעדרייט און אים באַטראַכט, ווי ער ליגט אויף דער קאַנאַפּע און עטעמט שווער.

מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ זעץ אויף און פרעגט מיך:

— ווו ביזטו ערגעץ! פאַרוואָס זעט מען דיך נישט?

— וואָס, דו פרעגסט אויך פאַרוואָס מען זעט מיך נישט?

— וואָס הייסט, איך אויך? ווער נאָך פרעגט זיך פאַרוואָס מען זעט דיך נישט?

— נו, לאָמיר אָננעמען די צוויי מיידלעך... די עסטושקע מיט

העלענע... ווען זיי טרעפן מיך, פרעגן זיי גלייך, פאַרוואָס מען זעט מיך נישט...

— האָב איך טאַקע אַ גרוס פאַר דיר — רופט זיך אָן ברין.

— כ'האָב זיי אַנומלט געטראָפן און זיי האָבן מיך טאַקע געפרעגט אויף דיר און טאַקע געפרעגט פאַרוואָס מען זעט דיך נישט און ווו דו געפינסט זיך!

— נו, זעסטו שוין? — זאָג איך צו אים, פילנדיק מיין האַרץ קלאַפן שטאַרקער.

איך באַטראַכט ברינען. ער האַלט זיך אין איין ווישן דעם שווייס פון שטערן און סאַפּעט שווער.

און אַז ער האָט זיך אַביסל אָפּגערוט און אָפּגעקילט, זאָגט ער צו מיר:

— איך זוך דיך שוין לאַנג אַרום און לסוף געמוזט אַרויפ־קומען. מעגסט מיר דערפאַר כאָטש דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער.

ער האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער אין איין אָטעם און אַוועק־שטעלנדיק דאָס גלאָז, זאָגט ער צו מיר:

— הער מיך אויס, טייערער לערער! אונדזער קלוב האָט ענד־לעך שוין געדונגען אַ קאָלאָניע און ווי כ'האָב געהערט, דאַרף עס זיין זייער פיין. ס'איז אַ וואַלדיקע געגנט און די כאַטעס אין וועלכע די קאָלאָניסטן וועלן ווינען געפינען זיך נעבן אַ טייכל און זיי זענען ווייט אָפּגעזונדערט פון די אַרומיקע בנינים. קורץ, ס'דאַרף זיין אַ פיינע קאָלאָניע. מיר וועלן דאָרט נישט זיין געשטערט דורך קיי־נעם. די ערשטע גרופע פאָרט אָפּ דעם 10־טן יולי, דאָס הייסט סך־הכל, אין אַכט טעג אַרום — און ער גיט צו:

— איך האָב רעזערווירט אַ פּלאַץ פאַר דיר!

— פאַר מיר? וואָס עפּעס פאַר מיר? ווי פאַלט דיר איין אַזאַ זאַך?...

— הער מיך אויס, — זאָגט צו מיר ברין, — דו מיינסט, אַז איך זע נישט וואָס מיט דיר קומט פאָר?... דו גייסט דאָך לעצטנס אַרום ווי אויף יענער וועלט, שטענדיק פאַרטראַכט, פאַרחלומט. טייל־

מאָל הערסטו אפילו נישט וואָס מען רעדט צו דיר און וויפל מאָל באַמערק איך ביי דיר רויטע אויגן פון נישט שלאָפן! כ׳וויים נאָר נישט די סיבה דערפון. כ׳קען אפילו פּרובירן טרעפן, אָבער צוליב וואָס דאַרף איך טרעפן אויב דו באַהאַלטסט פאַר מיר די דאָזיקע סיבה!

ברין האָט אָנגערירט דאָס אָנגעוויטיקסטע, דאָס סאַמע פּיל־באַרסטע אָרט, מיט זיין פאַרוואָרפן מיר, אַז איך היט מיך פאַר אים.

איך האָב אים לאַנג נישט געלאָזט אָן אַן ענטפער און רוף מיך צו אים אָן:

— איך היט מיך גאָרנישט פאַר דיר אויס, אָבער איך האָב דיר אויך גאָרנישט וואָס צו דערציילן. איך וויים נאָך אַליין נישט וואָס מיט מיר איז. איך לייד, ס׳איז אמת, כ׳לייד אַ סך. אָבער ווי אַזוי זאָל איך אַ נאָמען געבן אָט־אָ די ליידן מיינע, ווי אַזוי קען מען דאָס אָנרופן? בענקשאַפט? און אפשר ליבע? וויים איך נאָך אַליין נישט ווי אַזוי דאָס צו באַצייכענען, ווי אַזוי דאָס אויסטייטשן? אפשר וויייסטו וואָס ס׳איז אַזוינס ליבע?...

— מיך פרעגסטו וואָס ס׳איז אַזוינס ליבע? פון וואַנען זאָל איך עס וויסן. אַז איך וויים עס נישט גלייך מיט דיר. פאַרקערט, דו דאַרפסט עס דאָך בעסער וויסן פאַר מיר, דו ביזט דאָך פאַרליבט!...

— איך וויים נישט צי איך בין פאַרליבט. איך וויים נאָר אַז איך בענק נאָך אימעצן און כ׳וואָלט מיט דער פּערזאָן שטאַרק גע־וואָלט זיין צוזאַמען. זיין וואָס נענטער. אַזוי אָבער ווי כ׳קען דאָס נישט דערגרייכן, לייד איך און בענק. הייסט דאָס טאַקע ליבע? בין איך טאַקע פאַרליבט?

— וואָס דאַרפסטו אַזוי פיל אַריינקלערן? דו וויייסט דאָך אַז איך בין אין אַלע ענינים פּראַקטיש. איך בין נישט קיין טרוימער און בין נישט סענטימענטאַל. אַזאַ זאַך פּאַסט טאַקע פאַר דיר. דו ביזט אַ מוזיקער, אָבער איין זאַך פאַרשטיי איך נישט: אויב דו בענקסט אַזוי שטאַרק נאָך אימעצן, עס הייסט דאָך אַז דו האָסט די פּערזאָן ליב. און אויב פאַרליבט, ביזטו דאָך נישט פאַרליבט אין אַן ענגלי־

שער פרינצעסין, וואָס דו קענסט איר נישט דערגרייכן, צי גאָר אין אַ האָליוודער אַקטריסע, וואָס דו קענסט צו איר נישט צוקומען. ביזטו דאָך זיכער פאַרליבט אין אַ מיידל פון אונדזערע קרייזן, אין אַ מיידל וועלכע דו קענסט. דו האָסט דאָך איר נישט געזען אין חלום נאָר אין דערווירקלעכקייט, איז פאַרוואָס דאַרפסטו אַזוי פיל ליידן?

— איז וואָס דאַרף איך לויט דיין מיינונג טאָן?

— און אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו מיך פאָלגן?

— פּרוביר זאָגן, ביזט דאָך אַ חבר.

— וואָס זאָל איך פּרובירן?

— גיב מיר אַן עצה, אַ "פּראַקטישע" עצה, ווייל איך לייד באמת און ס'איז גאָר נישט צום שפּאַסן. די אויגן האָבן געזען און דאָס האַרץ האָט דערפילט.

— מיין עצה איז אַ גאַנץ פּשוטע. איך האָב דיר פריער געזאָגט אַז איך בין נישט סענטימענטאַל און נישט קיין טרוימער. איך בין פּשוט אין יעדער זאַך און ס'איז מיר אַ שאָד דיך צו זען אויף אַזוי פיל געענדערט. מיין איך, אַז דו דאַרפסט זאָגן דעם מיידל וועגן דיין ליבע און די זאַך וועט זיך אויפקלערן און וועסט אויפהערן צו ליידן.

— און אויב די וועלכע איך ליב, ליבט מיך נישט? און אויב זי וועט מיר נישט קענען דירעקט זאָגן, ניין! וועט זי דאָך זוכן מיך אויסצומיידן. און קוים וועט זי אָפּזאָגן מיין ליבע, וועל איך דאָך איר אויך מוזן אויסמיידן. אָט־אָ דער געדאַנק שרעקט מער ווי יעט־ווערע זאַך.

— קען איך למשל וויסן, וועסטו מיר אַנטרויען און זאָגן אין וועמען דו ביזט עס אַזוי פאַרליבט? — פרעגט ברין.

— אין... אין העלענען.

— אין הע—לע—נען? — האָט ברין לאַנגזאַם געצויגן איר נאָמען — וואָס אַזוינס האָסטו אין איר געפינען?

— דאָס זעסטו, הייסט טאָקע ליבע... וואָס דאַרף איך דען אין

איר געפינען? זי האָט מיך פאַרכישופט מיט אירע אויגן, מיט אירע בליקן און כ׳בין אין איר פאַרליבט, און כ׳קען מיר פשוט קיין אָרט נישט געפינען. קיין איין מינוט הער איך נישט אויף צו טראַכטן וועגן איר, אַזוי בייטאָג און אַזוי ביינאַכט.

און נאָך אַ ווײַלע שטיל־שווייגן, פרעג איך ברינען:

— ווען דו פאַרליבסט דיך אין אימעצן, וואָלסטו גלייך צוגעגאַנגען צו דעם מיידל און איר אַזוי געזאָגט פשוט... אַז דו האָסט איר ליב?

— ווער, איך?... דערווייל בין איך עס נאָך נישט... מיר איז ביז היינט פרעמד דאָס דאָזיקע געפיל. נאָר איך גלויב, אַז איך וואָלט גיכער געהאַלטן אַ פּאָליטישע רעדע אַ גאַנצן טאָג פאַר אַ טויזנט־קעפּיקן עולם, איידער זאָגן צו אַ מיידל אַז איך בין אין איר פאַרליבט!

— איז פאַרוואָס הייסטו מיך עס יאָ טאָן?

— ווייל דו מוזט, אום כדי זאָלסט אויפהערן צו ליידן.

— איך וואָלט עס געטאָן, איך האָב שוין נישט איינמאָל באַשלאָסן אַזוי צו טאָן. נאָר איך דערמאָן מיך אָן איבערלעבעניש וואָס כ׳האָב אַמאָל געהאַט און וואָס לעבט אין מיר און ווירקט כסדר, און די איבערלעבעניש האַלט מיך אָפּ פון דעם שריט. כ׳וועל עס דיר דערציילן:

אין קלוב "וויעדזאַ" (וויסן) וווּ איך גיב לעקציעס צוויי מאָל אין וואָך, איז שטענדיק נאָכן ענדיקן דאָס לערנען, בעתן עפענען די טיר כדי צו פאַרלאָזן דעם זאַל, פלעג איך אַלעמאָל אָנטרעפן אויף חברה וואָס האָבן צווישן זיך געשמועסט, זיך אונטערהאַלטן, אָדער זיי פלעגן זיך צוהערן צום שפּילן. שטענדיק אָבער, ביי מיין אַרויסקומען, פלעגט אויף מיר אַרויפפאַלן אַ מיידל, וואָס מען האָט אין איר גלייך דערקענט אַ צעבאַלעוועטע און נישט קיין איבעריק קלוגע וואָס איז דאָ געקומען שוין גאָר נישט פון קיין אָרעמער היים. שיין אָנגעטאָן, מיט אַ פול און רונדיק געזיכט, פלעגט זי שטענדיק צאָלן אַלע אירע חבר׳טעס צוקערקעס, שאָקאָלאַד און אויך צאָלן

פאַר זיי בילעטן אין סינעמאַ. דאָס דאַזיקע מיידל פלעגט שטענדיק, ביי מיין אַרויסקום, נאָכן האָבן געענדיקט מיינע לעקציעס, צו־פאַלן צו מיר מיט די ווערטער:

— אוי, חבר לערער! לערנט מיך אויך שפּילן! — און דאָס פלעגט זי טאָן טראָץ דעם וואָס אין זעלבן קאָרידאָר הענגט אַ מעל־דונג, אַז "ווער עס וויל לערנען אין אָרקעסטער, זאָל זיך ווענדן צו דעם און דעם".

יעדעס מאָל פלעגט זי איבערחזרן איר ביטע מיט אַ גראָבער און הייזעריקער שטימע. כסדר, צום ווייפלט מאָל שוין צו מיר צו־שטיין:

"אוי, חבר לערער, לערנט מיך אויך שפּילן".

כ'פלעג איר אָבער קיינמאָל נישט ענטפערן אויף דעם צושטיין צו מיר.

איינמאָל, בעת איך גיי אַרויף אויף מיין לעקציע, זע איך אַז זי גייט גראָד אַראָפּ. מיר טרעפן זיך אויף די טרעפּן און זי הויבט אָן מיטן זעלבן לידל: "כ'זאָל איר לערנען שפּילן". איך שטעל מיך אָפּ און זאָג צו איר, שטיפנדיק:

— ווילסט כ'זאָל דיך לערנען שפּילן? גוט, מאַך מיט מיר אַ ראַנדעוווּ. — כ'מוז דיר זאָגן, ברין, אַז כ'האָב עס באמת געזאָגט אַלס וויץ. זי האָט געהאַט אַזאַ נישט־געשמאַקן אויסזען, אַז כ'וואָלט מיך געשעמט מיט איר אַרויסצוגיין אין גאַס.

האָט זי זיך צעלאַכט, זייער נאַריש זיך צעלאַכט און זיך אָפּגע־רופן:

— אויף מאַכן ראַנדעוווּס האָב איך שענערע יינגלעך.

— און איך בין דען נישט שיין? — פרעג איך איר.

— ניין, — זאָגט זי — איר זענט נישט שיין, ניין!

דוכט זיך, אַ נאַרישקייט? אָבער די זאַך איז פאַרבליבן אין מיין מוח און זי ווירקט...

— נו, שטיצטו זיך אויף דעם, וואָס דאָס נאַרישע מיידל האָט געזאָגט? — פרעגט ברין.

— יאָ און ניין. ווייסט דאָך דאָס ווערטל: "אַז אַ נאַר וואַרפט אַ שטיין"...

אַ ווײַלע האָבן מיר בײדע געשוויגן.

מיטאַמאָל שטעלט זיך ברין אויף און זאָגט:

— הער, איך האָב פאַר דיר רעזערווירט אַ פּלאַץ אויף אַוועק־צופאָרן, איז פאָר אַוועק, וועסט זען, ס'וועט דיר גוט מאַכן.

איך האָב מיך געלאָזט צורעדן און געגרייט אָפּצופאָרן. ס'איז געבליבן, אַז ברין וועט מיך פאַרטרעטן מיט די לעקציעס אין די אָרקעסטערס.

פאַר מײַן אָפּפאָרן האָב איך געזוכט אַ געלעגנהייט מיך צו טרעפן מיט העלענען. כ'האָב געוואָלט איר צורעדן אַז אויך זי זאָל מיט־פאָרן. כ'בין אפילו גרייט געווען צו באַצאָלן פאַר איר, נאָר ס'האָט זיך מיר נישט אײַנגעגעבן איר צו טרעפן, אַ זאַך וואָס כ'האָב שטאַרק באַדויערט. און כ'בין אָפּגעפאָרן אויף דער זומער־קאָלאָניע.

# 11

דעם ערשטן טאָג פון אונדזער אָנקומען אין דאָרף, בין איך באַהערשט געוואָרן פון אַזאַ מאָדנע־שווערער שטימונג, וואָס כ׳האָב עס נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעפילט. אָנגעקומען אַהין נאָכמיטאָג, בין איך דעם ערשטן פאַרנאַכט אַרויס פון די קאָלאָניע־כאַטעס כדי מיך צו באַקענען מיט דער אַרומיקער וואַלדיקער געגנט און ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַזאַ בענקשאַפט, אַז ס׳האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרצן. כ׳האָב מיר אַבסאָלוט נישט געקענט געפינען קיין אָרט. כ׳האָב געזען ווי די וויגנדיקע בוימער דערנענטערן זייערע געקרייזל־טע קעפּלעך צו אַנדערע ביימער און שושקען זיך אין דער שטיל ווי דאָס וואָלט געווען אַ ליבע־שעפּט.

אויף אַ דין צווייגעלע האָב איך געזען צוויי פייגעלעך זיך פּיקן מיט זייערע שנעבעלעך און זיך האַלטן אַזוי נאָענט איינס צום אַנ־דערן, זיך קושן און ליבן זיך.

כ׳בין צוגעגאַנגען צום טייכל. כ׳האָב געהערט דאָס שטילע פּלעס־קען פונעם וואַסער און ס׳האָט זיך מיר געדוכט ווי דאָס טייכל רעדט צו מיר: "אָט־אָ דאָ, אויף דער שויס פון דער נאַטור, ביזטו געקו־מען אַליין ?"

צוויי שמעטערלינגען האָבן געצאַפּלט און זיך געשפּילט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרעזעלע, שטיל זיך גע׳סוד׳עט, זיך געליבט און ווייטער געפלויגן.

איך האָב מיך אַרומגעדרייט אויף דער שויס פון דער שיינער, באמת ראָמאַנטישער אומגעבונג און ס׳האַרץ איז מיר שיער נישט אויסגעגאַנגען פאַר בענקשאַפט.

אַזוי איז עס געווען און אַזוי איז אַוועק דער ערשטער טאָג.

אָבער אויף צומאָרגנס האָט חברה מיך מיטגעריסן מיט זייער פריי־לעכן שטראָם און מיר האָבן באמת אין אַלעם פאַרגעסן. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ וואַלדיקן אַרום און אונדזער חברה האָט באַוויזן וואָס אַ פריילעכע און איצטער, זאָרגלאָזע יוגנט קען אָפּטאָן; אונד־זערע איינפאַלן, אונדזערע שפּילערייען, אונדזער זינגען און אונדזער לאַכן איז געווען אומבאַשרייבלעך.

יעדן טאָג האָבן מיר געמאַכט אַ מאַרש אין די וועלדער ווייל קיין אַנדער וועג ווי וואַלד, איז נישט געווען. איך האָב ווי שטענדיק, מיטגענומען מיין גיטאַרע און געשפּילט בעתן מאַרש. אָפּגייענדיק אַ פּאָר קילאָמעטער האָבן מיר זיך אַוועקגעלייגט אָפּרוען. אויף איינעם פון די ערשטע שפּאַצירן, נאָך איניקע מינוט רוען, האָב איך גאַנץ צופעליק אָנגעהויבן שפּילן דעם דאָן מאָדישן מאָטיוו "טשאַרלעס־טאָן". האָבן זיך אויפגעשטעלט צוויי יינגלעך און אַ מיידל און זאַל־בערדריט אָנגעהויבן קאַריקאַטורמעסיק אויספירן דעם טאַנץ. דער־נאָך האָבן זיך נאָך איניקע אויפגעשטעלט צום טאַנץ און ביסלעכווייז, האָט די גאַנצע גרופּע פון עטלעכע דרייסיק יינגלעך און מיידלעך זיך אַריינגעלאָזט אין דעם טשאַרלעסטאָן־טאַנץ. אויספירנדיק אים מיט צעקרומטע פיס, מיט אויסגעדרייטע הענט, מיט איינגעבויגענע קערפּערס. און באַוויגן מיט די קעפּ אין אַלע זייטן, אַזוי אַז ביי איין באַוועגונג איז דאָס פּנים אויסגעקומען אויפן לינקן אַקסל, און ביי אַן אַנדערער באַוועגונג אויפן רעכטן אַקסל. און נישט נאָר זייערע פיגורן, נאָר אַפילו אויך די פּנימער זייערע האָבן באַקומען אַזאַ קאָ־מישן אויסדרוק, וואָס האָט ווייט איבערגעשטיגן די גרעסטע קאָמי־קערס פון עקראַן און בינע.

אַ טייל האָבן געטאַנצט זיצנדיק, ווי רוסישע קאָזאַקן און נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן מיט די הענט, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אויף דער ערד, האָבן זיי זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס פון טאַנצנדיקע און דערביי איז עס אַזוי וווּנדערבאַר אַרויסגעקומען, אַז אפילו אַן איינשטודירטער באַלעט, וואָלט זיך נישט איינגעגעבן בעסער.

מאָמענטנווייז האָט זיך געדוכט אַז דאָס איז טאַקע אַן איינשטו־

דירטער באַלעט. אַלע טאַנצנדיקע האָבן זיך גלייכצייטיק אויסגע־דרייט אין איין זייט, דערנאָך גלייכצייטיק צוריק זיך אויסגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט. איטלעכער האָט געוואָרפן מיט די הענט, מיט די פיס, מיטן קאָפּ, מיטן בויך, מיטן הינטן. דערביי האָט יעדער איינער געזוכט איבערצושטייגן דעם אַנדערן מיט קאָמישע אויס־דרוקן פון זיין פנים. ביז היינט צו טאָג קען איך נישט פאַרשטיין ווי אַזוי עס האָט זיך זיי איינגעגעבן אַזאַ טאַנץ, אַזאַ אויספירונג און ווי אַזוי האָבן זיי גופא זיך אָפּגעהאַלטן פון לאַכן ווען זיי האָבן זיך קעגנזייטיק געזען און אָנגעקוקט... אַ שאָד וואָס עס איז נישט געווען דערביי קיין אַפּאַראַט אויף צו פילמירן דעם באַלעט. וועלכע אַרטיסטן אין דער וועלט וואָלטן אַזעלכעס באַוויזן נאָכצו־מאַכן ?

איך האָב שוין לאַנג געהאַט אָוועקגעוואָרפן די גיטאַרע און מיך געוואַלגערט אויף דער ערד פּאַר געלעכטער. אָבער זיי האָבן שוין נישט געברויכט קיין מוזיק אויף צום טאַנצן.

דאָס טאַנצן האָט געדויערט אַריבער אַ האַלבע שעה, ביז זיי זענען ביסלעכווייז אָוועקגעפאַלן מידע, פאַרשוויצטע און אויסגע־שעפּטע פון דער אָנשטרענגונג.

ערשט ווען אַלע זענען שוין געלעגן אויפן גראָז, האָבן זיי אַלץ שטאַרקער געלאַכט, טייטלענדיק מיט די פינגער איינער אויפן אַנ־דערן, וואָרעם יעדער איינער האָט נאָר געזען וואָס פאַרא קאָמישע אויסדרוקן אויף די פּנימער עס האָבן געמאַכט די אַנדערע.

אַ צווייט מאָל פלעגט פאַרקומען אַזאַ סאָרט שפּיל: מען האָט פאָרמירט אַ ראָד פון אַלע צוויי און דרייסיק חברים. אַלע האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט. אין דעם דאָזיקן ראָד האָט מען אַריינגעוואָרפן אַ לעדערנעם פּאַסיק. צוויי חברים, לויט אַ גורל, האָט מען פאַרבונדן די אויגן, אָן אונטערשיד, יינגלעך צי מיידלעך, אָדער גאָר אַ יינגל מיט אַ מיידל, און מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אין ראָד בדי צו זוכן דעם פּאַסיק. און אַז איינער האָט אים גע־פונען, האָט ער מיט אים געהאַט אַ רעכט צו שלאָגן דעם אַנדערן.

נאָר אַזוי וויביידע האָבן זיי געהאַט די אויגן פאַרבונדן און גאָר־נישט נישט געזען, פלעגט פאָרט געשען אַז זיי האָבן זיך פון צייט צו צייט צוזאַמענגעטראָפן. דער, מיטן פּאַסיק אין דער האַנט, האָט דאַן געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט און וואָס מער "אָנהרגענען" דעם אָנגעטראָפענעם...

דער אַנדערער ווידער, האָט געזוכט צו אַנטלויפן פון די קלעפּ און פּרובירט אַרויסלויפן פון ראָד; האָט מען אים נישט געלאָזט און דאָס האָט אַרויסגערופן גרויסע געלעכטערס.

טיילמאָל פלעגט טרעפן אַז דער וואָס האָט געהאַט דעם פּאַסיק איז נישט געווען "ערלעך" אין דער שפּיל, האָט ער אַביסל, אַ קליין ביסעלע איבערגערוקט דעם באַנד פון די אויגן און זיך אַוועק־געשטעלט אין מיטן פון ראָד, פאַרלייגט ביידע הענט אויף דער ברוסט און געוואַרט אויף זיין קרבן.

דער אַנדערער ווידער, איז אַרומגעגאַנגען מיט צעשפּרייטע הענט כדי זיך צו פאַרטיידיקן און ווי נאָר ער האָט זיך אַביסל דערנענטערט, האָט ער געקריגן אַ שמיץ איבער אַ האַנט... יענער האָט גענומען לויפן. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך ווידעראַמאָל עטוואָס דערנענטערט, פלעגט ער אויף דאָס ניי באַקומען אַ שמיץ איבער אַ האַנט און אַזוי אייניקע מאָל.

דער אַנדערער שפּילער האָט זיך געוווּנדערט למאי די שמיץ קומען אַרויס עפּעס צו אָפט, צו רעגלמעסיק; האָט ער אויך פּרובירט אַפּערקוקן פון אונטערן באַנד און דערזען ווי זיין פּאַרט־נער שטייט זיך אַזוי אין דער מיט, פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט, דעם קאָפּ אַרויף ווי אַ נאַפּאָלעאָן, איז ער אים אונטער־געקומען פון הינטן און אים געגעבן אַ קאָפּ אין אונטערשטן חלק...
און די געלעכטערס האָבן פאַרהילכט דעם גאַנצן וואַלדיקן אַרום.

אינדערפרי ביי דער גימנאַסטיק, איז דען איינמאָל כאָטש אַדורך, אַז מיר זאָלן פאַרענדיקן די איבונגען נאָרמאַל? אַלע שטייען מיר אויסגעשטעלט: די פיס גלייך, די הענט צעשפּרייט. און איינער פירט אָן, קאָמאַנדירנדיק: לינקס, רעכטס, לינקס,

רעכטס. האָט מען דאָך אָבער געוואָלט אַ שטיף טאָן. וואָרעם עס זענען דאָך געווען ביי אונדז אַ סך טשאַרלי טשאַפּלינס... האָט זיך אַ האַלבע גרופּע געבויגן פון רעכטס אויף לינקס און איין גרופּע פון לינקס אויף רעכטס. אַזוי, אַז איינער איז אויסגעקומען מיט זיין האַנט ביי יענעם אונטער דער גאָמבע און אַן אַנדערע האַנט איז אויסגעקומען ביי אימעצן אויפן קאָפּ, וואָרעם ס׳זענען דאָך געווען נידעריקע און העכערע. איינער האָט אָנגעכאַפּט אַ פּוס ביי אַ מיידל און איינער האָט סתם אָנגעכאַפּט אַן אַנדערן ביי דער נאָז און דער וואָס האָט אָנגעפירט מיט די איבונגען האָט דאָך דאָס אַלץ געזען בעסער ווי יעדער אַנדערער, האָט ער זיך דען געקענט איינהאַלטן פון נישט לאַכן? האָט ער דערווייל נישט געגעבן קיין באַפעל אויף צו טוישן די פּאָזיציע. זענען אַלע אַזוי שטיין געבליבן ערנסט, אָן אַ שמייכל צו טאָן און אַז דער אָנפירער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַהערשן פון לאַכן, האָט אויך איינער פון דער גרופּע אָנגעהויבן לאַכן און באַלד דערנאָך אַלע איבעריקע. און ווידעראַמאָל אַ שאָד, וואָס אַזעלכע סצענעס זענען נישט פאָטאָגראַפירט געוואָרן.

און אַזוי אויך ביים עסן: איז דען מעגלעך געווען אַז אַזאַ פריילעכע חברה זאָל ביים עסן זיך פאַרהאַלטן נאָרמאַל, ווי עס דאַרף צו זיין? איינער פון דער חברה טוט פלוצים אַ געשריי:

— זעט נאָר ווער עס קומט אָן?...

קיינער איז טאַקע נישט געקומען, אָבער אַלע האָבן אויף דעם אויסרוף, אויסגעדרייט זייערע קעפּ צו דער טיר, כדי צו זען ווער עס קומט דאָ, אין מיטן דרינען אָן. און אין דעם אויגנ־בליק, איז ביי אייניקע דער ביפשטעק פאַרשווונדן געוואָרן פון טעלער... די געלעכטערס האָט מען געהערט פון ווי וויט.

וויאַזוי חברה האָט דאָס געמאַכט, האָב איך קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין. נאָר ס׳איז נישט געווען אַזוי וויכטיק דאָס פאַרשטיין, ווי דאָס לאַכן אָן אויפהער, פון פרי ביז צום שלאָפן גיין.

— איך דערצייל דיר דאָס אַלץ, חנה׳לע, כדי דיר צו זאָגן,

אַז ס'איז ווירקלעך נישט געווען ווען צו טראַכטן, און ווי ווייט געדענקט מיין חבר ברין איז געווען, ווען ער האָט מיר געזאָגט:

— פאָר אַוועק, וועסט זען, ס'וועט דיר גוט מאַכן.

וואָרעם איך האָב ווירקלעך מער נישט געדענקט וועגן וואַרשע און אויך נישט מער געטראַכט פון העלענען. ס'איז פשוט נישט געווען ווען צו געדענקען, ווייל פון אינדערפרי ביז מען איז איינ־געשלאָפן, האָט מען נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

און דערציילט האָב איך דיר בלויז אַ קליינעם טייל פון אונדזער טאָג־טעגלעכן פאַרברענגען.

אונדזער קאָלאָניע האָט זיך געפונען אויף אַזאַ אָרט ווו ס'איז קיינמאָל נישט פאַרבייגעגאַנגען קיין זייטיקער, וואָס זאָל אונדז דערמאַנען אַז ס'זענען פאַראַנען נאָך אַנדערע מענטשן אויף דער וועלט אַחוץ אונדז. מיר זענען דאָך געווען אַ שטענדיק פאַרהאָר־וועטע יוגנד, פון אָרעמע היימען און פון גרויסן טומלדיקן וואַרשע און דאָ, מיטאַמאָל האָבן מיר זיך געפונען אויף דער נאַטור, פריי פון אַלע זאָרגן. פינף און דרייסיק יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך אין דער הערלעכער וואַלדיקער געגנט געפילט גוט. איז די פריילעכ־קייט אַרויסגעקומען ספּאָנטאַן, פון זיך אַליין. יעדער איינער האָט געזוכט איבערצושטייגן דעם אַנדערן מיט פאַרשידענע איינפאַלן און גראָד זייער געלונגענע.

דאָס וועטער איז כסדר געווען הערלעך שיין. בלויז אין אָוונט, ווען דאָס גלעקל האָט געקלינגען און דערמאַנט די צייט פון שלאָפן גיין, זענען מיר געוואָרן אַביסעלע ערנסטער. מיר האָבן זיך צונויפ־געזאַמלט און אַלע צוזאַמען האָבן מיר געזונגען סענטימענטאַלע לידער ווי אַ לויב פאַר דער הערלעכער נאַטור, אַ לויב פאַר דעם שיינעם וואַלדיקן אַרום, און אונדזערע געזאַנגען האָבן אָפּגעהילכט ווייט אין די וועלדער.

ערנסט זענען מיר געוואָרן אויפן פופצנטן טאָג, ווען די צייט פון אונדזער זיין דאָ האָט זיך געענדיקט און מיר האָבן זיך אָנגע־הויבן גרייטן צום אַהיימפאָרן. אָבער אויך די ערנסטקייט האָט אָנ־

געהאַלטן בלויז קורצע מינוטן, וואָרעם באַלד האָט איינער אויס־געשריגן:

— חברה, אַן אומגליק, מען גייט אונדז אַהיימשיקן. כאַפּט אַריין וואָס נאָר איר קענט!

און מיר האָבן אויף דאָס ניי באַוויזן עפּעס אַזעלכעס, וואָס נאָר אַזאַ פריילעכע יוגנד קען באַווייזן, וואָרעם די דאָזיקע נאַכט, זענען מיר שוין נישט געשלאָפן.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיטן וואַלד, מיטן טייך, מיט די פייגל, מיט דער לבנה און שטערן, מיט דיביימער און גראָזן. און דאָס געזעגענען זיך איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ ניגון פון יום־כּיפּור׳דיקן דאַווענען.

מען האָט גערעדט צו דער נאַטור רייד, וואָס איך ווייס נישט, צי די גרעסטע פּאָעטן וואָלט גאָר איינגעפאַלן אַזעלכע געזעגע־נונגס־ווערטער צו שאַפן. און די ווערטער וועלכע מיר האָבן גע־רעדט צום טייך, האָבן מיר נישט געזאָגט צום וואַלד. איטלעכעס מאָל האָט אַן אַנדערער אָנגעהויבן מיט אַן אָקטאַווע העכער, פּונקט ווי אַ חזן אין שול וואָס זינגט העכער פון אַלעמען און די דאַווע־נער זאָגן נאָך. דערביי האָבן מיר אַזוי פיל געלאַכט אַז מיר זענען לסוף אַוועקגעפאַלן נישט האָבנדיק מער קיין כּוח אָנצוגיין מיט דער געזעגענונגס־פּאָעזיע.

מיר האָבן אויך געוווסט, אַז דער אויטאָקאַר וואָס קומט מאָרגן אונדז נעמען, ברענגט מיט פון וואַרשע אַ פרישע גרופּע. האָבן מיר באַשלאָסן צוגרייטן פאַר זיי אַ ספּעקטאַקל, און מיר האָבן גלייך געמאַכט אַ רעפּעטיציע, און דערביי אַליין שיער נישט צעשיט געוואָרן פון לאַכן.

שטאַרק מידע, זענען מיר לסוף איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס האָבן מיר זיך אויפגעהויבן זייער פרי, כּדי זיין גרייט אויפצונעמען... די פריש־געקומענע. דער אויטאָקאַר איז אָנגעקומען אום עלף אַזייגער פאַרמיטאָג. די גרופּע איז אויסגע־שטיגן און זיך גענומען דערנענטערן צו די צימערן. זיי האָבן

אָבער צו זייער גרויס שטוינען, קיינעם נישט געטראָפן און גענומען אונדז רופן.

מיטאַמאָל זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון אַ חברה ״באַנדיטן״, איינגעשמירטע און אויסגעריזטע; אפילו די מיידלעך האָבן גע־טראָגן לאַנגע וואָנסעס. פיל האָבן געהאַט די פּנימער פאַרבונדן מיט טיכלעך, ביז צו די אויגן. צוליבן אימפּעט פון אונדזער אָנ־קומען און צוליב אונדזער גרים, האָבן מיר באמת אויסגעזען ווי באַנדיטן. פון איבעראַשונג און טיילווייז אויך פאַר שרעק, האָבן די געשרייען פון די פּריש־אָנגעקומענע פאַרהילכט דעם וואַלד. אָבער פּלוצים בין איך געבליבן שטיין אַן איבעראַשטער; אין דער אָנגע־קומענער גרופּע האָב איך דערזען העלענען.

זי האָט מיך אויך דערזען, זיך מיט מיר אויפריכטיק דערפרייט און איז אויף מיר אַרויפגעפאַלן גלייך ווי זי וואָלט דערזען דעם ליבסטן מענטשן. פון איבעראַשונג, בין איך געבליבן שטיין אָן לשון. כ׳האָב געהאַט די בעסטע געלעגנהייט איר אַרומצונעמען און זיך צעקושן, נאָר כ׳האָב עס נישט געקענט טאָן. מיינע הענט זענען געווען ווי געליימט.

זי האָט שטאַרק באַדויערט למאי איך פאַר שוין אָפּ און הערנ־דיק פון איר די דאָזיקע ווערטער האָב איך מיך שיער נישט צעוויינט פון פאַרדרוס. כ׳בין אַריין צום פאַראַנטוואָרטלעכן פון דער קאָלאָניע און ביי אים געבעטן בלייבן נאָך עטלעכע טעג. ער האָט עס אָקצעפּטירט.

איך האָב אויפגעזוכט העלענען, וואָס איז איצט געווען פאַר־נומען מיטן אויספּאַקן אירע זאַכן און איינאָרדענען זיך אויף דעם איר אָנגעוויזענעם אָרט און כ׳האָב איר איבערגעגעבן אַז כ׳בלייב. זי איז געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן פון מיין בלייבן, אַ זאַך פון וואָס מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו קלאַפּן און כ׳האָב צו מיר גערעדט אַז אין די נאָענטסטע טעג, מוז איך מאַכן אַ דעצידירנדיקן שריט.

די אָנגעקומענע גרופּע האָט נישט פאַרמאָגט אַזאַ פריילעכע

יוגנד ווי ס׳איז געווען די ערשטע. אפשר האָט זיך עס מיר בלויז אויסגעדוכט, ווייל איך האָב שוין קיין שום אָנטייל נישט גענומען אין זייערע שפּילן.

איך בין אַרומגעגאַנגען פאַרנומען מיט מיינע געדאַנקען און געזען ווי העלענע פלאַטערט אַרום ווי אַ שמעטערלינג צווישן דער גאַנצער חברה. איך האָב איר געזען אינדערפרי ביים באָדן זיך אין טייך און באַוווּנדערט איר פּרעכטיק־שיינע פיגור. כ׳האָב איר שפּעטער געזען ביי די גימנאַסטישע איבונגען. דערנאָך, ביים פרישטיק־עסן, איז איר טיש שנעל געוואָרן אַרומגערינגלט דורך אַנדערע, קיינמאָל איז מיר נישט אויסגעקומען צו זיצן נעבן איר.

אויפן דריטן טאָג, נאָכן אָוונט־ברויט, ביים אויסקלייבן די נאַכט־דיזשורנעס, האָב איך מיך געמאָלדן פרייוויליק, וואָרעם יעדע נאַכט זענען געוואָרן אויסגעקליבן צוויי חברים; ס׳רוב האָט מען זיך געשטעלט פרייוויליק אויפצוזיין און היטן אונדזער האָב און גוטס פאַר יעדן מעגלעכן סורפּריז, וואָרעם אונדזערע כאַטעס זענען געשטאַנען אין וואַלד נעבן אַ קליין טייכל און מיר האָבן זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף קיין נסים, און לאָזן אַלץ אויף הפקר. מיט אַ ציטער אין האַרצן, האָבן איך געפּרעגט העלענען, צי זי וואָלט מסכים געווען אויפצוזיין אַ זומער־נאַכט אין דער הערלעכקייט אין וועלכער מיר געפינען זיך, צוזאַמען מיט מיר.

אַ ווינק און אַ שמייכל פון אירע שוואַרצע אויגן וואָס האָבן מיר שיער נישט איבערגעקערט דאָס האַרץ, האָט באַשטעטיקט אַז יאָ, אַז זי איז מסכים...

מען האָט מיר דערלאַנגט דאָס נאַכט־פייפערל און דער נאַכט־קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן.

אונדזערע געזאַנגען האָבן פאַרהילכט און איינגעוויגט דעם גאַנצן וואַלדיקן אַרום, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז דער אָוונט־גלאָק האָט זיך צעקלונגען און גערופן שלאָפן. ס׳איז געווען עלף אַזייגער אָוונט.

און איך מיט העלענען זענען מיר געבליבן אַליין.

ווי נאָר די טירן פון די כאַטעס האָבן זיך פאַרמאַכט און דער לעצטער שטראַל פון די אינעווייניקסטע ליכט האָט זיך פאַרלאָשן, ווי נאָר די טונקלקייט און די שטילקייט האָט באַהערשט דעם גאַנצן אַרום, איז מיר אַ מאָדנער ציטער אַדורך איבערן לייב, איך האָב פשוט אָנגעהויבן ציטערן מיטן גאַנצן קערפּער, אַ זאַך, וואָס איז אָן ספק געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער גרויסער שפּאַנונג און נערוועזיטעט. כ׳האָב מיך גאָרנישט געקענט באַהערשן.

העלענע האָט אַרומגעשפּאַנט צווישן די נישט־ווייטעביימער און האָט אָן ספק געוואָרט איך זאָל צו איר צוקומען.

איך האָב מיך ביז גאָר אָנגעשטרענגט כדי מיך צו באַהערשן און געמאַכט אייניקע גימנאַסטישע איבונגען. אפילו געלאָפן איי־ניקע מאָל אין אַ קרייז. כ׳האָב מיך פשוט געשראָקן העלענע זאָל זיך נישט דערנענטערן צו מיר און מיך זען אַזאַ דענערווירטן...

ענדלעך האָב איך מיך באַרואיקט.

כ׳האָב גענומען די גיטאַרע און בין צו איר צוגעגאַנגען.

אַ ווײַלע האָבן מיר זיך אָנגעקוקט אין דער טונקלקייט. די לבנה האָט העל געלויכטן אויפן הימל, אָבער נישט אונטער די בלעטער פון די ביימער. ביידע האָבן מיר נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג פון טייכל.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט נעבן וואַסער וואָס איז געווען באַזילבערט פון דער לבנה־ליכט און געקוקט אויפן טייכל וואָס האָט געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל. די הערלעכע זומער־נאַכט און די געוואַלטיקע אַרומיקע שטילקייט האָט אונדז טיף אויפגערודערט. דאָס לייכטע רוישן פון וואַלד, די טונקלקייט אַרום, דאָס אַלץ צו־זאַמען האָט אונדז אָנגעפילט מיט אַזאַ געהויבענער שטימונג, אַז קיין שום פּאָעט וואָלט, דוכט זיך, נישט געקענט עפּעס שענערס אָפּפילן כדי צו באַזינגען די נאַטור, וואָס אַזאַ נאַכט האָט מיט זיך אויסגעוועבט.

ביידע זענען מיר געזעסן און געשוויגן...

איצט ביים שײַן פון דער לבנה, איז זי מיר נאָך טייערער, נאָך

ליבער געווען, ווי יעדעס מאָל. אירע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַזאַ זעלטענעם גלאַנץ. אויך זי האָט מיך אָנגעקוקט און ווי געוואָרט אויף עפּעס. כ׳בין געוואָרן ווי עלעקטריזירט, כ׳האָב מיך לאַנגזאַם צוגעבויגן צו איר, אפשר מיטן ווילן איר אַ קוש צו טאָן. זי האָט מיך מיט איר קליין צאַרט הענטל, לייכט אָפּגע־שטופּט שענקענדיק מיר אַ זעלטענעם שמייכלדיקן בליק פון אירע פינקלדיקע אויגן. כ׳ווייס נישט וואָס זי האָט אין דעם מאָמענט געטראַכט. אַך, ווען איך קען לייענען אירע געדאַנקען. כ׳האָב געפילט אַז איך בין גרייט מיך צו וואַרפן צו דער ערד, קושן אירע פיס און אויסדערציילן איר אַלץ, אַלץ וואָס עס האָט זיך אין מיין האַרצן אָנגעזאַמלט; וועגן אַלע מיינעליידן, וועגן אַזוי פיל נעכט נישט געשלאָפענע צוליבן חלומען וועגן איר. כ׳בין געווען גרייט... אין מיין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט טויזנטער ווערטער גרייטע איר צו זאָגן. אָבער מיינע ליפּן זענען געבליבן פאַרשלאָסן. איר בליק האָט מיך כסדר אויפגערודערט און... מאָד־נע פּאַראַליזירט.

כ׳בין געזעסן נעבן איר ווי אַ שטיל שעמעוודיק יינגל. גע־קוקט אויף דער לבנה, ווי זי שפּאַצירט אויף דעם טונקעלן הימל, און נישט אַרויסגעזאָגט קיין איין וואָרט.

ענדלעך האָט זי איבערגעריסן די שטילקייט אָנהויבנדיק שטיל צו זינגען אַ ליד, אַ ליד וואָס אונדזער כאָר האָט אויסגעפירט

„אָ קום שוין שטילער אָוונט“,

און וואָס איז געווען וווּנדערבאַר צוגעפּאַסט צו דער איצטיקער שטימונג. דערנאָך האָט זי מיך געבעטן איך זאָל עס איר באַ־גלייטן אויף דער גיטאַרע און ס׳האָט אין דער שטילקייט פון וואַלד,ביים באַזילבערטן טייכל זיך געטראָגן אַ שטילע האַרציקע מעלאָדיע און כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז די מעלאָדיע איז גע־שאַפן געוואָרן פון גאָט אַליין פאַר אַ פאַרליבט פּאָרל וואָס האָט זיך געפינען אין אַ זומערדיקער כישוף־נאַכט, אויף דער שויס פון דער נאַטור.

שפּעטער האָב איך מיך דערמאָנט אַז אונדזער ערשטע באַ־קאַנטשאַפט איז געשען, ווען זי האָט מיך געבעטן, פאַר איר צו שפּילן בעטהאָווענס „אַ בריוו צו עליזע" און כ'האָב לאַנגזאַם אָנגעפאַנגען צו שפּילן דאָס ליד. כ'האָב דערוואַרט פון איר אַ געוויסע רעאַקציע. אַ דעראינערונג בלויז, כאָטש איין וואָרט אפילו ווען זי זאָגט מיר איצט, וואָלט עס מיר געגעבן אַ וועג איר צו זאָגן, צו רעדן צו איר. כ'בין אָנגעגאַנגען מיטן שפּילן. פון צייט צו צייט האָב איך געגעבן אויף איר אַ קוק; זי איז געלעגן אויף דער איינציקער אויסלייג־שטול און געקוקט אין הימל אַריין און געשוויגן.

און אַזוי איינהערנדיק זיך אין די קלאַנגען פון דער גיטאַרע איז זי איינגעשלאָפן.

איך האָב אויפגעהערט שפּילן. כ'בין געשטאַנען נעבן איר, לאַנג אויף איר געקוקט און געזען אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

כ'בין לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום טייכל. עטלעכע מאָל שפּאַצירט אַהין און צוריק און ווידער צוגעקומען צו איר און געזען איר רואיקן שלאָף.

ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. זי האָט זיך איבערגעוועקט פון איר שלאָף און דערפילט אַז זי ציטערט פון קעלט. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ליג־שטול, מיר געזאָגט אַז ס'איז איר קאַלט און אָן צו זאָגן נאָך עפּעס אַ וואָרט, איז זי אַוועק.

בלייבנדיק אַליין האָב איך מיך אַוועקגעלייגט אויף דער אויסלייג־שטול וואָס איז נאָך געווען אַביסל וואַרעם פון איר קערפּער און כ'האָב מיך שטאַרק פאַרטראַכט. ווער וואָלט מיר דען געוואָלט גלויבן, אַז אין אַזאַ נאַכט פון בלייבן מיט איר אַליין, דערצו נאָך ביי אַ ראָמאַנטישער אומגעבונג, ווען מיין האַרץ האָט אין מיר אַזוי שטאַרק געקלאַפּט און ווען כ'האָב געהאַט אַזאַ זעלטענע געלעגנהייט איר איבערצוגעבן און דערציילן וועגן מיינע געפילן צו איר, בין איך אָפּגעקומען בלויז מיט גרייטן זיך.... גרייטן זיך צו וואָס?... כ'בין געוואָרן שרעקלעך בייז אויף זיך

גופא. ווען אַ שטיין וואָלט זיך געפינען אויף מיין אָרט, וואָלט ער אויך אָנגעהויבן רעדן און דערציילן וועגן זיין ליבע...

יאָ, חנה׳לע, אַזוי איז עס געשען מיט מיר! מיט איינעם פון דער־אָ מאָדנער יוגנד, אַ צוריקגעהאַלטענע און נישט־דרייסטע. אין געדאַנק האָט מען געמאַכט די הערלעכסטע פּלענער. מען גרייט זיך די פּלענער אויסצופירן אויפן שענסטן אופן און ווען ס׳קומט דערצו, ווען עס קומט די געלעגנהייט וועלכע מען האָט אַזוי לאַנג געזוכט איז מען ווי פּאַראַליזירט דורך עפּעס אַ שעמעוו־דיקייט, מען קען נישט און מען ווייס נישט ווי אַזוי אָנצוהויבן אויסדערציילן וואָס מען פילט אָפּ. מען וואַרט און מען ווייס נישט אויף וואָס מען וואַרט און מען פאַרשפּילט דעם פּאַסיקסטן מאָמענט וואָס אַ געלעגנהייט קען נאָר געבן.

כ׳ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן און געטראַכט. ד׳ער מאָרגן־גלאָק האָט זיך מיטאַמאָל צעקלונגען און ס׳איז גע־וואָרן אַ טומל. חברה האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען אין טייך. די געלעכטערס האָבן פאַרפולט דעם גאַנצן אַרום און ווידער האָט אַ פריילעכער טאָג זיך אָנגעהויבן.

# 12

דעם זעלבן טאָג האָב איך מיך אָנגעהויבן גרייטן אַהיימצו־פאָרן קיין וואַרשע אַליין. אָבער ווי אַזוי רעאַליזירט מען עס? ס׳איז דאָ נישט געווען קיין שום קאָמוניקאַציע אפילו צום נאָ־ענטסטן שטעטל, סיידן גיין צופוס. ס׳איז אויך געווען אַ פראַגע צו וועלכן שטעטל גיין? צי וועל איך האָבן פון דאָרט אַ ווייטער־דיקע מעגלעכקייט אָנצוקומען קיין וואַרשע. איינער פון די חברים האָט געעצהנט, מען זאָל צוגיין צום פויער, דעם בעל־בית פון די כאַ־טעס, ער וועט זיכער געבן די בעסטע אָנווייזונגען.

און ס׳איז טאַקע געווען אַ גוטער איינפאַל. וואָרעם ער האָט מיר געראָטן גיין צום נישט־וויטן שטעטל ״זאַרעמבאַ״.

דערהערנדיק דעם נאָמען ״זאַרעמבאַ״ האָב איך מיך שטאַרק דערפריידט; זאַרעמבאַ? האָבן איך איבערגעפרעגט: ״ווי ווייט ליגט דאָס אָרט פון דאַנען?״

—סך־הכל, אַ צען קילאָמעטער — האָט דער פויער געענטפערט.

זאַרעמבאַ, זאַרעמבאַ! דאָרט וווינט דאָך רוטאַ. די בעסטע סאָלאָ־זינגערין פון אונדזער קרייז. וויפל מאָל האָב איך איר שוין באַגלייט אויף דער בינע, טאַקע מיט מיין גיטאַרע און וויפל מאָל האָט זי שוין געבעטן מיך מיט ברינגען, מיר זאָלן אַ מאָל אַרויס־קומען צו איר אויף אַ פאָר טעג און איצט וועל איך זיין אין זאַרעמבאַ און רוטאַ איז זיכער אין דערהיים. איך האָב מיך גע־וואָנדן צום פויער פרעגנדיק אים:

— וואָלסטו נישט געוואָלט מיך צופירן צום שטעטל? גיין אַליין, קען איך נאָך פאַרבלאָנדזשען. כ׳וועל באַצאָלן!

— אָ־־אָ — האָט דער פויער זיך געקראַצט אונטערן היטל

— אַזוי פיל אַרבעט איז היינט פאַראַן, כ׳ווייס? — און נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— גוט, אָבער נישט פריער ווי אַרום זיבן אין אָוונט.

איך בין באַשטאַנען אויף דער צייט. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך קומען נעמען שוין מיט געשפּאַנטן פערד און וואָגן.

איך האָב מיך געזעגנט מיט חברה און מיך אויך געזעגנט מיט העלענען. כ׳האָב איר געווונטשן גוט צו פאַרברענגען און מיט אַן אָנגעשטרענגט שמייכל איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל נישט דערלאָזן קיינעם פאַרנעמען איר האַרץ... כ׳ווייס נישט ווי אַזוי זי האָט פאַרשטאַנען מיינע ווערטער, אַלס שפּאַס אָדער אַלס אַן ערנסט. נאָר ווען כ׳האָב געזאָגט צו איר די פּאָר ווערטער איז מיר אַביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. זי האָט מיך געבעטן, אויב ס׳וועט מיר זיין מעגלעך, איבערגעבן אַ גרוס ביי איר אין דערהיים און זי איז געלאָפן זוכן שרייב־מאַטעריאַל. זי איז צוריקגעקומען מיטן בריוו האַלטנדיק אים אין אַ בוך אין וועלכן כ׳האָב דערזען ליגן אירס אַ פאָטאָ. כ׳האָב איר צוגענומען די פאָטאָגראַפיע, צו־זאָגנדיק אַז כ׳וועל זי איר אומקערן און אַז כ׳וועל זי היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

פינקטלעך זיבן אָוונט האָט זיך באַוויזן דער פויער מיט זיין פערד און וואָגן. די גאַנצע חברה ממש האָבן געוואָלט אַרויף אויפן וואָגן כדי מיך צו באַגלייטן. דער פויער האָט עס דערלויבט בלויז פאַר איינצלנע חברים מיינע און אַ שמיץ טוענדיק מיט דער בייטש און אַ רוף צום פערדל ״וויאָ״ האָט דער וואָגן גערירט פון אָרט און כ׳האָב פאַרלאָזט די פריילעכע קאָלאָניע.

מיר זענען געפאָרן דורך פויערישע שטעגלעך וואָס זענען געווען אַזוי שמאָל, אַז קוים וואָס דער וואָגן האָט געקענט אַדורך. מיר האָבן אַלע ווײַלע געמוזט אַראָפּבייגן די קעפּ אָדער זיך באַ־שוצן פון די צווייגלעך וואָס האָבן אונדז כסדר געשמיסן אין פּנים אַריין.

דער פויער האָט זיך נישט געאײלט, כדי נישט צו פאַרמאַ־טערן דאָס פערדל זײַנס, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אין פעלד. ער איז געפאָרן לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, אַזוי אַז גייענ־דיק, וואָלטן מיר עס געמאַכט פיל שנעלער.

— מיט אַזאַ גאַלאָפּ — רופט זיך אָפּ איינער פון מיינע חברים — וועלן מיר אָנקומען מאָרגן פרי.

אָבער אויך מיר גופא האָבן זיך נישט געאײלט און מיר האָבן זיך אויך נישט געלאַנגווייליקט ווייל באַלד האָט אָפּגעהילכט אַ געזאַנג באַגלייט פון מיין גיטאַרע און אויך פון אַן עכאָ וואָס האָט אָפּגעקלונגען פון דעם וואַלדיקן אַרום.

ס׳איז שוין געווען גוט טונקל, אַז מיר זענען אָנגעקומען אין שטעטל. דאָ האָט דער פויער זיך אָפּגעשטעלט און מיר געזאָגט:

— אָט איז זאַרעמבאַ. דו וועסט מוזן דאָ איבערנעכטיקן און מאָרגן פרי וועסטו האָבן אַ סך מעגלעכקייטן צו פאָרן קיין וואַרשע.

כ׳האָב אים באַצאָלט פאַר זיין פירן מיך און מיך געזעגנט מיט די חברים. כ׳האָב אָנגעטאָן מיין רוקזאַק אויף די פּלייצעס. דאָס איז געווען מיין גאַנצער באַגאַזש אַ חוץ די גיטאַרע, וועלכע כ׳האָב געהאַלטן אין דער האַנט אין מאַרש אין שטעטל אַריין.

אַריינקומענדיק אינעם שטעטל גופא, בין איך געבליבן שטיין. ס׳איז שוין געווען גוט טונקל. וווהין גיין? אויף וועמען פרעגט מען זיך? איך ווייס בלויז אַז זי הייסט רוטאַ. איך ווייס אויך אַז אירע עלטערן האָבן אַ שפּייז־קראָם. אָבער ווי אַזוי הייסן זיי? ווי אַזוי רופט מען זיי? צוליב דער גרויסער היץ, זענען אַ סך איינוווינער געזעסן אויף בענקלעך אָדער אויף די שוועלן פאַר זייערע שטובער. די איינציקע לאָמפּ אין מיטן מאַרק פון שטעטל איז נאָך נישט געווען אָנגעצונדן. אין מיטן פון מאַרק־פּלאַץ האָבן זיך געשפּילט און אַרומגעלאָפן האַלב־נאַקעטע קינדער. איך האָב מיך געפרעגט ביי די ערשטע מענטשן וועלכע כ׳האָב אָנגעטראָפן און זיי געשילדערט מיין חברטע. מען האָט מיר גלייך אָנגעוויזן

אויף אַ גרין הייזל וואָס האָט זיך געפינען סוף פונעם מאַרק אַז עס דאַרף מסתמא זיין דאָרט.

אַז כ׳האָב מיך דערנענטערט צום גרינעם הייזל, האָב איך שוין נישט געדאַרפן מער פרעגן. אַ שטיל געזאַנג האָט זיך גע־טראָגן פון דאָרט. דאָס האָבן עטלעכע מיידלעך געזינגען אין אַ כאָר, זיצנדיק אויף אַן אויסגעשפּרייט געוואַנט. ווייזט אויס אַז טאַקע דאָ האָט רוטאַ געוווינט. כ׳האָב גלייך דערקענט די קאָלאָראַטור אירע. כ׳האָב מיך לאַנגזאַם דערנענטערט, אָנגע־גרייט מיין גיטאַרע און מיט פאַרגעניגן מיך אַליין איינגעהערט אין דעם שיינעם סענטימענטאַלן יידישן פאָלקס־ליד וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער טונקלקייט. ס׳איז געווען אַ ליד וואָס כ׳האָב גראָד זייער ליב געהאַט:

„ווען ס׳דרימלט דאָס שטעטל
די לאָדנס פאַרמאַכט.
קום צו מיר מיין געליבטער
אין אַ פינסטערער נאַכט.
קום און דיין גיטאַרע
נעם מיט דיר מיט
און זאָלסט אויף איר שפּילן
אַ טרויעריק ליד.“

כ׳בין צוגעקומען גאַר נאָענט צו דער גרופּע מיידלעך, נאָר קיינער האָט מיך נישט באַמערקט וואָרעם זיי זענען געזעסן מיט די פּלייצעס צום שטעטל. און אַז זיי האָבן אָנגעפאַנגען אויף דאָס ניי, אַ פרישע סטראָפע פונעם ליד, האָב איך אָנגעהויבן באַגלייטן אויף דער גיטאַרע; פון אָנהויב שטיל, דערנאָך אַביסל העכער און העכער. ביים דערהערן די גיטאַרע האָבן זיי דאָס געזאַנג נישט איבערגעריסן. זיי האָבן נישט געגלויבט אַז אַ גיטאַרע זאָל זיי טאַקע באַגלייטן טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן פאָרט געהערט די

טענער פון אינסטרומענט. ס׳איז פאַר זיי געווען אַזוי אומגעריכט, אַז איטלעכער האָט געגלויבט אַז ס׳דוכט זיי נאָר, ווייל ווי קומט דאָ אמתע מוזיק זאָל זיי טאַקע באַגלייטן. דער איינדרוק פון הערן אַ גיטאַרע שפּילן אין דערווירקלעכקייט, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן איבערגעריסן דאָס זינגען. ס׳איז געוואָרן שטיל. איך אָבער בין געשטאַנען מיט דער גיטאַרע און נישט אויפגעהערט שפּילן די זעלבע מעלאָדיע, דאָס זעלבע ליד. האָבן זיי זיך דער־שראָקן? זענען זיי געווען איבעראַשט? אומבאַדינג אַז יאָ. רוטאַ האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף און האָט זיך לאַנגזאַם דערנענ־טערט צו מיר, זי האָט בלויז געזען אין דער טונקלקייט אַ סילועט וואָס שפּילט אויף אַ גיטאַרע דאָס זעלבע ליד וואָס זיי האָבן נאָר־וואָס געזינגען.

— ווער זענט איר?... — האָט זי געפרעגט עטוואָס דערשראָקן.

— מלאכים האָבן מיך צו אייך אַראָפּגעשיקט, ווי איר האָט עס פאַרלאַנגט אין אייער ליד, בין איך דאָ.... דער געליבטער אין אַ פינסטערער נאַכט מיט דער גיטאַרע און כ׳שפּיל אַ טרויעריק ליד.

דערהערנדיק מיין קול איז זי צוגעקומען נענטער אָבער מיך נאָך אַלץ נישט דערקענט און איבערגעפרעגט:

— ווער זענט איר פאָרט?...

אָ! זי דערקענט מיך נישט. ס׳איז שוין טאַקע געווען גוט טונקל, דאָך האָט זי נישט דערקענט מיין שטימע.

— רוטאַ! — האָב איך אָנגערופן איר נאָמען — דערקענסטו מיך ווירקלעך נישט?

זי האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעקוקט אין מיר און אויסגעשריגן:

— לערער! וואָס טוסטו דאָ? ווי אַזוי? פון וואַנען?

— פון וואַנען? פון הימל אַראָפּגעפאַלן...

— דער ענטפער איז טאַקע אַ גוטער אָבער דאָך פון וואַנען דערנעמסטו זיך איצט?

די גאַנצע גרופּע האָט זיך אויפגעשטעלט און מיך אַרומגע־רינגלט.

— פון וואַנען איך קום ווען וועסטו וויסן שפּעטער. איצט בין איך באַהערשט פון דער מוזע. אייער געזאַנג האָט מיך פאַרכאַפּט. אַ שאָד איבערצורייסן, און לאָמיר פאָרזעצן דאָס זינגען. זינגט מייד־לעך און איך וועל אייך באַגלייטן.

ס׳האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט, אַז אַלע איינוווינער פון שטעטל האָבן זיך דערוווסט אַז אַ מלאך איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל מיט אַ גיטאַרע אין האַנט און אַלע וואָס זענען געזעסן אויף די שוועלן און בענקלעך פאַר זייערע הייזער און איטלעכער וואָס האָט שפּאַצירט אויף דעם הויפּט־וועג, אפילו די פאַרליבטע פאָר־לעך וואָס זענען געזעסן ערגעץ אין טונקעלע ווינקעלעך, האָבן זיך צו אונדז דערנענטערט און געשלינגען אונדזערע געזאַנגען.

ס׳ערשטע מאָל דאַכט זיך אַז דאָס שטעטל האָט געהאַט אַזאַ עפנטלעכן קאָנצערט. דער גאַנצער מאַרק ממש איז געווען באַ־לייגט מיט נייגעריקע. פון אַלע געסלעך איז מען זיך אָנגעלאָפן כדי הערן אונדזער געזאַנג און ווען דער געדראַנג אַרום אונדז איז געוואָרן ביז גאָר גרויס, האָט רוטאַ געגעבן אַ צייכן אויפצוהערן און מיר זענען אַריין צו איר אין שטוב.

אין שטוב זייענדיק, האָט רוטאַ ווידער זיך גענומען צו מיר, כ׳זאָל איר גלייך זאָגן פון וואַנען איך קום, אָבער איר פאָטער האָט איר עפּעס איינגערוימט און זי האָט מיר באַלד איבערגעגעבן זיין פאַרלאַנג און איך האָב געשפּילט פאַר אים עטלעכע מאָדזשי־צער ניגונים. אַך, ווי ער איז מיר געווען דאַנקבאַר דערפאַר. ערשט דערנאָך האָב איך זיי דערציילט פון וואַנען איך קום און וווהין איך ציל, אַז מאָרגן פרי מוז איך פאָרן אַהיים.

רוטאַ איז נישט געווען צופרידן פון אַזאַ קורצן וויזיט. זי איז געווען אַ מיידל וואָס איז נישט געווען פאַרליבט אין קיינעם און אויך קיינער איז, דוכט זיך, נישט געווען פאַרליבט אין איר. זי האָט בלויז הערלעך שיין געזונגען. אויך די פאָר חברים וועלכע כ׳האָב דאָ געטראָפן זענען צו מיר צוגעשטאַנען אַז איך זאָל בלייבן

כאָטש אַ צוויי־דריי טעג, אָבער מאָרגן פרי בין איך אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע.

רוטאַ האָט מיך באַגלייט צום אויטאָקאַר, זי האָט מיר פונ־דעסטוועגן געדאַנקט פאַר דעם קורצן און אַנגענעמען באַזוך, פאַר מיין אומגעריכטן אַראָפּפאַלן פון הימל. אויך די פּאָר חברים האָבן מיך באַגלייט און איינער האָט מיר אפילו מיטגעגעבן אַ געטראַנק אויפן וועג.

## 13

כ׳בין צוריקגעקומען קיין וואַרשע מיטן געדאַנק אָנצושרייבן אַ ליד פאַר העלענע; אַ ליד וואָס זאָל איר דערמאָנען אונדזער נאַכט אויף דער קאָלאָניע. דאָס ליד ווען כ׳האָב עס אָנגעשריבן, האָט זיך עס געענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

ס׳קלאַפּן שטאַרקער ביידע הערצער
אין אַ שטילער כישוף־נאַכט...

אייגנטלעך, ווי האָב איך עס געהאַט אַ רעכט צו רעדן אין נאָמען פון ביידע הערצער? האָט דען איר האַרץ אויך אַזוי גע־קלאַפּט ווי מיינס?... מיט דער זעלבער כוונה?... צום זעלבן ציל?... און... און אפשר? אפשר יאָ?... יעדנפאַלס אין מיינס אַ ליד מעג איך דאָך אַריינלייגן אַזאַ אינהאַלט ווי מיר געפעלט.... ווי איך וואָלט וועלן עס זאָל זיין!...

אַ גאַנצע וואָך זינט מיין צוריקקומען פון דער קאָלאָניע, האָב איך געאַרבעט איבער דעם ליד. די ווערטער האָבן זיך מיר גיכער איינגעגעבן צו שאַפן ווי די מוזיק. איך האָב געוואָלט און געזוכט אַ סענטימענטאַלע מעלאָדיע און אַז כ׳האָב געפינען דעם מאָטיוו און אים איבערגעשפּילט עטלעכע מאָל, האָב איך מיר אַליין גע־מאַכט אַ קאָמפּלימענט פאַר דער שיינער קאָמפּאָזיציע.

כ׳בין דערנאָך אַראָפּ אין גאַס און לאַנג שפּאַצירט. דערנאָך בין איך אַריין אין אַ געשעפט, געקויפט אַ קליין, שיין קעסטעלע און אויך אַ בילדל פון בעטהאָווען. דאָס בילדל האָב איך אַרויפגעקלעבט אויפן דעקל פונעם קעסטעלע, וווהין כ׳האָב אַריינגעלייגט דאָס ניי־געשאַפענע ליד וואָס כ׳האָב אָנגערופן מיטן נאָמען ״אין אַ כישוף־נאַכט״ און אָנגעשריבן: ״געווידמעט העלענען״. כ׳האָב

אויך אַריינגעלייגט אַ בריוול אין וועלכן כ׳האָב איר געשריבן, דאָס אויב זי וויל קענען די מעלאָדיע וואָס איז, ווי כ׳גלויב, זייער שיין, איז זאָל זי אַרויפקומען צו מיר.

כ׳האָב נאָכאַמאָל איבערגעלייענט מיין בריוו און אים צע־ריסן. ער האָט מיר אויסגעזען צו איינפאַך, צו פשוט געשריבן. האָב איך אָנגעשריבן אַן אַנדערן בריוו אין וועלכן כ׳האָב איר אומבאַדינגט געבעטן זי זאָל אַרויפקומען צו מיר, צו זיין מיין גאַסט און אַז ביי דער געלעגנהייט וועל איך איר שפּילן די מע־לאָדיע פון דעם פאַר איר געווידמעטן ליד.

כ׳האָב פאַרשלאָסן דאָס קעסטעלע און דאָס שליסעלע, צוזאַמען מיטן בריוו אַריינגעלייגט אין אַ באַזונדערן קאָנווערט און עס איר איבערגעשיקט.

כ׳האָב געוואַרט מיט אומגעדולד אויף אַן ענטפער און אויך פאַנטאַזירט אַז אפשר וועט זי אַליין זיין דער ענטפער און אויב זי וועט קומען, וועל איך איר זאָגן: ״אָט דאָס ליד, העלענאַ, איז אַ דערגענצונג פון אונדזער שיינער, שטילער און אויך שטומער ״כישוף־נאַכט״; דאָס וואָס כ׳האָב דיר נישט געזאָגט דעמאָלט, וויל איך אַז דו זאָלסט עס פאַרשטיין דורך דעם דאָזיקן ליד און אויב כ׳האָב דעמאָלט נישט גערעדט מיט מיינע ליפּן, רעדט איצט צו דיר דאָס ליד, באַגלייט מיט אַ זעלטן־שיינער מעלאָדיע, באַ־גלייט מיט שיינע טענער. איז זינג־זשע דאָס ליד וואָס כ׳האָב פאַר דיר געשאַפן, זינג און פאַרשטיי״...

דאָס אַלץ איז אָבער געווען אַ שיינע פאַנטאַזיע. איך האָב גע־וואַרט אויף אַן ענטפער און מיך נישט דערוואַרט. כ׳האָב אויך געהאָפט און געוואַרט אַז זי וועט מיך פאָרט באַגליקן מיט אירס אַ וויזיט צו מיר און מיין האָפן איז געווען אומזיסט.

אַזוי איז פאַרביי אַ לענגערע צייט. נישט קיין גרוס און אפילו אויך נישט אַ וועלכן ס׳איז צייכן אַז זי האָט דאָס קעסטעלע און מיין בריוו דערהאַלטן.

איך האָב צוריק אָנגעפאַנגען די אַרבעטן מיט די אָרקעסטערס.

ברין, בעת אונדזער טרעפן זיך אויף אַ לעקציע האָט מיך וועגן גאָרנישט נישט געפרעגט. ער האָט מיר בלויז געזאָגט, אַז איך זע זייער גוט אויס...

איך האָב אים געדאַנקט פאַר דער אָפּגעטאָענער אַרבעט זיי־נער און מיר זענען צוזאַמען אַראָפּ.

אויף דער גאַס, האָט ער מיך דערמאָנט כ׳זאָל צוגרייטן אַ פּראָגראַם וואָרעם דער זומער רוקט זיך אַוועק, אַז ס׳דערנענטערט זיך דער האַרבסט און אויף די יום־טובים וועלן מיר דאַרפן אויפטרעטן.

כ׳האָב אים געענטפערט פּונקט ווי די פּיאָנערן פלעגן ענט־פערן:

— כ׳בין גרייט, שטענדיק גרייט!

כ׳האָב מיך ערנסט פאַרנומען מיט צוקלויבן אַ פּאַסיקן פּראָ־גראַם פאַר אַ נאָענטער אונטערנעמונג און ווידער בין איך געווען אָפּגעשלאָסן ביי מיר און אין ערגעץ נישט געקומען, וואָרעם כ׳האָב געהאַט זייער פיל אַרבעט, דאָך האָב איך נאָך געפינען צייט אויף אָנשרייבן נאָך אַ ליד פאַר העלענען, טראָץ דעם וואָס זי האָט מיר נישט געענטפערט אויפן געשאַנק פון קעסטעלע; נישט אויף מיין ליד און נישט אויף מיין בריוו.

כ׳האָב פאַר איר אָנגעשריבן אַ ליד וועגן איינעם וואָס איז פאַרכישופט געוואָרן דורך שוואַרצע אויגן; אַז זיין האַרץ איז אָנגעגליט ווייל שוואַרצע אויגן האָבן פייער... כ׳האָב פאַרפאַסט אַ שיינע מעלאָדיע און איר איבערגעשיקט די ווערטער צוזאַמען מיט די נאָטן.

דאָס מאָל האָב איך נישט געשריבן און נישט געבעטן זי זאָל אַרויפקומען צו מיר. כ׳בין געווען זיכער, אַז זי וועט דאָס ליד פאַרשטיין... און מאָדנע, כ׳בין געוווינט געוואָרן צו ליידן און צו בענקען נאָך איר. כ׳האָב געוואָלט דורך די לידער מיינע איר געבן צו פאַרשטיין, וואָס איך לעב אַדורך. דאָס איז טאַקע נישט

געווען קיין דירעקטע ליבע־דערקלערונג. דאָך בין איך געווען זיכער און האָב געהאָפט אַז אַ טאָג וועט זי קומען און זאָגן:

— איך האָב דיך פאַרשטאַנען. איך קום צו דיר מיט מיינע שוואַרצע אויגן, וועלכע איך שענק נאָר דיר...

און מיר האָט זיך געדוכט אַז אַזוי דאַרף עס זיין און אַז אַנדערש קען גאָרנישט זיין. מען מוז ליידן ביז די ליידן ווערן אַנגענעם. מען מוז בענקען. דאַן איז די אויסגעטרוימטע מינוט אַנגענעמער און טראָץ דעם וואָס איך האָב געוווסט אַז דאָס אַלץ איז בלויז פאַנטאַזיע און נישט מער, האָב איך דאָך געגלויבט אַז אַ מאָל, וועט עס ווערן די ווירקלעכקייט.

ס׳זענען פאַרביי טעג און וואָכן. די בענקשאַפט האָט גע־נומען אַלץ שטאַרקער נאָגן, שוין צו שטאַרק, האָב איך באַשלאָסן אַרויסצוכאַפן זיך אויף די לעשנאָ־גאַס אין דער האָפענונג איר אפשר צו זען. אַ מאָדנער געדאַנק האָט גענומען עגבערן אין מוח: אפשר איז זי ברוגז אויף מיר? אפשר האָט זי מיינע לידער גאָר צעריסן, נאָך איידער זי האָט זיי געליינט? אפשר וויל זי בכלל מיך מער נישט זען? אפשר?...

אויף לעשנאָ בין איך אַרויסגעקומען מיט האַרץ־קלאַפונג. אויב איך וועל איר טרעפן, וועט זי צו מיר צוקומען ווי פריער? וועט זי זיך נישט אָפּוועקדרייען פון מיר אום כדי מיר נישט צו געבן די מעגלעכקייט כ׳זאָל צו איר צוגיין?

כ׳בין געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. אַ סך פון מיינע באַקאַנטע האָבן מיך אָפּגעשטעלט. כ׳בין אָבער גיך פון זיי אַוועק מיטן אויסרייד, אַז אימעצער וואַרט אויף מיר. כ׳בין אויסגעגאַנגען די גאַנצע לעשנאָ גאַס אַהין און צוריק און נישט געטראָפן העלענען. אָבער מיטאַמאָל דערזען איך פון ווייטנס אָנקומען עסטושקע גע־פירט דורך אַ חבר און העלענע גייט נעבן איר.

פון איבעראַשונג האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע כאָטש כ׳האָב עס נישט געוואָלט טאָן און געהאַט בדעה פאַרצוזעצן

מיין וועג. כ׳האָב פּרובירט קוקן אין אַ זייט, אָבער זיי האָבן מיך דערזען.

העלענע איז גלייך צוגעלאָפן צו מיר פּונקט ווי פריער, אפשר נאָך פלינקער ווי פריער. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר געקוקט אין די אויגן אַריין און געשמייכלט. עסטושקע מיטן חבר האָבן פאָרגעזעצט זייער וועג, נאָכן האָבן זיך מיט מיר באַגריסט.

העלענע קוקט מיך לאַנג אָן לסוף זאָגט זי:

— אַ גרויסן דאַנק דיר פאַר די לידער...

מיין האַרץ האָט געקוואָלן.

און אָן אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט, האָט זי מיך גענומען אונטערן אָרעם און מיר האָבן אָנגעהויבן שפּאַצירן איבער דער ברייטער גאַס. דערנאָך האָט זי מיר אָנגעהויבן דערציילן איינצלהייטן פון דער קאָלאָניע און מיך געפרעגט פיל פאַרשידענע פראַגן. זי האָט אָבער מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאַנט, אַז זי האָט אַמאָל געוואָלט איך זאָל איר לערנען שפּילן. זי האָט קיין איין מאָל נישט דערמאַנט אַז זי וואָלט געוואָלט הערן און קענען די מעלאָדיעס פון די ניי־געשאַפענע פאַר איר לידער, פאַר וועלכע זי האָט מיר נאָר וואָס געדאַנקט. זי האָט קיין איין מאָל נישט דערמאַנט און נישט געפרעגט פאַרוואָס כ׳האָב איר געשיקט אַזאַ קעסטעלע און אויך נישט וועגן מיינע פאַר ווערטער אַרויפצוקומען צו מיר. כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט און צו איר געזאָגט:

— העלענאַ, קום אַ מאָל אַרויף צו מיר. מיר דוכט זיך, אַז דו קענסט נאָך נישט די מעלאָדיעס וועלכע כ׳האָב דיר געווידמעט... האָב איך דאָך געטאָן אַ האַלבע אַרבעט. איך וויל אַז דו זאָלסט זיי קענען און זינגען. קום אַרויף צו מיר. איך וועל זיי פאַר דיר שפּילן. איך בעט דיך, העלענאַ, קום אַרויף.

העלענע האָט פאַרטראַכט געשוויגן. מיר זענען געשטאַנען און זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט. כ׳בין געווען פול מיט דערוואַרטונג, אָבער כ׳האָב מיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף איר באַשלוס און ענטפער.

רוף איך מיך צו איר אָפּ:

— אויב דו קווילסט דיך צו קומען אַליין, קענסטו דאָך קומען מיט עסטושקען.

ווי נאָר כ׳האָב אַרויסגעזאָגט דעם נאָמען פון עסטושקע האָט זי מיר צוגעוואָרפן אַ מאָדנעם בליק, אַ בליק אַזעלכן, וואָס איך בין עס נאָך נישט געוווינט געווען ביי איר צו זען. גלייך ווי כ׳וואָלט איר געהאַלטן פאַר אַ קינד, וואָס האָט מורא אַליין צו גיין, נאָר מוז האָבן אַ באַגלייטער. כ׳האָב איר פּרובירט אויפקלערן מיין מיין:

— העלענאַ, איך ווייס נישט ווי אַזוי כ׳זאָל דיר זאָגן, ווי אַזוי אויף דיר ווירקן, אַז דו זאָלסט אַרויפקומען צו מיר. דערפאַר האָב איך גערעדט וועגן עסטושקען אום כדי ס׳זאָל דיר זיין באַקוועמער. ווי דער אמת, וואָלט איך מיר געוווּנטשן צו זען ביי מיר דיך אַליין... ווייטער טו ווי דיר איז באַקוועם, אָבער קום צו מיר אַרויף.

זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי מיט אירס אַ ליבן שמייכל מיך געפרעגט:

— ווען קען מען צו דיר אַרויפקומען?

— דאָס איז נישט קיין פראַגע, העלענאַ. דו קענסט צו מיר קומען ווען ס׳איז דיר נאָר באַקוועם.

נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, פרעגט זי מיך:

— לאָמיר אָננעמען דאָנערשטיק, צווישן זעקס און זיבן אָוונט.

— גוט, דאָנערשטיק צווישן זעקס און זיבן אָוונט. איך וועל וואַרטן!

צופרידן וואָס מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט, נעמט זי מיך ווידער אונטערן אָרעם און מיר זעצן פאָר דאָס שפּאַצירן איבער דער ברייטער פול מיט שפּאַצירנדיקע, לעשנאַ גאַס.

עסטושקע איז אונדז אַנטקעגנגעקומען און מען האָט זיך אָפּ־געשטעלט, העלענאַ האָט זיך אָפּגערופן אַז ס׳איז צייט אויף אַהיים־צוגיין.

כ׳האָב באַמערקט ביי העלענען אַ געוויסע אומרואיקייט. מען

האָט זיך געזעגנט. העלענע האָט גענומען עסטושען אונטערן אָרעם און זיי זענען גיך פֿאַרשוווּנדן.

גייענדיק אַהיים איז מיר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק וועגן צוגרייטן פֿאַר העלענען אַ פֿרישן סורפּריז, כ׳זאָל ביז דאַנערשטיק שאַפֿן פֿאַר איר נאָך אַ ליד און גלייך אויפֿן וועג גייענדיק, אָנגעהויבן אַרבעטן איבער דער קאָמפּאָזיציע. פֿאַרענדיקט האָב איך זי אויפֿן געלעגער ; דאָס ליד האָב איך אָנגערופֿן "די שענסטע בלום". ס׳איז געווען פֿיל מער ווי אַ ליבע־דערקלערונג. ס׳איז געווען אַ שיר־השירים פֿון אַ פֿאַרליבטן צו דער געליבטער פֿרוי. כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם מאָמענט ווען כ׳וועל פֿאַר איר שפּילן די ערשטע צוויי לידער : "אין אַ כּישוף־נאַכט" און "שוואַרצע אויגן האָבן פֿייער", ווי אַזוי זי וועט זיי אויפֿנעמען און אַז לסוף, וועל איך פֿאַר איר שפּילן און איר געבן די סאַמע לעצטע שאַפֿונג, דאָס ליד "די שענסטע בלום" !

כ׳בין געווען צופֿרידן פֿאַר מײַנע איינפֿאַלן צו קומען צו איר דורך אָט דעם פּאָעטיש־קינסטלערישן וועג, וואָס האָט לויט מײַן מיינונג אַ פֿיל שטאַרקערן כּוח ווי דאָס זאָגן צו אַ מיידל דאָס פּשוטע "איך האָב דיך ליב". ווי זאָגט עס ברין, "זאָגן אַ מיידל, איך האָב דיך ליב, איז צו פּראָסט און באַנאַל. עס פּאַסט נישט פֿאַר אונדזערס איינעס אין אַ צייט, ווען מיר האָבן פֿיל שענערע ווערטער". און אַז כ׳האָב נאָכאַמאָל אַדורכגעלייענט דאָס ניי־געשאַפֿענע ליד "די שענסטע בלום", האָב איך געהאַט דאָס געפֿיל אַז קיין שענערע ליבע־דערקלערונג עקזיסטירט גאָרנישט.

איך בין געווען פֿול מיט שפּאַנונג און דערוואַרטונג און מיטוואָך, אַ נאַכט פֿאַר איר קומען, בין איך כּמעט ווי נישט געשלאָפֿן. דאָך האָב איך מיך אויפֿגעהויבן זייער פֿרי, וואָרעם כ׳האָב געהאַט פֿיל אַרבעטן צו ענדיקן. כ׳האָב אויך באַדאַרפֿן איבערשרײַבן נאָטן פֿון דעם לעצטן ליד "די שענסטע בלום", אָבער אום פֿיר נאָכמיטאָג, איז מײַן צימער שוין געווען אויפֿגערוימט. אויף מײַן שרײַב־טיש איז געשטאַנען אַ וואַזאָן מיט פֿרישע בלומען און פֿאַרן

וואַזאָן האָב איך אַוועקגעשטעלט העלענעס פאָטאָגראַפיע. כ׳האָב געקוקט לאַנג, זייער לאַנג אויפן בילד וואָס האָט צו מיר גע־שמייכלט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אירע אויגן רעדן צו מיר. אַז זיי רופן מיך. כ׳האָב דערפילט, אַז מיין בלוט קומט מיר אין פנים אַריין און כ׳האָב באַקומען אַ שטאַרקן פאַרלאַנג איר צו־דריקן צו מיר, צו האַלטן איר אין מיינע אָרעמס און כ׳האָב אָנגע־הויבן רעדן צו איר פאָטאָ:

— העלענע, העלענע! געוואָלט ווי איך האָב דיך ליב. איך ליב יעדעס הערעלע פון דיינע שיינע ברעמען, פון דיינע שוואַרצע אויגן־דעקלעך. איך ליב יעדן שטריך פון דיין שיין פנים, איך ליב יעדע באַוועגונג דיינע. יעדן ריר פון דיינע געטאָקטע גלידער. כ׳ליב דיין וווּנדערלעכן כישוף־שמייכל, העלענע, העלענע!

איך האָב געקושט די פאָטאָגראַפיע און נישט אויפגעהערט צו רופן: העלענע, העלענע!

כ׳האָב געפילט אַז מיטן קושן און דריקן צו מיר איר פאָטאָ האָב איך מיך אַביסל באַרואיקט. כ׳האָב צוריק אַוועקגעשטעלט די קאַרטע אויפן טיש, און אָנגעהויבן לאַנגזאַם שפּאַנען איבערן צימער. דערנאָך האָב איך אָנגעפאַנגען צו שפּילן שטיל, זייער שטיל די ליבע־מעלאָדיעס, וועלכע כ׳וועל באַלד אויך שפּילן פאַר איר. כ׳האָב צוריק אַוועקגעלייגט די גיטאַרע און געקוקט אויפן זייגער. ס׳איז געווען צען פאַר זעקס. אָט, אָט און העלענע וועט זיך באַווייזן. כ׳האָב פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס אָבער אים באַלד צוריק פאַרלאָשן. אפשר... וועט מיר אויסקומען איר אַ קוש צו געבן, איז זאָל זי נישט פילן קיין טאַבאַק פון מיין מויל...

די לעצטע פאַר מינוט פאַר איר אַריינקומען, זענען ביי מיר געווען לענגער ווי דער גאַנצער טאָג. כ׳האָב אויף דאָס ניי גע־שפּאַנט איבערן צימער, לאַנג געשפּאַנט, געקוקט אויפן זייגער און מיט ווייטיק געזען אַז ס׳איז שוין האַלב זיבן. עטלעכע מאָל האָב איך גענומען אַ פּאַפּיראָס אויף צום פאַרויכערן און אים יעדעס מאָל צוריק אַוועקגעלייגט. ווידער האָב איך מיך אַוועקגעזעצט

ביים טיש, געקוקט אויף העלענעס בילד און ווידעראַמאָל מיך אויפגעשטעלט, גענומען די גיטאַרע און שטיל געשפּילט. ס׳איז שוין פינף פאַר זיבן! זאָל זי קומען די סאַמע לעצטע מינוט פון דער אָפּגערעדטער שעה וואָס זי האָט מיר געגעבן?

ווידער האָב איך נערוועז אַרומגעשפּאַנט, עטלעכע מאָל געעפנט די טיר פון הויז. כ׳בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און באַטראַכט די גאַס און לסוף מיך צוריק אַוועקגעזעצט אָן צו וויסן וואָס מען הויבט אָן צו טאָן.

ס׳איז שוין געווען האַלב אַכט, האַלב אַכט! ס׳איז שוין צען צו אַכט. זי איז נישט געקומען.

האַלב ניין אָוונט האָב איך געהאַט אַ לעקציע, דער וועג דויערט ווייניקסטן צוואַנציק מינוט. גוט, כ׳וועל וואַרטן ביז דער סאַמער לעצטער מינוט.

זי איז נישט געקומען.

די לעקציע איז היינט אַדורך נישט אַזוי ווי אַלע מאָל. מיינע שילערס האָבן אין מיר באַמערקט אַ געוויסע צעשטרייטקייט. כ׳האָב פאַרענדיקט די לעקציע גיכער ווי געוויינלעך און כ׳בין אַהיים צו זיך. כ׳האָב אפילו געטראַכט וועגן אַרויסגיין אויף לעשנאַ גאַס. כ׳וואָלט איר דאָרט זיכער געטראָפן און אפשר מיך דערוווסט פאַרוואָס זי האָט אַזוי געהאַנדלט. ס׳קען דאָך נישט זיין אַז זי זאָל האָבן פאַרגעסן דאָס אָפּגעשטימטע קומען צו מיר. ניין, כ׳בין נישט אַוועק אויף לעשנאַ, כ׳בין אַהיים צו זיך און אַזוי ווי אַ נאַכט פריער בין איך נישט געשלאָפן, האָב איך מיך גלייך געלייגט, אָבער שלאָפן האָב איך נישט געקענט.

אויפן געלעגער ליגנדיק, האָב איך מיך דערמאַנט אַז בעתן צוזאָגן מיר אַרויפצוקומען, איז זי גלייכצייטיק אויך געווען פון עפּעס שטאַרק נערוועז; אפשר האָט זי דערנאָך באַדויערט, פאַרוואָס זי האָט מיר צוגעזאָגט אַרויפצוקומען? אפשר וויל זי זיך גאָרנישט מיט מיר טרעפן? אפשר מיידט זי מיך בכיוון אויס? פאַרוואָס אָבער ווען זי דערזעט מיך, לויפט זי צו מיר אַזוי

שנעל צו? ווער קען איר פאַרשטיין? וואָס מיינט זי? וואָס פאַר אַן אויסרעכענונג האָט זי אין דעם אַלעם?

מאָרגן איז פרייטיק, אַ טאָג ווען כ׳האָב נישט קיין לעקציעס און עס מיטאָג ביי מיינע עלטערן. דערנאָך וועט ברין צו מיר אַרויפקומען און אפשר אויך נאָך חברים און מיר וועלן אַביסל שמועסן. דערנאָך גייען מיר אין סינעמאַ. שטענדיק בלויז בחורים. חברה האָט נישט ליב אַז מיידלעך זאָלן מיטגיין. זיי ווילן זיך פילן פריי... מען קען רעדן פון וואָס און ווי אַזוי מען וויל, אָן צו זיין געקוועלט. פאַרוואָס איז עס בלויז מיט מיר אַזוי געשען, כ׳זאָל מיך פאַרליבן? פאַרוואָס האָט זי זיך דעמאָלט געפונען אין זאַל און מיך געבעטן כ׳זאָל פאַר איר שפּילן?

אַזוי האָבן מיך אַ גאַנצע נאַכט געפּייניקט פאַרשידענע פראַגן. ערשט פאַרטאָג אַז כ׳בין איינגעשלאָפן און מיך אויפגעוועקט זייער שפּעט דורך אַ קלאַפּן אין טיר.

מען האָט מיר אַריינגעברענגט אַ בריוול. אויפן קאָנווערט איז נישט געווען אָנגעגעבן קיין שום נאָמען פון עקספּעדיטאָר. איך רייס אויף דעם קאָנווערט און דערזע, אַז ער איז פון העלענען.

איך לייען אין איין אָטעם:

איך בעט מיר צו אַנטשולדיקן פאַר מיין נישט קומען נעכטן. איך האָב געוווסט אַז דו וואַרטסט אויף מיר. איך האָב ווירקלעך נישט געקענט. אויב דו וועסט זיין איינשטימיק, וועל איך קומען דעם נאָענטסטן דאָנערשטיק, אין דער זעלבער צייט.

דיין העלענע.

— דיין העלענע! דיין העלענע! מיין העלענע! דיין, דיין העלענע! איך בין אַראָפּ פון בעט און מיך שנעל אָנגעטאָן. איך האָב געקושט דעם בריוו און צו אים גערעדט:

״העלענע, איך האָב דיך אומזיסט באַשולדיקט, אומזיסט געטראַכט וועגן דיר שלעכטס. טייערע העלענע מיינע, זיי מיר מוחל וואָס כ׳האָב דיך אומזיסט חושד געווען אין גלייכגילטיקייט צו מיר״.

נאָכן אָפּעסן פרישטיק, בין איך אין אַ זייער גוטער שטימונג אַוועק אין גאַס.

דעם אָוונט האָב איך פאַרברענגט מיט מיין חבר ברין און מיר האָבן געזען אַ שיינעם פילם. שבת בין איך ווי יעדעס מאָל, געווען מיט מיינע עלטערן. ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ וואָך פון שפּאַנונג: נאָך געציילטע טעג צו דאָנערשטיק, נאָך צוויי טעג, נאָך איין טאָג, מאָרגן וועט זי צו מיר קומען. ס'איז דאָנערשטיק, ענד־לעך, ענדלעך דאָנערשטיק!

פון פיר נאָכמיטאָג, בין איך ווידער אין דערוואַרטונג. דאָס מאָל האָב איך נישט געהאַט קיין שום צווייפל וועגן איר קומען. דאָס מאָל בין איך געווען זיכער און מיך געגרייט. ווידער איבער־געשפּילט די לידער וועלכע כ'האָב פאַר איר געשאַפן, ס'איז שוין ענדלעך זעקס אַזייגער. כ'זיץ ווי אויף הייסע קוילן. ס'איז שוין האַלב זיבן... כ'הויב ווידער אָן צו שפּאַנען איבערן צימער. שוין צען פאַר זיבן. מען קלאַפּט איר טיר. איך לויף מיט פרייד עפענען...

אין טיר איז געשטאַנען עסטושקע.

# 14

כ׳ווייס נישט ווי אַזוי איבערצוגעבן, ווי אַזוי אויסצודערציילן מיין שטוינונג און אפילו מיין איבעראַשונג פון דערזען, אַנשטאָט העלענען, דאָס אַריינקומען צו מיר פון איר חברטע עסטושקע.

דאָס מאָל האָב איך דאָך נישט געהאַט דעם מינדעסטן צווייפל אַז דער קלאַפּ אין דער טיר איז טאַקע פון העלענען, אַז ס׳איז ענדלעך זי וואָס איז צו מיר געקומען מיט אַ באַזוך, וועלכן זי האָט דאָס מאָל אויף קיין פאַל נישט געקענט און אפילו נישט געטאָרט אָפּלייגן, וואָרעם ער האָט דאָך היינט געדאַרפן געשען אויף איר אייגענעם פאַרלאַנג אין רעזולטאַט פון איר נישט קומען צו מיר דעם צוגעזאָגטן דאָנערשטיק פריער.

פון אַנטוישונג און איבעראַשונג וואָס האָט אויפגעשטורעמט אין מיר, ביים דערזען אין דער סאַמער לעצטער מינוט, דאָס אַריינקומען פון עסטושקען און נישט פון דער אַזוי באַגערטער העלענען, האָב איך אָפּגעפילט אַ פאַרלאַנג צו שרייען פון פאַר־דרוס, אָבער טראָץ די דערפילטע האַרץ־ווייטיק, האָב איך מיך באַהערשט און מיך אפילו געצווינגען לייכט צו שמייכלען.

— אַ, עסטושקע!... ווּעמען זע איך... וואָס טוסטו דאָ?...

און מיט אַלע כוחות האָב איך פּרובירט מאַסקירן מיין צו־שטאַנד און נישט אויסגעבן מיין צערודערונג און אַנטוישונג.

כ׳האָב געזען אַז אויך עסטושקע איז געווען איבעראַשט פון מיין האַרציק אויפנעמען איר און זי ענטפערט מיר מיט אַ ברייטן שמייכל:

— כ׳האָב עפּעס געהאַט איבערצוגעבן אויף דיין גאַס... האָב איך ריזיקירט אַריינצוגיין צו דיר...

און זי וויזט מיר אַ קליין פּעקעלע מיט עפּעס אַן אַדרעס, טאַקע אויף מיין גאַס.

מיט אַ זשעסט פון מיין האַנט, האָב איך איר איינגעלאַדן צו גיין ווייטער און פאַרמאַכט הינטער איר די טיר. זי האָט פּאַמעלעך אַריינגעשפּאַנט טיפער אין צימער, זיך שווייגנדיק אַרומגעקוקט און לסוף זיך אָפּגערופן:

— ווי דער אמת, האָב איך געוואַרט אויף אַזאַ זעלטענער געלעגנהייט. שוין אַ יאָר צייט און אפשר נאָך מער, אַז איך זוך מיך צו געפינען מיט דיר אַליין און אַז אויך איך זאָל האָבן דאָס גליק, זאָלסט אויף מיין פאַרלאַנג עפּעס שפּילן פאַר מיר גופא.

איך האָב געקוקט אויף איר מיט שטוינונג און אומצוטרוי. איך בין געווען זיכער אַז הינטער די רייד אירע, באַהאַלט זיך עפּעס אַזעלכעס וואָס וועט מיר קיין פרייד נישט פאַרשאַפן, וואָרעם שוין דאָס צווייטע מאָל ווי איך דערוואַרט העלענען מיט אַזוי פיל האַרץ־קלאַפּונג, מיט אַזוי פיל האָפענונג אויף איר וויזיט ביי מיר, מיט אַזוי פיל אויסרעכענונג אויף אַן ענדגילטיקער פאַרשטענדי־קונג, וואָרעם ווען איך וואָלט געשפּילט פאַר איר מיינע לידער, וואָלט איך דאָך געפרעגט איר מיינונג וועגן די ווידמונגען... און כ׳וואָלט געהערט איר ענטפער... און דאָ איז גאָר געקומען עס־טושקע און נישט זי, העלענע...

כדי אָנצוהאַלטן די ״גוטע״ שטימונג וואָס איך האָב אַרויסגע־וויזן עסטושקען ביי איר אַריינקומען צו מיר, האָב איך אין שפּאַס איר געפרעגט:

— שוין אַ יאָר ווי דו זוכסט די געלעגנהייט אַז איך זאָל פאַר דיר שפּילן? אויב אַזוי, מוז דאָך מיין שפּילן פאַר דיר האָבן אַ גרויסע ווערט. איז וואָס ווילסטו מיר געבן אַז איך זאָל פאַר דיר ספּעציעל שפּילן?...

— וואָס דו ווילסט נאָר וועלן — האָט זי געענטפערט — אפילו מיך אינגאַנצן...

— אָ! — זאָג איך צו איר — אַזאַ טייערן פּרייז פאַרלאַנג איך נישט.

זי קוקט אויף מיר מיט אַ בעטנדיקער מינע און זאָגט צו מיר נאָכאַמאָל:

— שפּיל איך בעט דיך, שפּיל ״אויפן פּערסישן מאַרק״, דו שפּילסט עס אַזוי שיין. פּירסט עס אַזוי הערלעך אויס; עס שאַפט דעם איינדרוק ווי אַ גאַנצער אָרקעסטער וואָלט עס גע־שפּילט; איך בעט דיך, שפּיל. מיטן פּרייז וועלן מיר שוין אַדורכ־קומען.

און זי האָט זיך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע און געוואַרט.

כ׳האָב מיך נישט געאײַלט אָנצוהויבן שפּילן. ס׳איז געווען פּונקט זיבן אָוונט. וועט נאָך העלענע קומען? אָדער האָט זי געשיקט עסטושקען אויף איר פּלאַץ?... כ׳האָב גענומען די גי־טאַרע און אָנשפּאַרנדיק מיין פוס אויף אַ שטול האָב איך איר לאַנג באַטראַכט און לסוף אָנגעהויבן שפּילן. כ׳זע אַז עסטושקע קען מיין בליק נישט אויסהאַלטן. זי פאַררויטלט זיך און לאָזט אַראָפּ די אויגן. איך שפּיל ווייטער און כ׳אָבסערוויר איר. זי הויבט ווידער אויף אירע בליקן באַטראַכט מיך אויף אַ ווײַלע און פאַרויטלט זיך נאָך שטאַרקער.

אַז כ׳האָב געענדיקט דאָס שפּילן, לייג איך אַוועק די גיטאַרע און זעץ מיך אַביסל אָפּגערוקט, אַנטקעגנאיבער איר.

זי קוקט מיך לאַנג אָן און זאָגט:

— ווייסטו דען וואָס פאַראַ צויבער עס ליגט אויף דיר, בעת דו שפּילסט?...

נאָך אַ קורצער פּויזע רעדט זי ווייטער:

— אַך, ווי מאָדנע, ווי מאָדנע עס זענען די געפילן ביי דער יוגנט, איינער ליבט, אַן אַנדערער ליבט נישט. מען באַהאַלט די געפילן גלייך ווי ס׳וואָלט געווען עפּעס אַן אוממאָראַלישע זאַך. מען הילט זיי איין אין אַזאַ געדיכטן שלייער גלייך ווי ס׳וואָלט געדאַרפן

זיין דאָס גרעסטע געהיימעניס. מען וואַרט, מען איז שטענדיק אין דערוואַרטונג און מען ליידט.

איך האָב דערפילט אין אירע ווערטער עפּעס אַ כוונה, ווי זי וואָלט וועלן מיך פּראָוואָצירן אויף אַ געשפּרעך. איך האָב באַקומען אַ געפיל, אַז זי וויל עפּעס אַרויסקריגן פון מיר און כ׳האָב אָנגעהויבן צווייפלען אַז איר אַרויפקומען צו מיר איז געווען צופעליק און מיט גרויס נייגעריקייט האָב איך איר געפרעגט:

— ווער מיינסטו עס, עסטושקע?

— מיך אַליין — איז געקומען אַן ענטפער.

— דיך אַליין? וואָס, דו ביזט אויך פאַרליבט?

— וואָס הייסט איך בין אויך פאַרליבט? איך האָב דען נישט קיין רעכט דערצו?

— חלילה — זאָג איך איר — קיינער נעמט דיר נישט צו די רעכט. נאָר זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי אַלט ביזטו?

— האַלט מיך נאָר נישט פאַר קיין קליין מיידעלע — האָט זי ווי אַ באַליידיקטע זיך אָפּגערופן.

— ניין, עסטושקע, — זאָג איך איר — איך האַלט דיך נישט פאַר קיין קליין מיידעלע, נאָר אויב דו האָסט שוין וועגן דעם גערעדט, וואָלט איך דיך אויך געוואָלט פרעגן, צי דעם וואָס דו ליבסט, ליבט דיך דען נישט?...

כ׳האָב געוואַרט אויף אַן ענטפער. זי איז געזעסן די אויגן אַראָפּגעלאָזט און געשוויגן.

ס׳איז מיר געווען קלאָר אַז הערלענע וועט שוין נישט קומען, האָב איך איר געפרעגט:

— און דעם וועמען דו ליבסט, פאַראורזאַכסטו אויך אַזוי פיל ליידן ווי דו האָסט עס נאָר וואָס געזאָגט?...

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, מיך אָנגעקוקט מיט אַ דערשטוינטן בליק און זיך אָפּגערופן:

— וואָס מיינסטו, איך בין הערלענאַ?...

די זאַך איז געוואָרן ערנסט. כ׳האָב געפילט אַז כ׳פאַרליר

צו איר דעם צוטרוי און דאָס געדולד. ס׳האָט מיר אָנגעהויבן ווערן קלאָר, אַז איר אַרויפקומען צו מיר, איז נישט קיין צופעליקע זאַך און כ׳האָב מיך אָפּגערופן:

— עסטושקע, איך פאַרלאַנג פון דיר זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת און נישט קיין האַלבע ווערטער און נישט קיין אָנצוהערענישן. איך האָב נישט זייער ליב אויב מען רעדט צו מיר פאַרנעפּלט און נישט קלאָר. כ׳בעט דיך זאָלסט מיר זאָגן דייטלעך און קלאָר, וואָס טוסטו איצט ביי מיר? צוליב וואָס ביזטו פּאַקטיש אַרויפגעקומען? מיט וואָס פאַראַ כוונה? איך בעט דיך אויך, זאָלסט מיר קלאָר מאַכן, וואָס האָסטו געמיינט מיט די ווערטער "איינער ליבט איינער ליבט נישט, איינער ליידט און איינער מאַכט דערפון אַ געהיימעניס"? און וואָס האָסטו דערביי אַריינגעמישט העלענען? איך בעט דיך, קלער עס מיר אויף!

זי איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד און נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט.

כ׳האָב געוואַרט אויף איר ענטפער וואָס איז אַלץ נישט געקומען. זי איז כסדר געזעסן פאַרטיפט אין זיך, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד און געשוויגן. "וואָס גייט זי דאָ אויסטראַכטן?" האָב איך מיך געפרעגט. פאַרוואָס האָט זי עפּעס אַריינגעמישט העלענען? כ׳האָב עס פאַרשטייט זיך זייער געוואָלט וויסן. כ׳האָב מיך צו איר דערנענטערט און אויפגעהויבן דעם קאָפּ אירן. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן, ווי אַ פאַרזינדיקט קינד קוקט אויף זיין פאָטער פאַרן האָבן געטאָן עפּעס וואָס מען דאַרף נישט.

— עסטושקע, — פרעג איך איר — ענטפער, זאָג מיר ווער איז עס דער וואָס ליבט און ליידט?...

— איך — האָט זי שטיל געענטפערט.

— און ווער מאַכט דערפון אַ געהיימעניס?

— איך...

— אויך דו?... און ווער ליבט נישט?...

— דו — האָט זי נאָך שטילער געענטפערט.

— איך ?... — האָב איך מיט שטוינונג איבערגעפרעגט — און ווער איז דער וועמען דו ליבסט און צוליב וועמען דו ליידסט ? אויב דו האַלטסט מיך טאַקע פאַר אַ חבר מעגסטו דאָך מיר זאָגן ?

זי האָט געקוקט אויף מיר. אַ ווײַלע געשוויגן. כ׳האָב מיטאַמאָל דערזען טרערן אין אירע אויגן. זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און זיך שטיל אָפּגערופן :

— דו !...

אוודאי האָבן אירע רייד מיך צערודערט, אפילו איבעראַשט און מיר געגעבן אַ ברי. כ׳האָב אָפּגעלאָזט איר קאָפּ. כ׳בין שווייגנדיק צוגעגאַנגען צום פענסטער, געטראַכט אַ ווײַלע און מיך צוריק דערנענטערט, מיך צוגעזעצט צו איר און מיך אָפּגערופן :

— עסטושקע, כ׳בין באמת צערודערט פון דיינע רייד, איצט דוכט זיך מיר אַז כ׳פאַרשטיין דיך. יאָ, כ׳פאַרשטיי דיך זייער גוט און האָב באמת מיט דיר גרויס מיטלייד. ליבע איז אָבער אַזאַ געפיל וואָס נישט דערפאַר וואָס איינער ליבט, מוז דער צווייטער אויך אים ליב האָבן. ס׳איז זייער זעלטן אַזאַ קעגנזייטיקע ליבע. דו ביזט אַ קלוג מיידל און דו פאַרשטייסט עס. וואָלט איך געווען פריי וואָלט איך עס אפשר פאַרווירקלעכט, אָבער מיין האַרץ איז פאַרנומען...

זי האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט און אַ זאָג געטאָן :

— ס׳דוכט זיך דיר...

כ׳בין געווען דערשטוינט צו הערן פון איר די רייד און איר שאַרף אָנגעקוקט, לאַנג אָנגעקוקט. דאָס מאָל האָט זי אויסגעהאַלטן מיין בליק און נישט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. כ׳בין געווען נייגעריק און געשפּאַנט. מיט שטוינונג האָב איך מיך אָפּגערופן :

— ס׳דוכט זיך מיר ? וואָס הייסט, ס׳דוכט זיך מיר ? איך רעד דען וועגן אַ פרעמד האַרץ ? ווי אַזוי קען זיך עס מיר דוכטן ? איך מיין דאָך מיין האַרץ, מיין אייגן האַרץ און וואָס מיט מיין

האַרץ טוט זיך, וואָס אין מיין האַרץ קומט פאָר, ווייס איך לײדער גאַנץ גוט, איז וואָס הייסט עס דוכט זיך מיר?

זי האָט מיר כסדר געקוקט אין די אויגן אַריין, דאָס מאָל מיט אַזאַ זיכערקייט, וואָס האָט מיך נאָך מער צערודערט.

— ווייסטו, עסטושקע, וואָס דו האָסט געזאָגט? קענסטו באמת וויסן וואָס אין מיין האַרץ קומט פאָר? האָט שוין ווער געוווּסט וואָס ביי יענעם אין האַרצן טוט זיך?

— איך ווייס וואָס איך זאָג און כ'צי מיינע ווערטער נישט צוריק — האָט עסטושקע זיך אָפּגערופן.

— הער מיך אויס, עסטושקע, — זאָגט איך איר — ווי איך זע, האָבן מיר היינט אַ סך צו רעדן און זיך אויפצוקלערן, טראָץ דעם וואָס איך האָב עס אומבאַדינגט געוואָלט אויסמיידן, האָט זיך דיר דאָך איינגעגעבן מיך אַרויסצורופן אויף דעם נישט־לייכטן געשפּרעך. כ'האָב דיר שוין געזאָגט פריער. אַז כ'האָב זייער נישט ליב קיין האַלבע ווערטער. איך וועל שוין היינט אויף מיין לעקציע נישט גיין, אָבער דו, מיין ליבע, וועסט מיר מוזן זאָגן דאָס נישט־דערזאָגטע. איך לייג דיר פאָר אַראָפּגיין אין גאַס. מיר וועלן עפּעס עסן און מיר וועלן שמועסן. וועסט פריער אָפּטראָגן דאָס פּעקעלע וואָס דו האָסט מיט זיך, מסכים?

זי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ:

— אוי, דאָס פּעקעלע!

— וואַרט איך אויף דיר, מסכים, עסטושע?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ און איז גיך אַוועק.

בלייבנדיק אַליין האָב איך פּרובירט צונויפנעמען מיינע געדאַנקען. הייסט עס, אַז דאָס פּעקעלע ווי איך האָב עס געמיינט, איז נישט קיין אויסרייד און אַז העלענע האָט איר טאַקע נישט געשיקט צו מיר, ווי כ'האָב עס אויף אַ מאָמענט חושד געווען. בלייבט די געשיכטע פון איר ליבע צו מיר, וועגן וואָס כ'האָב

מיך אַזוי אומדערוואַרט פון איר דערוווסט... איך וואָס האָב אַזוי פיל געליטן פון מיין אייגענער ליבע צו העלענען האָב אָפּגעפּילט צום מיידל אַ מיטלייד.

כ׳האָב געוואַרט אויף עסטושקען וואָס האָט זיך אַביסל גע־זוימט און אָנגעהויבן טראַכטן, אַז זי האָט זיך אַרויסגענאַרט, ווייל כ׳האָב איר גענומען אויף אַ שטרענגן שמועס. אָבער אין מיטן פון מיין טראַכטן איז זי אָנגעקומען און אַריבערטרעטנדיק די שוועל, איז זי געבליבן שטיין כמעט ביי דער טיר און געקוקט אויף מיר, ווי אַ באַשולדיקטער אויפן ריכטער, איך פרעג איר:

— נו, זאָג וווהין גייען מיר עסן, עסטושקע?

— וווהין דו וועסט מיך פירן.

— און אויב כ׳וועל דיך פאַרפירן?...

— וועל איך זיין איינע פון די גליקלעכסטע — איז געקומען איר ענטפער.

— אפשר גייען מיר אויף דער לעשנאַ... — האָב איך עקסטראַ איר געפרעגט.

— וווּ דו ווילסט נאָר, וועל איך מיט דיר גיין — האָט זי איבערגעחזרט הכנעה׳דיק.

און מיטאַמאָל האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— ווייסטו וואָס? אפשר גייען מיר אַרויף צו העלענען?...

— כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, וווהין דו ווילסט, וועל איך מיט דיר גיין.

— און דו וועסט וואַגן צו זאָגן אַלץ וואָס איך וועל דיך פרעגן אין איר קעגנוואַרט?...

— וואָס האָב איך דען צו וואַגן?... איך קען רעדן אפילו אין קעגנוואַרט פון גאָט אַליין. אַלץ וואָס איך וועל דיר זאָגן, איז ריינער אמת. ס׳איז נאָר אַ פראַגע וואָס דו וועסט מיך פרעגן?

אירע רייד האָבן געעטעמט מיט אמת און איר גרייטקייט מיט מיר צו גיין אפילו צו העלענען, האָבן מיך פשוט אַנטוואָפנט. כ׳האָב אַ ווײלע נאָכגעטראַכט און איר געזאָגט.

— וויסטו וואָס? מיר וועלן דאָ בלייבן. כ'וועל אַרויפבברענגען עפּעס צום אָפּעסן און מיר וועלן דאָ שמועסן. ס'וועט זיין באַקוועמער.

— מיט איין באַדינג — ענטפערט זי — אַז דו וועסט מיך דערנאָך אַהיימפירן!

— גוט, כ'וועל דיך נישט לאָזן גיין אַליין אַהיים.

איך האָב געוואָלט אַראָפּגיין כדי אַרויפקויפן עפּעס צום עסן, נאָר זי האָט עס מיך נישט געלאָזט טאָן. זי וויל עס אַליין טאָן. זי איז אַראָפּ און איך האָב געטראַכט ווי אַזוי צו האַנדלען. איך האָב דאָך געזען אַז זי ווייס אַ סך. אַז זי ווייס אפשר פיל מער, ווי איך קען עס מיר פאָרשטעלן.

אין קורצע מינוטן אַרום איז זי שוין געווען צוריק. מיר האָבן אָפּגעגעסן און דערנאָך זענען מיר אַ געוויסע צייט געזעסן שווייגנדיק.

און ווידער זענען מיר שווער געוואָרן אירע בליקן. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַלץ וואָס זי האָט מיר ביז איצט געזאָגט, איז אַ ליגן. אפילו אַז זי איז פאַרליבט אין מיר, איז אויך אַ קאָמעדיע. איי, די טרערן אין אירע אויגן?...

איך האָב פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס. ס'איז מיר געווען שווער, פיינלעך שווער אָנצוהויבן דעם נישט־פּשוטן שמועס און אַז ס'איז אַדורך אַ געוויסע צייט פון שווייגן, האָט זי מיך געבעטן כ'זאָל עפּעס שפּילן. כ'בין נישט געווען געשטימט דערצו. כ'האָב געוואָלט פון איר וויסן וואָס מער וועגן העלענען און כ'האָב מיך גלייכצייטיק אויך געשראָקן דערפאַר; אָבער סוף־כל־סוף האָט עס דאָך געמוזט קומען, צוליב דעם איז זי דאָך געבליבן. כ'האָב געענדיקט דאָס רויכערן און מיך צו איר אָפּגערופן:

— ס'איז מיר נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען אָפּצוגעבן אַן אָפּונט אויף אויסצוהערן זאַכן וואָס מען רופט עס "געזאָגט און גערעדט". ווען דו ווילסט למשל מיר דערציילן וואָס דער האָט געזאָגט און וואָס יענער האָט גערעדט און דער דאָרט האָט געטאָן, וואָלט איך דיר געענטפערט, אַז עס אינטערעסירט מיך נישט און

ווייל עס נישט וויסן. אָבער אַז עס האַנדלט זיך וועגן מיר אַליין, מען זאָל מיר זאָגן, ווי דו האָסט עס געזאָגט "ס׳דוכט זיך דיר", וויל איך וויסן וואָס דו האָסט דערמיט געמיינט.

עסטושקע האָט טיף אָפּגעטעמט. ווייזט אויס אַז ס׳איז איר אויך נישט געווען אַזוי לייכט צו רעדן וועגן דעם, נאָר זי האָט געהאַט איר סיבה דערצו, האָט זי געפרעגט:

— וואָס אַזוינס ווילסטו וויסן?

— כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט וואָס איך וויל.

— נו, דו האָסט געזאָגט אַז דיין האַרץ איז פאַרנומען. אַז דו האָסט דיין האַרץ רעזערווירט פאַר העלענען... זי... זי אָבער, דאַרף נישט דיין האַרץ.

— קענסטו מיר דאָס אויפקלערן? — האָב איך איר געפרעגט, פילנדיק מיין האַרץ קלאַפּן.

— געוויס. כ׳וועל עס דיר אויפקלערן און דו וועסט נישט דאַרפן מער פרעגן קיין איין וואָרט.

— רעד, רעד — האָב איך ממש אויסגעשריגן.

זי האָט אָפּגעזיפצט.

— הער אויס, מיין ליבער, מיר וויסן אַז...

— ווער איז עס דער מיר?...

— זיי נישט אויפגערעגט! איך מיין דאָ מיך און העלענען; זי און איך וויסן מיר, אַז דו ביזט פאַרליבט אין איר. העלענע לויבט דיך טאַקע שטאַרק, אַז דו ביזט אַ ווויל און טייער יינגל און דאָ דאַרף איך דיר זאָגן, אַז איך מיט העלענע זענען חברטעס פון דער פריעסטער קינדהייט אָן. מיר זענען אויפגעוואַקסן אין איין הויף, צוזאַמען אין איין שולע זיך געלערנט. אָבער מיטן כאַראַקטער און געשמאַק זענען מיר נישט די זעלבע. אויב איך האָב ליב גרין, האָט זי ליב רויט און דאָס איז דאָך נאָרמאַל. דאָס קען מען טרעפן אפילו אויך ביי צווילינג־שוועסטערס. אויב דו האָסט מיך פריער געפרעגט צי איך פאַרשאַף אויך אַזוי פיל ליידן דעם מענטשן וואָס איך ליב, האָב איך דיר געענטפערט אַז איך בין נישט ווי זי,

העלענע. איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: העלענע האָט דיך זייער גערן, ווייל דו ביזט נישט קיין פשוט ייִנגל. ס'איז פאַר איר אַ כבוד צו גיין מיט דיר אויף לעשנאָ, כדי צו ווייזן אירע באַקאַנטע מיט וועמען זי גייט און חברט זיך. וואָרעם דו ביזט ביי אַלעמען שטאַרק גע־שעצט און באַליבט. אָבער ליב האָבן אַ ייִנגל, ריכטיק ליבן אים, אָפּגעבן איר האַרץ און זיך פאַרבינדן מיט אימעצן "אויף אייביק", אַזוי ווי זי רופט עס אָן, האָט זי שוין הונדערט מאָל באַדויערט וואָס "דו ביזט נישט געצוג שיין", דאָס זענען אירע אייגענע ווערטער און אויך וואָס דו ביזט נישט קיין בלאָנדער, ווייל זי איז שוואַרץ. זי שטרעבט, חלומט צו האָבן אַ מאָל אַ קינד וואָס זאָל האָבן גאָלד־בלאָנדע לאָקן און דו ביזט אַ ברונעטער... מיט דיר קען זי דאָס נישט דערגרייכן... און זי האָט מיר שוין הונדערט מאָל געזאָגט, אַז נאָר מיט אַ בלאָנד ייִנגל, ווער ער זאָל נישט זיין; מעג ער זיין אַ פּראָסטער בחור, זאָל ער אפילו קיינמאָל קיין בוך אין האַנט נישט האָבן געהאַלטן, מאַכט עס איר נישט אויס. דאָס איז איר געשמאַק. דאָס זאָגט זי, קומט פון האַרצן און כ'גלויב נישט אַז דאָס קען מען ענדערן...

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און מיך געפרעגט:

— און איצט, וואָס נאָך ווילסטו וויסן?

כ'האָב מיך איינגעהאַלטן מיט אַלע קרעפטן כדי נישט אַרויס־צווייזן וואָס מיט מיר טוט זיך. אַז ס'האַרץ ווערט מיר צעשפּרונגען פון ווייטיק און מיט אַ געמאַכטער רואיקייט האָב איך איר געפרעגט:

— און ווער קען מיך פאַרזיכערן אַז דו זאָגסט מיר דעם אמת?...

— כ'קען דיר נאָר זאָגן — האָט זיך עסטושקע אָפּגערופן — אַז איך קען אויסנווייניק דיין ליד "אין אַ כישוף־נאַכט" וואָס דו האָסט איר געשיקט צוזאַמען מיטן קעסטעלע און אַז איך קען אויך פון אויסנווייניק דיין ליד וואָס דו האָסט איר דאָ נישט לאַנג גע־שיקט "שוואַרצע אויגן האָבן פייער" און אויב דו ווילסט, קען איך

דיר פאַרלייענען דיין בריוו וועלכן דו האָסט צו איר געשריבן, אין וועלכן דו בעטסט איר, זי זאָל צו דיר אַרויפקומען.

זי האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט, כדי צו זען דעם איינדרוק פון אירע לעצטע ווערטער און צוגעגעבן:

— זי וועט קיינמאָל צו דיר נישט אַרויפקומען, ווייל זי וויל עס נישט, דו ביזט נישט פאַר איר גענוג שיין און נישט בלאָנד און ווייל זי האָט פשוט מורא... צו זיין מיט דיר אַליין. אין געזעל־שאַפט יאָ, מיט דיר אַליין נישט. ס׳איז אפשר שווער פאַר דיר זיך דאָס צו דערוויסן, אָבער אַזוי איז עס...

— געגנוג — האָב איך געגעבן אַ געשריי.

זי איז גלייך שטיל געבליבן. ס׳קען זיין אַז מיין געשריי איז געווען צו הויך. כ׳האָב מסתמא געמוזט אויסזען ווילד ווען כ׳האָב איר באַפוילן צו שווייגן.

כ׳האָב אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער אַהין און צוריק. עס־טושקע איז געזעסן שטיל און אָבסערווירט מיין אַרומשפּאַנען און מיין אויפגערעגט געמיט. זי האָט אפשר חרטה געהאַט אויף דעם וואָס זי האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט? און אפשר האָט זי געהאַט אַ געוויסע אויסרעכענונג דערביי?... פאַרוואָס האָט זי מיר דער־ציילט, אַז העלענע ליבט מיך נישט?... איבעריקנס, פאַר מיר זענען אירע רייד נישט געווען סתם קיין ווערטער נאָר אַ בייטש, אַ שאַרפע שניידנדיקע בייטש איבער מיין לייב.

כ׳האָב איבערגעריסן דאָס אַרומשפּאַנען איבערן צימער און גע־בליבן שטיין נעבן איר. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנע בעטנדיקן און גלייכצייטיק שולדיקן בליק. כ׳האָב איר בלויז שטיל געזאָגט:

— טו דיך אָן און קום.

אָן מיר צו ענטפערן עפּעס אַ וואָרט, האָט זי אויף זיך אַרויפ־געצויגן איר מאַנטל און לסוף האָט זי זיך אָפּגערופן:

— פונדעסטוועגן מיין איך, אַז דו דאַרפסט מיר זיין דאַנקבאַר פאַר דעם וואָס איך האָב דיר געעפנט די אויגן, כדי זאָלסט דיך

נישט פּייניקן אומזיסט און לאָזן פאַרוועלקן דיין יוגנד. ס׳איז אַ גרויסער שאָד...

כ׳בין מיט איר אַראָפּ, כדי באַגלייטן איר אַהיים, ווי כ׳האָב עס איר פאַרשפּראָכן. כ׳האָב אָנגעטראָפן אויף אַ פּרייע דראָזשקע און כ׳האָב איר געבעטן זי זאָל אַהיימפאָרן אָן מיר. זי האָט צוגע־שטימט און מיר האָבן זיך צעשייד.

כ׳בין צוריק אַרויף צו מיר און מיך אַרומגעדרייט איבערן צי־מער ווי משוגע. כ׳האָב געוואָלט אַלץ צערייסן, צעפּליקן און צע־ברעכן. ס׳איז מיר געווען עפּעס אַזוי ענג, אַז עס האָט מיר אויס־געפּעלט אָטעם. אין די אויערן האָבן מיר כסדר געקלינגען די ווער־טער "נאָר אַ בלאָנדער, ווער ער זאָל נישט זיין". נישט קענענדיק מיך באַרואיקן, האָב איך גענומען די פידל און אָנגעפאַנגען שפּילן. כ׳האָב געוואָלט אויסגיסן מיין צאָרן נישט וויסנדיק צו וועמען. כ׳האָב געשפּילט אָן אויפהער און ס׳האָט זיך געגאָסן אַ קלאָגנדיקע מוזיק.

כ׳ווייס נישט ווי לאַנג כ׳האָב געשפּילט, נאָר ווען כ׳האָב געענ־דיקט האָט מיר אימעצער אַפּלאָדירט. איך דריי מיך אויס און דערזע אַז ברין שטייט ביי דער טיר.

— ברין! וואָס טוסטו דאָ?

— גוט געפרעגט, וואָס איך טו דאָ! וואָס טוסטו דאָ? האָסט פאַרגעסן אַז דו האָסט היינט געהאַט אַ לעקציע? עטלעכע דרייסיק מאַן קומען זיך צונויף, זיי געבן אָפּ זייער צייט און דו שטייסט דיר דאָ און שפּילסט פידל...

— כ׳האָב היינט נישט געקענט קומען. ס׳איז עפּעס געשען, פאַרוואָס כ׳האָב נישט געקענט זיין אויף דער רעפּעטיציע.

— וואָס איז געשען? ווידער די העלענע?

— ניין, נישט העלענע, אַן אַנדערע סיבה...

— וואָס האָסטו עפּעס אַזוי פיל סיבות? פון וואַנען האָבן זיך לעצטנס גענומען צו דיר אַזוי פיל שטערונגען?

נישט וויסנדיק וואָס אים צו ענטפערן, האָב איך מיך סתם אַזוי אָפּגערופן:

— זאָרג נישט, ברין, ס׳וועט נאָך אַ מאָל גוט זיין...

— זיכער וועט גוט זיין — ענטפערט מיר ברין — נאָך דער רעוואָלוציע וועט זייער גוט זיין.

— דו מיט דיין רעוואָלוציע.

— מיין רעוואָלוציע? וואָס איז געשען? דו ביזט געוואָרן אַ קעגנער פון דער רעוואָלוציע? דו ווייסט אַז מאָרגן גייט מען אויף די באַריקאַדן?

— נו, גיי איך גלייך מיט דיר.

— אַזוי, און מיט וואָס וועסטו שיסן אויב מען וועט דאַרפן, מיט דער פידל?

— מיט וואָס וועסטו שיסן?...

— איך? כ׳וועל באָרגן ביי דיר די גיטאַרע!

— כ׳האָב געוווסט אַז דו ביזט אַזאַ שיסער ווי איך.

— וואָס מיינסטו, ווען איך גיב מיט דער גיטאַרע אַ זעץ אַן ענ־דעק איבערן קאָפּ, וואָס מיינסטו וואָלט געווען?

— וואָס עס וואָלט געווען? אַ צעבראָכענע גיטאַרע...

— איך מיין אויך אַזוי...

— אָ, דו מאַכסט מיך לאַכן און כ׳בין שוין גאָר נישט געשטימט היינט צום לאַכן.

— וואָס איז עס היינט געשען? אַלץ די העלענע? פאָלג מיך און מאַך אַ סוף מיט דער דאָזיקער העלענע.

— איך זאָל מיט איר מאַכן אַ סוף? דאָס מאַכט זי אַ סוף מיט מיר.

— אַזוי שטאַרק איז זי?

— ברין, וואָס ווילסטו פון מיר היינט האָבן? לאָמיר רעדן פון עפּעס אַנדערש.

— וואָס איז? ביז איצט האָבן מיר דען וועגן עפּעס גערעדט?

— נו יאָ, ביי דיר אַז מען רעדט נישט פון דער רעוואָלוציע,

הייסט נישט גערעדט. אויב אַזוי, וויל איך דיך פרעגן און טאַקע אַ רעוואָלוציע־פראַגע: נאָך דער רעוואָלוציע וועלן אויך זיין צע־בראָכענע הערצער?...

— כ׳ווייס עס נישט. נאָר בעת אַ רעוואָלוציע, ברעכט מען נישט קיין הערצער, קעפּ פאַרשטיי איך.

— ברין, ווילסטו אפשר עפּעס עסן?

— אַזוי, רעד צו דער זאַך! אוודאי וויל איך עפּעס עסן. האָסט עפּעס וואָס איבערצוכאַפּן?

— יאָ.

— וואָס?

— וואָס דו ווילסט.

— האָסט דיר געמאַכט אַ רעסטאָראַן?...

— וואָס איז מיט דיר היינט?

— אַז דו זאָגסט מיר "וואָס איך וויל". אין אַ רעסטאָראַן ווייס איך, קען מען זיך אויסביטן.

— איך האָב ברויט מיט וווּרשט.

— טאָ רעד אַזוי. גיב אַהער, דערלאַנג!

ברין האָט זיך צוגעכאַפּט צום דערלאַנגטן ברויט מיטן וווּרשט און געגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט, אַז איך בין אים פּשוט מקנא געווען, וואָס ער בענקט נישט נאָך קיינעם, ליידט נישט צוליב קיינעם, איז נישט פאַרליבט אין קיינעם און האָט נישט קיין צרות פון קיינעם.

— נו, האָב איך שוין געגעסן אויך און איצט...

— נו, וואָס ווילסטו טאָן איצט?

— איך מוז אַראָפּ און דו?

— גיי דיר געזונטערהייט. איך בלייב אין שטוב.

— אויב אַזוי האָב־זשע מיר אַ גוטע נאַכט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און דערלאַנגענדיק מיר זיין האַנט, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, גלייך ווי ער וואָלט געוווּסט וואָס ס׳איז דאָ פריער פאָרגעקומען און ר׳איז אַוועק.

כ׳בין געבליבן זיצן ווי צוגעשמידט צו דער שטול. ווידער

איז מיר געקומען אין די געדאַנקען העלענע און אַלץ וואָס עסטושקע האָט מיר דערציילט. זאָל עס זיין אמת? צי קען עס מעגלעך זיין, אַז דאָס אַלץ וואָס עסטושקע האָט מיר דערציילט, זאָל טאַקע אַזוי זיין? איבערטראַכטנדיק גוט אַלע איינצלהייטן, האָב איך נישט גע־צווייפלט אַז ס׳איז אמת; פּונקט ווי איך האָב מורא געהאַט נישט צו פאַרלירן העלענען, אַזוי וויל זי מיט אַלע מעגלעכקייטן מיך אויך נישט פאַרלירן און אויב האָט זי מיר געשריבן די פּאָר ווער־טער און זיך אַנטשולדיקט און אונטערגעשריבן "דיין העלענע", האָט זי עס טאַקע געטאָן, כדי מיך נישט צו פאַרלירן. זי האָט מיך גערן, אָבער נישט מער ווי אַלס אַ חבר. אפשר זאָל עס בלייבן אַזוי? איך מוז דאָך איר נישט זאָגן, אַז עסטושקע האָט מיר אַלץ דערציילט... אַז איך ווייס אַלץ. זאָל איך בלייבן פאַר איר בלויז אַ חבר און ס׳האַרץ?... הייסט עס, אַז אויס טרוים? אויס?... איך האָב גענומען איר פאָטאָ, געקוקט אין אירע אויגן און גערעדט צו איר:

— הייסט עס, אַז דו ווייסט ווי איך האָב דיך ליב. נו יאָ, דיין האַרץ מוז נישט קלאַפּן פאַר מיר. דו ווילסט מיך האָבן נאָר פאַר אַ פריינד, ווייל כ׳בין אַ יינגל מיט אַ נאָמען. באַליבט ביי אַלעמען. מיין ליבע, מיין צאַפּלען פאַר דיר, רירט דיך נישט. דו קענסט נאָר ליב האָבן אַ שענער יינגל, אַ בלאָנדן, וואָס קען דיר אפשר געבן אַ קינד מיט גאָלדענע לאָקן, אָ, העלענאָ, העלענאָ!

כ׳האָב לאַנג געקושט איר פאָטאָ, כ׳האָב געפילט אַז מיינע אויגן זענען פאַרטרערט, פונקט ווי איינער וואָס געזעגנט זיך מיט אימעצן אויף שטענדיק, כדי קיינמאָל זיך מער נישט צו זען. האָב איך, באַטראַכטנדיק נאָך אַ ווײַלע איר פאָטאָ, זי צעריסן און אַוועק־געשליידערט, פּונקט ווי מען וואַרפט אַוועק אַ נישט נויטיק שטיקל פּאַפּיר און כדי נישט מער צו טראַכטן וועגן איר, האָב איך מיך גע־לייגט און פּרובירט איינשלאָפן.

אויף צומאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען זייער פרי און מיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט וואָס האָט אויף מיר געוואַרט, כדי צו פאַרטרייבן און נישט דערלאָזן דאָס טראַכטן וועגן דעם גע־

שענעם פון נעכטן... כ׳האָב געאַרבעט פלייסיק אָן וועלכן ס״איז איבערייס און מיטאָג־שעה, בעת כ׳האָב מיך געקליבן אַראָפּצוגיין, ווי נאָר כ׳האָב געעפנט די טיר, איז מיר מיין ווירטין אַנטקעגנגעקומען און מיך געבעטן כ׳זאָל מיטהאַלטן מיטאָג מיט זיי.

די איינלאַדונג האָט מיך שטאַרק געוווּנדערט און כ׳האָב פּרובירט מיך אָפּזאָגן, אָבער זי האָט מיך נאָך שטאַרקער געבעטן אַנטקעגנקומען איר ביטע און כ׳בין געבליבן.

ביים סערווירן דעם טיש, האָב איך באַמערקט ווי קאַראָלאַ, איר טעכטערל, שטעלט אַוועק אין מיין זייט דעם שענסטן טעלער און בכלל דאָס שענסטע געשיר. זי האָט אויסגעקליבן דעם שענסטן סערוועט און אים אַזוי שיין פאַרמירט, ווי אין די סאַמע בעסטע רעסטאָראַנען. אויך די ווירטין גופא האָט זיך באַמיט מיר צו סערווירן וואָס בעסער. איך האָב נישט פאַרשטאַנען דעם אומגעריכטן יום־טוב וואָס זיי פּראַווען דאָ אין מיטן וואָך און ווען זי האָט זיך ענדלעך אַוועקגעזעצט צום טיש, זאָגט זי מיר:

— ווי שיין איז אַ טיש, ווען אַ מאַן זיצט ביי אים. שוין אַכצן חדשים ווי כ׳בין אַליין מיט מיין קאַראָלאַ און מען לעבט עפּעס אַזוי ווי אויף דערווייל. שוין אַכצן חדשים ווי מיין קראַנקער מאַן איז אַוועקגעפאָרן צו זיין ברודער און ער האַלט מיך אין איין טרייסטן, אַז אָט־אָט און ער ווערט אינגאַנצן געזונט און אַז מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען, אָבער דערווייל לעבט מען נאָר מיט האָפענונג.

זי איז שטיל געבליבן און מיר האָבן פאַרגעזעצט דאָס מיטאָגעסן. כ׳האָב באַמערקט ווי קאַראָלאַ וואַרפט פרעגנדע בליקן צו איר מוטער און ס׳איז מיר געוואָרן קלאָר אַז נישט צוליב די פּאָר געהערטע ווערטער בין איך געוואָרן איינגעלאַדן צום מיטאָג־עסן.

אַז דאָס עסן איז געווען געענדיקט זענען מיר נאָך געבליבן אַ ווילע זיצן. כ׳האָב נישט געהאַט וואָס צו זאָגן און אויך נישט וואָס צו פרעגן. כ׳האָב בלויז באַמערקט ווי קאַראָלאַ וואַרט אומגעדולדיק אויף עפּעס. ביז דער עפּעס איז געקומען:

— איר ווייסט, הער לערער, ווען מיין מאַן איז אַוועקגעפאָרן

און כ׳בין געבליבן אַליין מיטן קינד, מיט מיין קאַראָלאַ אין דער גרויסער וווינונג. האָב איך געטראַכט, אַז כ׳וועל מוזן פאַרדונגען אימעצן אַ צימער, אָבער ווער דער אימעצער וועט זיין, האָב איך דאָך נישט געוווּסט און כ׳האָב מיך אויך געשראָקן דערפאַר.

צום גליק זענט איר עס דער אימעצער... און כ׳מוז אייך זאָגן, אַז כ׳שטעל מיר גאָרנישט פאָר אפילו, ווען מיין מאַן וועט געזונטערהייט צוריקקומען, אַז מיר זאָלן זיך קענען מיט אייך צעשיידן. איר פאַרשאַפט אונדז אַזאַ פרייד און אַזאַ פאַרגעניגן מיט אייער האַלטונג און פאַרשטייט זיך אויך מיט אייער שפּילן. כ׳מוז אייך אויך זאָגן, אַז אייער נעכטיק שפּילן האָט אונדז ביידן פאַרכישופט. איך האָב מיך געזען ווען כ׳בין נאָך געווען אַ יונג מיידל, כ׳בין מיטגעגאַנגען מיט מיינע עלטערן אויף חתונות און געהערט שפּילן. איר האָט מיך דערמאָנט אין מיינע יוגנד־יאָרן, ווען מען איז געגאַנגען אויף קאָנצערטן, ווען מען האָט שפּאַצירט אין די וועלדער מיט געזאַנגען און געלעבט אין ראָמאַנטישע חלומות. איר האָט מיך דערמאָנט אין אַזאַ שיינער צייט וואָס איז פאַרשוווּנדן. איר האָט מיך דערמאָנט אין מיין זיידנס כל נדרי־געזאַנגען. איר האָט מיך דערמאָנט אין אַזוי פיל רירנדיקע מאָמענטן, אַז ס׳איז מיר שווער אייך דאָס איבערצוגעבן. מיין קאַראָלאַ האָט נישט געקענט איינזיצן אויפן אָרט. זי האָט פשוט געצאַפּלט און אונטערגעשפּרונגען. זי האָט אפילו געלאָזט פאַלן אירע לעקציעס פאַר דער שולע. זי האָט געלאַכט און געוויינט און האָט געוואָלט אַריינגיין צו אייך, כדי הערן און אייך זען שפּילן, נאָר דערנאָך האָבן מיר געהערט אַז ס׳איז ווער געקומען צו אייך און איר האָט אויפגעהערט שפּילן.

זי האָט איבערגעריסן און זיך אַביסל אָפּגערוט פון רעדן און געקוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנער מינע און מיט אַביסל געענדערטן טאָן, האָט זי מיך געפרעגט:

— מען קען אַ מאָל אַריינקומען צו אייך?

ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן די סיבה פון דעם איינלאַדן מיך צום עסן און כ׳האָב איר געענטפערט:

— צו מיר קען מען אַריינקומען ווען מען וויל און ווער עס וויל נאָר און אַז עס פאַרשאַפט מיר מער פאַרגעניגן צו שפּילן פאַר אימעצן ווי נאָר פאַר מיר אַליין, איבערהויפּט שפּיל איך גערן פאַר די וואָס האָבן ליב מוזיק.

## 15

דער זומער איז אַוועק אויך די יום־טובים זענען אַדורך. די יוגנד פון דער פּראָווינץ איז שוין לאַנג צוריקגעקומען קיין וואַרשע, מיטברענגענדיק מיט זיך אַ פרישן שטראָם יוגנדלעכע, וואָס זענען געקומען אין דער גרויסער שטאָט זוכן אַרבעט. די קלובן זענען געווען איבערפולט. די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט זיך באַנייט און מיר האָבן געגרייט קאָנצערטן און פאַרשידענע אונטערנעמונגען. ברין איז געוואָרן מיין אימפּרעסאַריאָ; ער האָט מיר געברענגט פאַרשידענע ליסטעס פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווו מיר וועלן דאַרפן אויפטרעטן.

אַ געוויסן אָוונט, ווען ער איז צו מיר אַרויפגעקומען האָט ער מיך באמת דערפרייד, וואָרעם כ׳בין כסדר געווען אַליין. צווייטנס, האָב איך אויך געוווסט אַז ער האָט עפּעס מיר איבערצוגעבן וועגן ווייטערדיקע אַרבעטן.

נאָכן זיך האָבן פאַרשטענדיקט וועגן אַ ריי ענינים זענען מיר ביידע געבליבן אַ ווילע שטיל, ווי מיר וואָלטן שוין גאָרנישט מער געהאַט וואָס זיך צו זאָגן. כ׳האָב מיך אין עפּעס דערמאַנט און כ׳זאָג צו אים:

— ברין, כ׳האָב געשאַפן לעצטנס אַ קאָמפּאָזיציע וואָס כ׳גלויב אַז זי איז נישט קיין שלעכטע זאַך... כ׳האָב זי נאָך פאַר קיינעם נישט געשפּילט און אויף אַן אייגענער שאַפונג איז מען קיינמאָל נישט געווען מבין, וויל איך זי איצט פאַר דיר שפּילן און וועסט מיר זאָגן אויפריכטיק, צי איז דאָס עפּעס ווערט.

— נו, שפּיל. אדרבא, לאָמיר הערן!

כ׳האָב אויסגעזוכט די קאָמפּאָזיציע, גענומען די פידל און אָנ־

געהויבן שפּילן. ברין איז געזעסן שווייגנדיק און זיך צוגעהערט מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט. טיילמאָל האָט ער זיינע בליקן גע־האַט ערגעץ ווייט ווייט און טיילמאָל האָט ער געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט.

אַז כ'האָב געענדיקט דאָס שפּילן, זאָגט ער מיר:

— ס'איז זייער, זייער שיין, נאָר כ'האָב דעם איינדרוק אַז דו וויינסט אַביסל צופיל...

— אָ, אָ, איך האָב ליב אַזאַ מוזיק. געווען ביי מיר אַזאַ שטי־מונג... כ'האָב די קאָמפּאָזיציע געשאַפן ווען ס'האַרץ האָט ביי מיר גוט געוויינט.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. איך עפן אויף. ס'איז געווען קאַראָלאַ, מיין ווירטינס טאָכטער, אָבער אַז זי האָט דערזען ברינען, איז זי געבליבן שטיין אויף דער שוועל נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

— קום אַריין, קאַראָלאַ, קום אַריין.

זי האָט געמאַכט עטלעכע טריט און זיך אָפּגערופן:

— כ'האָב איך געהערט אַזוי שיין שפּילן, בין איך אַריינגע־קומען, ס'מאַכט נישט?

— האָסט זייער גוט געטאָן, קאַראָלאַ. זאָג מיר נישט "איר" נאָר דו, דאָ איז נישטאָ קיין "איר", ווילסט כ'זאָל עפּעס שפּילן?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— וואָס זאָל איך שפּילן?

— כ'ווייס נישט.

— וואָס הייסט דו ווייסט נישט? כ'ווייס דאָך אַז דו ביזט זייער מוזיקאַליש, קענסטו דאָך אַ ריי זאַכן. האָסטו דאָך זיכער אַ פאַרלאַנג זיי צו הערן. נו, וואָס זאָל איך שפּילן?

זי קלערט אַ ווײַלע, פאַרוויטלט זיך און זאָגט:

— כ'ווייס נישט, כ'ווייס באמת נישט.

— אָ, צוויי מאָל שפּילן "כ'ווייס נישט" איז נישט אינטערע־סאַנט. קענסטו נישט קיין לידער וואָס דו ווילסט זיי הערן?

— דאָס וואָס איך קען איז עפּעס אַנדערש. איר אָבער שפּילט

אַזעלכע שיינע זאַכן. שפּילט עפּעס פון אייערע לידער.

— נאָכאַמאָל, קאַראָלאַ, נישט "איר" נאָר דו!

— איך קען נישט אַנדערש זאָגן, איך קען נישט...

— באַמי דיך צו קענען. צו אַ ברודער זאָגט מען נישט 'איר'. אוי, כ'האָב גאָר פאַרגעסן, ברין, זיי באַקאַנט, דאָס איז מיין שוועסטערל, קאַראָלאַ.

ברין שטעלט זיך אויף, אָבער איידער ער דערנענטערט זיך צו איר, איז שוין קאַראָלאַ געווען אויף דער אַנדערער זייט איר.

מיר קוקן זיך ביידע אָן און פרעגן זיך שטומערהייט: "וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? פאַרוואָס איז זי אַנטלאָפן? האָט זי זיך באַליידיקט?..."

ברין זעצט זיך צוריק אַוועק. ער באַטראַכט מיך לאַנג און זאָגט:

— כ'וועל פּרובירן טרעפן פאַרוואָס זי איז אַנטלאָפן. כ'בין פאַרשטייט זיך נישט זיכער אין דעם וואָס כ'גיי דאָ זאָגן, נאָר כ'גלייב דאָך, אַז ס'איז אַזוי: דו האָסט איר פאָרגעשטעלט פאַר מיר אַלס דיינס אַ שוועסטער; איך ווייס נישט וואָס פאַראַ געפילן די קליינע האָט פאַר דיר, יעדנפאַלס איז עס דאָך אַ מיידל און אַלס מיידל קען זי האָבן צו דיר אַנדערע געפילן, ווי דו שטעלסט זיך עס פאָר... מיטן פאָרשטעלן איר אַלס דיינס אַ שוועסטער, האָסטו איר געגעבן אָנצוהערן, אַז דיינע געפילן צו איר, זענען ווי פון אַ ברודער און צו אַ ברודער קומט נישט אַריין אַ שוועסטער אַזוי נישט דרייסט און רויטלט זיך נישט ביים רעדן צו אים און איז אויך נישט אַזוי שעמעוודיק און אַזוי פאַרזיכטיק מיט יעדן וואָרט ווי זי איז געווען. גאַנץ אַנדערש וואָלט עס געווען, ווען דו שטעלסט איר פאָר מיר פאָר פשוט, אַלס אַ שיין מיידל, וואָלסט געזען דעם אונטערשיד...

כ'הויב אָן ווערן אויפמערקזאַם אויף זיינע רייד, עס פאַרדריסט מיך באמת, וואָס די קליינע איז אַנטלאָפן, זי איז אויף מיר מסתמא איצט ברוגז.

— זיי רואיק, ס'וועט פאַרביי אַ קורצע צייט און זי וועט נאָכ־אַמאָל צו דיר אַריינקומען.

באַלד דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט:

— נו, איך מוז גיין. כ'האָב נייטיקע זאַכן צו דערליידיקן — און זאָגנדיק „אַ גוטע נאַכט" איז ער אַוועק.

כ'בין געבליבן זיצן און נאָכגעטראַכט וועגן דעם אומשולדיקן אינצידענט וואָס האָט מיך באמת פאַרדראָסן, וואָרעם דאָס איז דאָך געווען איר ערשטער וויזיט ביי מיר. זאָל עס טאַקע זיין אַזוי ווי ברין האָט געזאָגט? אַז זי איז ווירקלעך אַנטלאָפן דערפאַר ווייל כ'האָב איר פאַרגעשטעלט אַלס מיינע אַ שוועסטער? יאָ, וועגן דעם וועל איך נאָך גאַנץ לייכט מיך קענען איבערצייגן, ווען זי וועט ווידעראַמאָל אַריינקומען צו מיר.

ס'זענען אַדורך איניקע טעג. כ'האָב געהאָפט אַז קאַראָלאַ וועט אַריינקומען. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז נישט דערפאַר כ'זאָל האָבן געבענקט נאָך איר, נאָר כ'האָב מיך שלעכט געפילט פון געדאַנק, אַז אימעצער איז אויף מיר ברוגז און כ'האָב געפּרוווט אַריינגאַרן צו מיר דאָס פייגעלע מיטן אָנהויבן שפילן ווי נאָר כ'האָב געוווסט, אַז זי איז אין שטוב. זי איז אָבער נישט אַריינגעקומען.

אַ געוויסן אָוונט האָב איך געשפילט מיין קאָמפּאָזיציע. די פידל האָט געוויינט. אין מיטן שפילן, האָב איך געהערט לייכט אָנקלאַפּן אין טיר. כ'האָב מיך נישט אָפּגערופן און ווייטער געשפילט. כ'האָב געהערט ווי קאַראָלאַ איז אַריינגעקומען און איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע. כ'בין כסדר אַנגעגאַנגען מיט מיין שפילן און אַז כ'האָב געענדיקט, האָב איך מיך צו איר אויסגעדרייט און סימולירט אַ געוויסע איבער־ראַשונג פון דעם וואָס איך זע איר ביי מיר אין צימער. דערנאָך האָב איך מיט אַ ליבלעך שמייכל איר באַגריסט:

— גוט אָוונט דיר, קאַראָלאַ.

— א גוטן אָוונט אייך, הער לערער — האָט זי זיך אָפּגערופן. כ'האָב באַמערקט ווי אירע ליפּן באַוועגן זיך אויף צום שמייכלען.

אַ זאַך וואָס האָט איר זייער געקליידט, אָבער זי האָט דעם שמייכל נישט אַרויסגעבּרענגט.

— נו, ווי געפעלט דיר דאָס וואָס איך האָב איצט געשפּילט?

— אויסגעצייכנט! — זאָגט זי מיר מיטן זעלבן טאָן.

— ווייסטו אַז דאָס איז מיינס אַן אייגענע קאָמפּאָזיציע?

— אָ, מיין אַנערקענונג, זי איז זייער שיין — באַשטעטיקט זי נאָכאַמאָל.

איך באַטראַכט איר, גלייך איך וואָלט איר איצט געזען צום ערשטן מאָל און ווירקלעך זע איך איר איצט צום ערשטן מאָל. אויב כ'האָב מיר דערלויבט אויף דעם אומשולדיקן שפּאָס און איר פאַר־געשטעלט פאַר ברינען אַלס מיינס אַ שוועסטערל, האָב איך עס דאָך געטאָן ווייל כ'האָב איר געהאַלטן פאַר אַ קינד און איצט, זע איך באמת אַז עס שטייט פאַר מיר אַ זיבעצן־יעריק רייף און רייצנ־דיק מיידל וואָס שמייכלט אַזוי קאָקעטיש מיט אירע שיינע בלויע אויגן און רייצנדיקע ליפּן, וועלכע בעטן זיך פּשוט מען זאָל זיי קושן.

נישט וועלנדיק פאַרלירן צופיל צייט אויף גאַרנישט, וואָרעם כ'בין באמת געווען נייגעריק צו וויסן און זיך איבערצייגן צי ברין איז גערעכט געווען, האָב איך איר געפרעגט:

— נו, קאַראָלאַ האָסט שוין עפּעס אויסגעקליבן וואָס איך זאָל פאַר דיר שפּילן?

— ניין, — האָט זי זיך אָפּגערופן.

— און ווען וועסטו אויסקלייבן?

— איך האָב נישט וואָס אויסצוקלויבן — האָט זי האַלב פאַר־שעמט געזאָגט — ווען איך זאָל קענען אייערע קאָמפּאָזיציעס, וואָלט איך אפשר געקענט קלויבן. אָבער איר שפּילט אַזעלכע הערלעכע זאַכן, איז שפּילט עפּעס פון אייערע קאָמפּאָזיציעס.

כ'האָב פאַר איר געשפּילט אייניקע ראָמאַנסן און כ'האָב געזען אַז זי איז אויסערגעוויינלעך מיטגעריסן און אַז כ'האָב אַוועקגעלייגט די פידל אַלס סימן אַז כ'האָב געענדיקט, האָט זי מיך הייס אַפּלאָ־דירט.

כ׳האָב איר געפרעגט:

— דאָס זענען ראָמאַנסן וואָס כ׳האָב געשפּילט ספּעציעל פאַר דיר. ווי אַזוי זענען זיי דיר געפעלן?

— ווונדערבאַר, ווונדערבאַר! — האָט זי עטלעכע מאָל אויס־גערופן.

כ׳האָב געטראַכט, אַז איצט וועל איך פּרובירן מיך איבערצייגן אין דער אמתער סיבה פון איר אַנטלויפן פון מיר; כ׳האָב מיך דערנענטערט צו דער טיר, כדי ביי איר אָפּצונעמען די מעגלעכקייט פון אַנטלויפן און מיך אָפּגערופן:

— קענסט אַריינקומען ווען נאָר דו ווילסט און כ׳וועל פאַר דיר שפּילן, ווייל פאַר אַ שוועסטער...

כ׳האָב נישט באַוויזן צו ענדיקן, אַז זי הויבט זיך שנעל אויף און לויפט צו דער טיר. כ׳בין אָבער געווען ביי דער טיר פריער פון איר און לאָז איר נישט אַרויס. זי הויבט זיך מיט מיר אָן צו אַמפּערן. איך הייב איר אויף ביי דער טאַלע און טראָג איר אַוועק אין מיטן צימער. זי אַמפּערט זיך נאָך אַלץ, נאָר איך האַלט איר פעסט און גיב איר אַ קוש. זי קוקט מיך אַ ווייַלע אָן און אומגעריכט באַקום איך פון איר אַ פּאַטש און זי לויפט אַרויס פון צימער.

מיט דעם דאַזיקן זשעסט אירן, האָט זי זיך טאַקע אויפגעפירט ווי אַ רייפע, דערוואַקסענע פרוי. כ׳האָב געטראַכט, ווי קום איך דאָס צו טאָן? איר צו געבן אַ קוש. ס׳איז דאָך גענוג געווען דאָס האָבן מיך איבערצייגט אַז טאַקע צוליבן וואָרט ״שוועסטער״ האָט זי געוואָלט פאַרלאָזן דאָס צימער. וועט זי נאָכאַמאָל צו מיר אַריינ־קומען?

ס׳זענען פאַרביי עטלעכע טעג און קיינער איז צו מיר נישט געקומען. כ׳בין כסדר געווען אַליין ווי אַן אַרעסטאַנט. פיל מאָל האָב איך געטראַכט צו גיין אויף דער לעשנאַ, צו זען ווי אָט די צוויי מיידלעך... העלענע און עסטושקע שפּאַצירן צוזאַמען... וואָס וועלן זיי זאָגן, ווען זיי וועלן מיך זען?... כ׳האָב מיך באַהערשט און נישט געגאַנגען אַהין. כ׳האָב נישט געהאַט וואָס צו צווייפלען אין דעם

אמת פון די רייד וועלכע עסטושקע האָט מיר איבערגעגעבן. וואָרעם עס זענען שוין פאַרביי אַזוי פיל וואָכן און נישט העלענע איז גע־קומען צו מיר און נישט זי האָט זיך פּרובירט אַנטשולדיקן פאַר איר נישט קומען. כ׳בין געווען צופרידן אַז ס׳איז געקומען דער אָוונט און כ׳בין געגאַנגען אויף די לעקציעס. אַביסל געטוישט די אַטמאָס־פערע און פון דאָרט, גלייך צוריק צו מיר.

איינמאָל בעת מיין אַהיימקומען, הער איך אַ לייכט אָנקלאַפּן ביי מיר. ס׳קומט אַריין קאַראָלאַ. זי בלייבט שטיין ביי דער טיר, איז נישט דרייסט ווייטער אַ טריט צו שטעלן. מיר קוקן זיך אָן אַ לענגערע ווילע, ביז זי פרעגט מיך:

— איך שטער אייך נישט?

— פאַרקערט — זאָג איך — דו דערפרייסט מיך מיט דיין וויזיט צו מיר.

מיין ענטפער האָט איר צוגעגעבן מוט. זי האָט געמאַכט עט־לעכע טריט, זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קאַנאַפּע און ווידער געפרעגט:

— כ׳מעג מיך זעצן?

— קאַראָלאַ, ווי פאַלט דיר איין אַזעלכעס צו פרעגן? דו ביזט ווי ביי דיר גופא און מאַך ווי ס׳איז דיר באַקוועם.

זי האָט זיך געזעצט און געקוקט אויף מיר עטוואָס פאַרשעמט, איך בין געשטאַנען און געוואַרט אויף דעם וואָס זי האָט בדעה צו זאָגן. ס׳איז געווען אַ מאָדנע סצענע: איך האָב געוואַרט זי זאָל עפּעס זאָגן און אפשר זי אויך דאָס זעלבע, ביז זי האָט ענדלעך אַרויס־געבראַנגט פון זיך די ווערטער:

— איך האָב געבעטן, די האַנט זאָל מיר ווי טאָן און מיין געבעט איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

— ווייז נאָר די האַנט אויף וועלכער דו האָסט אַזעלכעס גע־בעטן!

זי קוקט מיך אָן און ווייזט מיר די רעכטע האַנט.

איך נעם אָן איר האַנט און זאָג איר:

— אויף אַזאַ שיינער האַנט, בעט מען זי זאָל ווי טאָן? — און

איך קוש איר די האַנט. זי ווערט זיך נישט. כ׳האָב צוריק אָפּגעלאָזט די האַנט און כ׳וואַרט וואָס דאָס שיינע מיידל וועט מיר נאָך זאָגן.

זי האָט אַ לענגערע צייט געשוויגן און לסוף האָט זי זיך אָפּגערופן:

— איך באַדויער שטאַרק און האָב עגמת נפש אויף מיין באַריי־שער האַנדלונג, אויף מיין ווילדקייט. ווי האָב איך געוואַגט אַזעלכעס צו טאָן? איך קען עס מיר נישט שענקען. וואָס פאַראַ מיינונג קענט איר שוין האָבן וועגן מיר.

זי איז שטיל געבליבן און איך פרעג איר:

— און וואָס נאָך האָסטו מיר צו זאָגן?

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און מיך אָנגעקוקט.

— איין מעלאָדיע פון די וועלכע איר האָט געשפּילט פאַר מיר דאָס לעצטע מאָל, לאָזט מיך נישט צורו; נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. איך שטוב און אין דער שולע זינג איך אין געדאַנק בלויז איין פּאַסאַזש פון דעם ליד און קען מיך נישט מער דער־מאַנען. ס׳איז אפשר נאַריש, אָבער זי פּייניקט מיך.

איך וויל אָנהויבן שפּילן נאָר זי לאָזט נישט:

—ניין, איך וויל פריער וויסן צי איר זענט נישט מער בייז אויף מיר...

— קאַראָלאַ! ווער האָט דיר געזאָגט אַז איך בין אויף דיר בייז? פאַרגעס נישט, אַז איך האָב דאָך אויך געהאַנדלט נישט ווי מען דאַרף... דאַרפסטו דאָך אויף מיר אויך זיין בייז.

זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט און געזאָגט:

— אויב אַזוי איז קוויט?...

— קוויט! — האָב איך געענטפערט און מיר האָבן זיך גע־געבן די הענט.

זי איז מיטאַמאָל געוואָרן גאָר אַן אַנדערע און אָן מיך עפּעס צו פרעגן האָט זי אָנגעהויבן זינגען די "מרוטשאַנדע" פון "סאַלוועג׳ס ליד".

— דאָס מיינסטו, קאַראָלאַ?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

האָב איך עס פּאַר איר געשפּילט. זי האָט געקוואָלן און מיט־גענוגעצן און מיך פאַרזיכערט, אַז איצט וועט זי עס שוין מער נישט פאַרגעסן. אַ גאַנצע נאַכט וועט זי זינגען. זי האָט זיך געזעגנט דער־לאַנגענדיק מיר איר האַנט און אַ צופרידענע איז זי אַריין צו זיך.

# 16

אויף צומאָרגנס פרי איז איר מוטער, מיין ווירטין, צו מיר אריינגעקומען און מיך געפרעגט צי איך קען איר שענקען אַ פּאָר מינוט? זי האָט עפּעס נייטיקס מיט מיר צו רעדן.

כ׳בין געוואָרן אומרואיק; וועגן וואָס אַזעלכעס קען זי האָבן מיט מיר צו רעדן? זאָל עס זיין צוליב קאַראָלאַ? אפשר דערפאַר וואָס כ׳האָב איר געגעבן אַ קוש?... פאַרשידענע געדאַנקען זענען מיר אין דער מינוט אַדורכגעלאָפן אין געדאַנק, וואָרעם דער אויס־דרוק פון איר פּנים איז געווען ביז גאָר ערנסט; מיט אַ געצווינגען שמייכל האָב איך מיך אָנגערופן:

— ביטע, זעצט אייך, כ׳בין גרייט אייך אויסצוהערן. אין וואָס האַנדלט זיך עס?

זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול און אָפּזיפּצנדיק, האָט זי אָנגעהויבן:

— הער לערער, אייך איז גלויב איך באַקאַנט, אַז מיין מאַן איז שווער קראַנק געווען און האָט געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע. ער איז געפאָרן צו זיין ברודער וואָס האַנדלט מיט וועלדער אין דער לובּלינער געגנט. שוין צוויי יאָר אַז ער געפינט זיך דאָרט. היינט האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון מיין מאַן. ער שרייבט מיר אַז ער איז שוין פולקאָם געזונט און אַז ער איז געוואָרן אַ שותף צו זיין ברודערס וועלדער. אַז עס גייט אים נישט שלעכט און אַז ער האָט שוין פאַר אונדז אָנגעגרייט אַ דירה. ער שרייבט מיר, כ׳זאָל מיך צוגרייטן צו פאַרלאָזן וואַרשע און קומען מיטן קינד, מיט קאַראָלאַן דאָרט אַהין, ווו ס׳וועט אונדז זיין זייער גוט און מיר וועלן האָבן

פון אַלעם בעסטן און ווו כ׳וועל צוריק האָבן מיין מאַן, ער זיין פרוי און קאַראָלאַ איר פאָטער.

— איך מוז אייך זאָגן — האָט זי פאַרגעזעצט — אַז אויף אַזאַ בריוו וואַרט איך שוין זייער לאַנג און טאַקע דערפאַר בין איך גע־קומען אייך זאָגן, אַז איך וועל מוזן פאַרקויפן די דירה. איך ווייס אָבער נישט ווער עס וועט זיין דער קויפער; אויב אַ גרויס גע־זינדל ווייס איך נישט צי איר וועט קענען דערהאַלטן און בלייבן אין דעם צימער וועלכעס איר פאַרנעמט. דערפאַר טאַקע בין איך געקומען אייך זאָגן וועגן דעם. עס קען זיין אַז איר וועט מוזן פאַר־לאָזן דאָס צימער. די זאַך איז נאָך נישט אויף מאָרגן; עס קען נאָך דויערן אַ חודש און אפשר צוויי חדשים, נאָר כ׳האָב עס אייך געמוזט זאָגן וואָס פריער. דאָס הייסט, ווי נאָר כ׳האָב דערהאַלטן דעם בריוו.

זי איז שטיל געוואָרן און האָט אויף מיר געקוקט מיט גרויס באַדויערן צוליב דער פאַרשטייענדיקער צעשיידונג.

ביידע האָבן מיר געשוויגן. זי איז געזעסן אויף איר שטול ווי אַ שולדיקע אין דער פאַרשטייענדיקער ענדערונג. לויט דעם אויסדרוק פון איר פנים האָב איך געזען, אַז ס׳איז איר נישט געווען לייכט מיר צו זאָגן אַז כ׳וועל מעגלעך דאַרפן אין קורצן פאַרלאָזן דאָס צימער.

דערהערנדיק אין וואָס עס האַנדלט זיך, אַז כ׳וועל דאַרפן פאַר־לאָזן די וווינונג, האָב איך די פאַרשטייענדיקע ענדערונג אָפּגעפילט זייער ווייטיקלעך; און כ׳האָב עס אַזוי אָפּגעפילט נישט אַזוי דער־פאַר וואָס איך וועל דאַרפן פאַרלאָזן דאָס צימער, ווי דאָס פאַרלירן קאַראָלעס געזעלשאַפט, וואָרעם איר אַריינקומען צו מיר אין די אָוונטן, נאָך מיין טאָג־טעגלעכער איינזאַמקייט, איז מיר געווען אַנגענעם און מיר פאַרשאַפט אַביסל פרייד. שוין דער געדאַנק פון איר קומען אין אָוונט, האָט מיר פאַרגרינגערט די איינזאַמקייט פון טאָג. אוודאי האָב איך נישט געקענט רעדן וועגן מיינע געפילן און נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, האָב איך איר געענטפערט:

— נו, וואָס קען מען זיך העלפן? איר וואַרפט דאָך מיך נישט אַרויס, ווייל איר ווילט מיך אַרויסוואַרפן. ס׳איז דאָך אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז ווי נאָר איר וועט האָבן פאַרקויפט די דירה, זענט איר דאָך נישט מער די בעל־ביתטע איבער איר; מאַכט אייך נישט קיין צרות וועגן דעם; איינס פון די צוויי... אָדער איך וועל בלייבן מיט די נייע בעלי־בתים, אָדער איך וועל מיר דאַרפן זוכן אַן אַנדער צימער.

דאָס איז אַלץ וואָס כ׳האָב איר געזאָגט, נאָר כ׳האָב פלוצים דערפילט אַז קאַראָלעס אַוועקפאָרן איז פאַר מיר געווען ערגער ווי טױשן הונדערט צימערן.

און נאָך אַ ווײלע פון אונדזער בײדנס שווײגן, האָט זי זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט, זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און אַרײן צו זיך. זי איז אָבער באַלד צוריקגעקומען און מיך געבעטן נישט צו רעדן וועגן דעם מיט איר קינד; אַז... קאַראָלאַ דאַרף דערווייל נישט וויסן, נישט פונעם בריוו פון איר פאָטער און אויך נישט וועגן דעם אַז זי וועט אין קורצן פאַרלאָזן וואַרשע און בכלל, אַלע אירע חבר־טעס און באַקאַנטע צו וועלכע זי איז אַזוי געוווינט און צוגעבונדן פון איר קינדהייט אָן.

נאָך איר פאַרלאָזן דאָס צימער, בין איך געבליבן זיצן פונקט ווי איינער וואָס כאַפּט זיך אויף פון אַ שלאָף נאָך אַ שווערן חלום און פּרובירט פאַרשטיין, צי האָט זיך עס אים נאָר געחלומט, אָדער איז עס געווען אַן אמת. פונקט אַזוי האָב איך אויך נאָכ־געטראַכט מכוח דעם וואָס כ׳האָב מיך נאָר־וואָס דערוווסט. ווי לאַנג איז עס גאָר, אַז איך האָב געהאַט דעם וויזיט פון עסטושקען? אַ וויזיט וואָס האָט מיר אונטערגעהאַקט און פאַרשניטן אַלע מיינע זיסע האָפענונגען פונקט אַזוי ווי מען שנייד אונטער מיט אַ קאָסע דאָס קאָרן פון פעלד; איז איצט איז נאָכגעקומען דער וויזיט פון מיין װירטין, וואָס האָט מיר דערציילט וועגן דעם דערהאַלטענעם בריוו פון איר מאַן, אַ בריוו וואָס איז ביי איר געווען די גרעסטע פרייד, אָבער פאַר מיר?... איך בין לאַנג געבליבן זיצן אַזוי פאַרטראַכט.

וואָס איך האָב געטראַכט ווייס איך נישט גענוי; וועגן פרייד, טרויער און איינזאַמקייט. כ׳האָב געטראַכט פון פיל פיל זאַכן... און מיך נישט געקענט נעמען צו מיין אַרבעט.

און אַרבעט האָב איך גראָד געהאַט זייער פיל, נאָר די האַנט האָט זיך נישט געלייגט צום שרייבן. ערשט פאַרנאַכט, נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר אָן אַ ציל, האָב איך נאָך אַ גרויסער אָנשטרענגונג מיך גענומען צו דער אַרבעט, אָבער נישט אויף לאַנג, וואָרעם באַלד האָט אימעצער אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר און פרעגנדיק זיך אויף מיין נאָמען, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ צעטעלע, וואָס איז געווען איינגעלייגט און שטאַרק צעקנייטשט און ר׳איז אַוועק. ס׳האָט אַביסל געדויערט ביז איך האָב דאָס צעטעלע פונאַנדערגעוויקלט. איך לייען די פּאָר אָנגעצייכנטע ווערטער און עס הויבט מיר אָן מישן אין קאָפּ און שווינדלען פאַר די אויגן. איך פאַל אַרויף אויף אַ שטול און לייען איינמאָל און נאָכאַמאָל. פון דעם בריוול דערוויס איך מיך, אַז מיין חבר, מיין טייערן חבר ברין האָט מען היינט אַרעסטירט ביי אַ געוויסער אַקציע... כ׳האָב געהאַט אַ געפיל פון וועלן לויפן, שרייען, נאָר געבליבן זיצן אין מיין אומבאַהאָלפנקייט, רופנדיק אָן אויפהער, ברין, ברין!

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן און ווי לאַנג איך האָב אַזוי גערופן אין מיין איינזאַמקייט, דעם פאַר מיר טייערן נאָמען ברין... לסוף האָב איך דערפילט אַז איך קען נישט מער קיין וואָרט אַרויסברענגען פון האַלז. עפּעס האָט מיך גענומען שטיקן, עס האָט מיר אויסגעפעלט לופט צום אָטעמען און האָב געטראַכט:

— פאַרוואָס איז דער גורל אַזוי גרויזאַם צו מיר? פאַר־וואָס באַקום איך איינס נאָך דאָס אַנדערע, אַזעלכע שטאַרקע, אַזעל־כע אומרחמנותדיקע קלעפּ? פאַרוואָס די אַלע אָנשיקענישן וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויף מיר? פאַרוואָס? ס׳איז מיר געוואָרן שרעקלעך שווער און כ׳האָב באַקומען אַ פאַרלאַנג זיך צו טוליען

צו אימעצן... זיין ווי אַ קליין קינד און זיך טוליען צו דער מוטערס ברוסט און אויך וויינען ווי אַ קינד.

כ׳האָב מיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט נישט וויסנדיק וואָס מיט זיך צו טאָן און אָן צו טראַכטן, האָב איך מיך געווענדעט צו דער פידל, דאָס איינציקע מיטל וואָס איך האָב פאַרמאָגט, די איינציקע היילונג.

כ׳האָב אָנגעפאַנגען צו שפּילן, נישט וויסנדיק אַליין וואָס און אַזוי ווי איך גופא האָב נישט געקענט וויינען, האָט די פידל געוויינט פאַר מיר. די גאַנצע בענקשאַפט מיינע האָב איך אויסגעגאָסן דורך דער פידל.

שפּילנדיק, האָב איך נישט געהערט אַז ס׳איז ווער צו מיר אַריינגעקומען. כ׳האָב פּלוצים דערהערט אַ לייכטן זיפץ. כ׳האָב מיך האַסטיק אויסגעדרייט; אויף דער קאַנאַפּע איז געלעגן מיין ווירטינס טאָכטער קאַראָלאַ, אַ באַזוך וואָס האָט מיך ביז גאָר דערפרייט.

כ׳האָב נישט געוווסט ווי אַזוי און מיט וואָס איר צו דאַנקען פאַר איר איצטיקן וויזיט און כ׳האָב מיך צו איר אָפּגערופן:

— זאָג וואָס דו ווילסט און כ׳וועל פאַר דיר שפּילן!

— שפּילט — זאָגט זי — שפּילט וואָס איר ווילט. אייער שפּילן פאַרכישופט.

כ׳האָב אַוועקגעלייגט די פידל און גענומען די גיטאַרע. כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון דער קאַנאַפּע, האַרט נעבן איר און אָנגעהויבן שטיל צו שפּילן די סערענאַדע "ביים קאַמין".

אין צימער איז געווען טונקל. די קלאַנגען פון דער גיטאַרע און די סענטימענטאַל־האַרציקע מעלאָדיע האָט האַרמאָנירט מיט דער אָפּגעפילטער שטימונג. כ׳האָב געשפּילט שטיל און געקוקט אויף דעם מיידל וואָס איז איצט געלעגן אויף דער קאַנאַפּע און געזען אירע אויגן גליען און אַז אירע ליפּן ציטערן פון אַן אינערלעכער אויפטרייסלונג און מאָדנע, זי איז איצט געווען רייצנדיק שיין. כ׳האָב געפילט אַז זי שטעקט מיך אָן מיט אַ הייסן באַגער

איר צו צערטלען. כ׳האָב איבערגעריסן דאָס שפּילן. אַוועקגעשטעלט די גיטאַרע אויף דער ערד אַנשפּאַרנדיק זי אין דער וואַנט. כ׳האָב מיך אויסגעדרייט צו איר און מיט אַ ציטערנדיקער האַנט איר אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים.

כ׳האָב געפילט אַן עלעקטרישן שטראָם גיין איבער מיין לייב. אויך קאַראָלאַ גופא האָט איבערגעלעבט עפּעס ענלעכעס, וואָרעם זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר אירע הענט, זיי פאַרוואָרפן אַרום מיין האַלדז, מיך צוגעצויגן צו זיך. אירע ליפּן האָבן זיך איינגע־געסן אין מיינע.

אַ ליידנשאַפטלעכער פלאַטער האָט אונדז אַרומגענומען. אונד־זערע קושן זענען געוואָרן אַלץ הייסער און אונדזערע ליפּן האָבן זיך איינגעזויגן אין אַנאַנדער. ס׳איז אַנטשטאַנען צווישן אונדז אַ מין קאַמף פאַר איבערשטייגן איינער דעם אַנדערן מיט די שטאַרקייט פון יעדנס קוש באַזונדער און מיט די זאַפטיקייט פון אונדזערע ליפּן.

ווער ווייס ווי לאַנג דאָס פאַרגעסן זיך אונדזערס וואָלט אָנגע־האַלטן און וווהין עס וואָלט אונדז דערפירט, ווען עס געשעט נישט פּלוצים אַזאַ פּשוט אָבער דאָך אַזאַ אומגעריכט אומפאַלן פון דער גיטאַרע, וואָס האָט זיך אַ גליטש געטאָן פון איר אָרט, אומגעפאַלן אויף דער ערד מיט אַ שטאַרקן בראַזג פון אירע סטרו־נעס, וואָס האָבן זיך צעקלונגען איבערן צימער און וואָס האָט אונדז פּלוצים דערמאָנט אין דער רעאַליטעט...

אַביסל איבעראַשט פון דעם געשעענעם וואָס מיר האָבן אָנגע־הויבן רעאַליזירן, האָבן מיר זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון איינאַנאַנדער און אין פאַרלעגנהייט האָבן מיר ביידע אַ געוויסע צייט געשוויגן.

אין צימער איז געוואָרן גוט טונקל.

ענדלעך האָט קאַראָלאַ מיט אַ שטילער שטימע זיך אָפּגערופן:

— כ׳בין געלעגן אַ לענגערע צייט אויף דער קאַנאַפּע און געהערט דיין שפּילן. איך בין געווען באַצויבערט. דו באַזיצסט אַזאַ כּוח אין שפּילן אַז... אַז דו וועקסט אויף אין מיר מאָדנע

געפּילן... דו וועקסט אויף אין מיר די הייסטע באַגערן. די לעצטע טענער פון דער גיטאַרע זענען געווען פונקען... הייסע פייער־פונקען האָבן געשפּריצט פון אונטער דיינע פינגער. זיי האָבן מיר געטראָפן גלייך אין האַרצן אַריין און מיך אָנגעצונדן...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און ווי אין עפּעס שולדיק, האָט זי פאַרגעזעצט:

— כ׳האָב געפלאַמט... און דו האָסט פּרובירט דאָס פייער צו לעשן... אָבער די גיטאַרע איז געווען אונדזער שומר...

זי האָט אָפּגעהאַקט. טראָץ דער איינגעשטעלטער פינסטערניש, האָב איך געפילט אירע בליקן אויף מיר.

מיין צערודערונג פון דעם נאַר־וואָס געשעענעם האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. כ׳האָב געהערט אירע רייד און נישט געוווסט וועגן וואָס פריער צו שטוינען. אין דער פינסטערניש האָב איך אָנגענומען איר האַנט און מיך אָפּגערופן:

— קאַראָלאַ! איך האָב דיך כסדר געהאַלטן פאַר אַ קינד, יאָ, פאַר אַ קינד, פאַר אַ גאַר יונג מיידעלע. כ׳האָב דיך אַזוי געזען צוליב דיין האַלטונג און באמת קינדערישן חן און אפילו אויך צוליב דיין גיין טאָג־טעגלעך אין דער שולע אַריין, אין דיין גימ־נאַזיע. אוודאי, איך ווין שוין ביי אייך אַזוי לאַנג און אין מיינע אויגן, ביזטו כסדר אַזוי ווי כ׳האָב דיך געזען דעם ערשטן טאָג פון מיין אַריינציען זיך צו אייך און יעדעס מאָל, אַז דו פלעגסט מיר אַריינברענגען פון צייט צו צייט אַ גלאָז טיי, פלעגסטו אַזוי שנעל און שעמעוודיק פאַרלאָזן מיין צימער. כ׳האָב אפילו נישט געהאַט ווען דיך ריכטיק צו זען, דיך צו באַטראַכטן... כ׳האָב דיך געהאַלטן פאַר מיינס אַ יונג שוועסטערל; אַ זאַך וואָס האָט דיך אַביסל באַליידיקט... איצט זע איך אַז כ׳האָב דיך שלעכט פאַר־שטאַנען און אַביסל נישט דערשאַצט. כ׳האָב וועגן דיר אינגאַנצן נישט געטראַכט אַלס פרוי און אָט איז געשען דאָס... וואָס ס׳איז געשען און דו, וואָס ביזט ביז איצט געווען פאַר מיר די סאַמע ווייטסטע, ביזטו גאָר איצט מיר געוואָרן די סאַמע נאָענטסטע...

כ׳ווייס נישט מיט וואָס איך וועל דיר קענען אָפּדינען פאַר דיין געזעלשאַפט וואָס דו שענקסט מיר לעצטנס און פאַר דעם וואָס דו האָסט זיך איצט באַוויזן ביי מיר. נישט אַנדערש נאָר אַ מלאך האָט דיך צו מיר אַריינגעשיקט אין אַ מאָמענט פון די העכסטע ליידן, ווען ס׳האַרץ מיינס האָט געהאַלטן ביים אויסגיין נאָך אי־מעצן... ווען כ׳בין געווען אויף דער העכסטער שטופע פון פאַר־צווייפלונג.

— מיין האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט וויינען, — האָב איך כסדר גערעדט צו איר — אַז כ׳האָב אָנגעהויבן שפּילן, אָבער... מיין שפּילן האָט מיר דאָס מאָל נישט געבראַנגט קיין באַרואיקונג. וואָס מער כ׳האָב געשפּילט, אַלץ מער האָב איך געליטן פון בענק־שאַפט און איינזאַמקייט און אַז כ׳האָב דיך דערזען, האָט מיין האַרץ, ווי מערקווירדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, מיטאַמאָל אויפגעהערט צו וויינען; פאַרקערט ס׳האָט אָנגעהויבן קלאַפּן פון פרייד. דו ביזט געווען מיין דערלייזערין, מיין מלאך; בין איך צו דיר צו ווי אַ שווער דורשטיקער וואָס דערזעט אַ קוואַל... כ׳ווייס נישט ווי אַזוי דיר צו דאַנקען פאַר דיין איצטיקן וויזיט ביי מיר!

קאַראָלאַ האָט געקוקט אויף מיר מיט וואַרעמע בליקן. זי האָט אפשר געוואַרט כ׳זאָל נאָך רעדן; איר דערציילן וועגן זיך. נאָר אַז איך בין שטיל געבליבן, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— דיין שפּילן האָט מיך געפּאַנגען און כ׳בין אַריין צו דיר. כ׳האָב דערקענט אין די טענער דיינע אַז דוליידסט און כ׳האָב געוואָלט שטילן דיינע ליידן. כ׳בין געווען גרייט צו טאָן פאַר דיר דאָס אוממעגלעכסטע. שוין חדשים לאַנג ווי איך הער דורך דער וואַנט דיין שפּילן און כ׳מוז זיך דיר מודה זיין, אַז מיט דיין יעדן שפּילן צינדסטו אָן ביי מיר אַ פונק, ביז די אַלע פונקען האָבן זיך צעפלאַמט...

זי האָט איבערגעריסן אירע רייד. אַ ווײַלע וועגן עפּעס נאָכ־געטראַכט און פאַרגעזעצט:

— ס׳איז פאַר מיר אַ כבוד דיך צו האָבן פאַר אַ פריינד.

דו ביזט אַ טייער ייִנגל און ס׳טוט מיר ווי דער געדאַנק אַז דו ליידסט, אַז עפּעס פּייניקט דיך. וואָלטסטו מיר נישט דערציילט פאַרוואָס דו ליידסט אַזוי פיל?

איך האָב איר אָנגעהויבן דערציילן וועגן מיין חבר ברין; אַז זיין אַרעסט איז פאַר מיר אַ שווערער קלאַפּ, וואָס כ׳פיל עס זייער וויטיקלעך אָפּ און דערנאָך ערשט. האָב איך איר אין זייער פאַרזיכטיקע ווערטער, אָנגעהויבן דערציילן וועגן... העלענען; וויפל איך בענק נאָך איר. אַלע מיינע האָפענונגען און פאַנטאַזיעס... און ווי אַזוי מיינע חלומות, פאַנטאַזיעס און האָפענונגען זענען מיר געווען טייער און אַז איצט איז אַלץ געענדיקט... אַז איצט בין איך איינזאַם אַליין און מיינע ליידן זיינען גרויס. דריי נאָענטע, טייערע מענטשן האָב איך געהאַט און אַלע דריי כמעט אין דער זעלבער צייט פאַרלוירן.

כ׳בין אַנטשוויגן געוואָרן. אויך קאַראָלאַ האָט געשוויגן. מיך גאָרנישט נישט געפרעגט מער. אפשר האָט זי געוואָרט כ׳זאָל איר דערציילן אויך וועגן דער דריטער פּערזאָן צוליב וועלכער איך ליידט, אָבער נישט הערנדיק פון מיר גאָרנישט מער קיין וואָרט, האָט זי, נאָך אַ געוויסע צייט פון טראַכטן וועגן דעם געהערטן, אָנגעהויבן רעדן און כ׳האָב אין אירע רייד געהערט אפילו אַ פאָרוווּרף למאי כ׳האָב מיך געלאָזט אַזוי באַאיינפלוסן פון דער חברטע... ס׳קען דאָך מעגלעך זיין, אַז ס׳איז גאָרנישט אַזוי ווי יענע האָט עס מיר איבערגעגעבן, ווייל ביי דער היינטיקער יוגנד קומען אָפּט פאָר אַזעלכע זאַכן... יעדנפאַלס האָב איך דאָך אַליין געקענט פּרובירן אויפקלערן דעם אמת. וואָרעם כ׳האָב דאָך שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן...

כ׳האָב געהערט קאַראָלאַס רייד און געשטוינט: אָט דאָס קינד זאָל רעדן אַזעלכע רייד? און כ׳האָב אין מיר געטראַכט:

— אָט, ווי אַזוי מען קען האָבן אַ טעות ביים אָפּשאַצן אַ יונגן מענטשן און איך האָב איר גאָר געהאַלטן פאַר אַ קינד?

אַ שווערער צווייפל האָט מיך באַהערשט און גענומען פּייניקן ס׳איז דאָך מעגלעך אַז קאַראָלאַ איז גערעכט !...

זי האָט דערפילט אין מיין שוויַיגן די טיפע ווונד וואָס האָט געבלוטיקט אין מיין האַרצן און מער גאָרנישט נישט געזאָגט.

זי האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן, אַראָפּ פון דער קאַנאַפּע און אָן מיר אפילו צו דערלאַנגען איר האַנט, האָט זי פאַרלאָזט דאָס צימער.

און ווידער בין איך די דאָזיקע נאַכט נישט געשלאָפן און כסדר געטראַכט וועגן קאַראָלאַס ווערטער ; איז זי אפשר גערעכט געווען מיט איר אופן זען זאַכן... מיינע געדאַנקען זענען כסדר געווען פאַרנומען מיט קאַראָלאַן און מיט... העלענען. מיט העלענען און מיט... קאַראָלאַן, וואָס איז געווען אַ טייער מיידל און וואָס איז מיר געווען זייער ליב...

אַ לענגערע צייט נאָך דעם דאָזיקן אָוונט האָב איך קאַראָלאַן מער נישט געזען. אומזיסט האָב איך אין מיין איינזאַמקייט גע־האָפט, אַז זי וועט אין אָוונט אַריינקומען צו מיר. איך האָב אויך געליטן צוליבן וועלן וויסן די סיבה פון איר אויסבאַהאַלטן זיך פאַר מיר.

## 17

די טעג האָבן זיך געצויגן זייער לאַנג. ס'האָט זיך מיר גע־דוכט אַז זיי זענען עפּעס לענגער ווי אַלעמאָל. איז עס געווען אַ רעזולטאַט פון בענקשאַפט נאָך ברינען? נאָך העלענען? צי אפשר גאָר נאָך קאַראָלאַן? ס'האָט מיך אָן אויפהער געפּייניקט וואָס ביז לעצטנס, האָט זיך מיר נאָך אַלץ נישט געהאַט איינגע־געבן צו האָבן אַ זעאונג מיט מיין חבר בריק. דאַקעגן מיט העלענען, האָב איך דאָך פשוט געקענט איר גיין זען ווען איך האָב נאָר געוואָלט... פיל מאָל האָט אַן אינערלעכע שטימע זיך ביי מיר געבעטן, אַז כ'זאָל נאָך אַ לעקציע, אַרויסגיין, נישט אַליין פאַר־שטייט זיך, נאָר מיט עטלעכע שילערס מיינע אויף דער לעשנאָ... איך וואָלט איר זיכער געטראָפן און אפשר וואָלטן מיר זיך קעגנ־זייטיק באַגריסט? אפשר וואָלט זי צו מיר צוגעקומען און איך וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט מיט איר צו רעדן... אָבער באַלד האָב איך מיך דערמאָנט אין עסטושעס וויזיט ביי מיר, אירע רייד און כ'האָב פאַרטריבן דעם פאַרלאַנג אַרויסצוגיין אויף לעשנאָ גאַס און געבליבן פאַרטיפט און פאַרבענקט אין מיין איינ־זאַמקייט ביי מיר אין שטוב.

די איינזאַמקייט האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן: כ'האָב אָנגעהויבן באַקומען אָפטע וויזיטן פון פרעמדע מענטשן; ס'ווייזט אויס אַז מיין בעל־ביתטע האָט אַנאָנסירט אין די צייטונגען וועגן איר דירה און צענדליקער וויזיטן אַ טאָג האָבן מיר געשטערט אין מיין אַרבעט און אין מיין טראַכטן. ס'זענען געקומען פאַר־שידענע מענטשן; אַלטע און יונגע און אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס, ביז ס'האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט און מיין ווירטין האָט מיר

טאַקע מיטגעטיילט, אַז זי האָט שוין די וווינונג פאַרקויפט צו אַ פּאָרל, וואָס גייט איצט חתונה האָבן און אַז ס׳וועט זיי זיין זייער אַנגענעם מיך צו דערהאַלטן אַלס לאָקאַטאָר.

כ׳האָב איר געדאַנקט פאַר די גוטע נייעס און אַ צופרידענע האָט זי פאַרלאָזט מיין צימער.

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט, אָן אַנצוקלאַפּן אין מיין טיר, איז קאַראָלאַ צו מיר אַריינגעקומען מיט לאַנגזאַמע טריט און נישט זאָגנדיק אפילו קיין גוטן אָוונט, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע. זי האָט אויף מיר געקוקט מיט פאַרטרערטע אויגן און לסוף האָט זי זיך אָפּגערופן:

— איך פאַרלאָז וואַרשע!

— איך ווייס דערפון — האָב איך איר שטיל אָפּגעענטפערט.

— דו ווייסט עס? און האָסט מיר גאָרנישט וועגן דעם געזאָגט?

— איך האָב דען געוווּסט אַז דו ווייסט עס נישט? צווייטנס האָב איך דיך שוין אַ לענגערע צייט נישט געזען. איז ווען האָב איך דיר געהאַט וועגן דעם צו זאָגן?

און נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָב איך צו איר געזאָגט:

— געדענקסט אפשר, קאַראָלאַ, ווען דו ביזט ביי מיר געווען צום לעצטן מאָל, האָב איך דיר געזאָגט, אַז דריי נאָענטע מענטשן האָב איך פאַרמאָגט און אַז כ׳האָב אַלע דריי כמעט גלייכצייטיק פאַרלוירן; דאַרף איך דיר זאָגן אַז דו ביזט שוין דאַן געווען אַריינגערעכנט צווישן די דריי...

מיט די זעלבע פאַרטרערטע אויגן איז זי צוריק אַרויין צו זיך און פונקט ווי ביים אַריינקומען נישט געזאָגט אפילו קיין גוטע נאַכט.

אויף צומאָרגנס איז זי אין שולע שוין נישט געגאַנגען. איר מוטער האָט געפּאַקט די זאַכן און קאַראָלאַ האָט איר געמוזט העלפן.

נאָכמיטאָג, איז קאַראָלאַ צו מיר ווידעראַמאָל אַריינגעקומען

און מיך געבעטן איר צו שענקען עפּעס אַלס אָנדענקונג פון מיר...
איך האָב עס איר צוגעזאָגט.

איך האָב פאַר איר געקויפט אַ קליינעם, זייער שיינעם בלאָק, אַריינגעשריבן דאָרט אייניקע פּאָעמעס מיינע, וועלכע כ׳האָב איר געווידמעט און דעם בלאָק געהאַלטן גרייט, כדי איר אים צו געבן אין טאָג פון איר אָפּפאָרן.

אוודאי האָב איך אין די פּאָעמעס אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם אויסגעדריקט מיין באַדויערן צוליב איר אָפּפאָרן. כ׳האָב איר אין די פערזן באַזינגען און געשילדערט אַלס יונגע בלום וואָס שפּראָצט איצט אויף צום לעבן.

און ס׳האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט אַז ס׳איז געקומען דער טאָג פון זייער אָפּפאָרן. די ווירטין מיינע האָט זיך מיט מיר געזעגנט ווי אַן אייגענע מאַמע. זי האָט מיך געקושט און נישט אויפגעהערט צו וויינען, ווינטשנדיק מיר דערביי, וואָס מער גליק!

קאַראָלאַ איז געשטאַנען און געוואַרט אויף איר ריי. זי האָט מיך אפילו געבעטן איר שפּילן צום לעצטן מאָל די קאָמפּאָזיציע וועלכע זי האָט אַזוי ליב געהאַט צו הערן, דאָס ״סאָלוועג־ליד״ פון גריג. איך האָב עס פאַר איר גערן געשפּילט. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז זי האָט זיך דעצידירט מיט מיר זיך צו געזעגענען, זי האָט מיר דערלאַנגט איר האַנט און אָן איין וואָרט אַרויסצורעדן, מיר געגעבן אַ קוש, זיך שנעל אַוועקגעדרייט פון מיר און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

כ׳בין איר גלייך נאָך מיט דעם אָנדענקונגס־בלאָק וואָס איך האָב אָנגעגרייט פאַר איר און אים איר דערלאַנגט. ערשט איצט האָב איך באַמערקט טרערן אין די אויגן אירע. נעמענדיק ביי מיר דעם בלאָק, האָט זי מיר געדאַנקט שמייכלענדיק און געלאַכט דורך טרערן. זי איז איצט געווען אַזוי רייצנדיק שיין, אַז דאָס בילד פון דער שמייכלענדיקער קאַראָלאַ מיט פאַרטרערטע אויגן, איז מיר לאַנג, לאַנג געשטאַנען פאַר די אויגן.

אַ לאַנגע צייט נאָך זייער פאַרלאָזן די וווינונג, בין איך גע־

זעסן ביי מיין שרייב־טיש אָן וועלכער ס׳איז באַוועגונג. אין אַלע ווינקעלעך איז געווען ליידיק. די גאַנצע וווינונג איז געווען ליידיק און ס׳איז מיר געווען ליידיק אויף דער נשמה. איך האָב געטראַכט אַז פון די הונדערטער און הונדערטער נאָענטע, בין איך גאָר אַליין און די ערשטע פּערזאָן וואָס איז מיר געקומען אויפן גע־דאַנק איז געווען העלענע. וועל איך איר באמת נישט מער זען? האָב איך איר באמת פאַרלוירן? זאָל איך איר אפשר גיין אויפ־זוכן? און וויפל וועט מיין האַרץ דערביי ליידן? איך וועל דאָך איר מוזן פרעגן און וויסן דעם אמת און זי וועט דאָך פאַר מיר נישט באַהאַלטן דאָס וואָס עסטושקע האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט. איז וואָס וועט מיר בלייבן דאָן צו טאָן? זאָל איך שווייגן און געניסן פון איר פריינדלעכקייט און געשענקטן בליק אירן אין דער צייט ווען זי טראַכט פון אַן אַנדערן? ניין און ניין, דערויף וועל איך נישט באַשטיין!

און באַלד דערנאָך איז מיר געקומען אויפן געדאַנק ברין, מיין טייערער חבר ברין. ער האָט געחלומט וועגן אַ גערעכטער וועלט. וועגן פרייהייט און ער שמאַכט איצט הינטער די קראַטן. אַך, ברין, ברין!

און ווידער האָב איך געזען קאַראָלאַס פאַרטרערטע שמייכל־דיקע אויגן; די טייערע און ליבע קאַראָלאַ. מען האָט איר אַוועק־געריסן פון דעם אָרט ווו זי איז אויפגעוואַקסן, ווו זי האָט אירע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט. פון אירע חברטעס. פון איר פריער־דיקער היים און אויך פון איר איינציקן פריינד... פון מיר... זי זיצט איצט זיכער אין צוג, קוקט אפשר אַרויס דורכן פענסטער און טראַכט, אַז זי דערווייטערט זיך אַלץ מער און מער פון דעם אָרט וואָס איז איר אַזוי ליב און זי פאָרט אין עפּעס אַ פרעמדער וועלט, און צו איר קראַנקן פאָטער וואָס איז פאַרבליבן אין די וועלדער, כדי צו דערהאַלטן זיין לעבן און וואָס קען דער קראַנקער פאָטער איר געבן?

ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן פאַרזינקען אין די דאָזיקע

געדאַנקען, ווייס איך נישט. נאָר אַז כ׳האָב מיך איבערוועקט פון די מחשבות איז געווען פינצטער, פינצטער און ליידיק אַרום. אַ קעלט האָט מיך אַרומגענומען. ס׳איז געווען ווינטער, אָבער די וווינונג איז דערוויל נישט געווען געהייצט. די נייע לאָקאַטאָרן האָבן דאָך נאָך נישט געוווינט אין איר. בין איך דערוויל געווען איינער אַליין אין דער גרויסער דירה. כ׳האָב געטראַכט אַז כ׳האָב נאָך היינט גאָרנישט געהאַט אין מיין מויל, אפילו נישט קיין ביסל וואַרעמס. כ׳האָב מיך אויף גיך אָנגעטאָן און בין אַראָפּ אין גאַס. אַ שאַרפע ווינטער־לופט באַגלייט מיט אַ לייכטן שניי האָט מיך אַרומגענומען און אַביסל דערפרישט.

כ׳בין אַריין אין נאָענטסטן קאַפע־הויז און עפּעס איבערגע־כאַפּט. ס׳איז געווען זעקס אָוונט. ביז אַכט אָוונט האָב איך אַריינ־געקוקט אין אַ צייטונג און דערנאָך געגאַנגען אויף מיין לעקציע.

און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַזעלכע טרויעריקע און איינזאַמע טעג. כ׳האָב כסדר געטראַכט פון מיינע נאָענטע: פון מיין חבר ברין, פון העלענען און פון קאַראַלאַן. אַזוי זענען אַדורך טעג און וואָכן, ביז איך בין געוואָרן אַביסל אויפגערודערט פון אַ זאַך, וואָס האָט אַריינגעברענגט אין מיין איינזאַמקייט אַ געוויסן איבערייס, אַ הייטערקייט און אַ צעשטרייטונג.

דאָס איז געווען אַ בריוול וואָס כ׳האָב אַזוי אומגעריכט באַ־קומען פון קאַראַלען. אַ בריוול וואָס כ׳האָב עס מערערע מאָל געלייענט, געשמייכלט און אפילו געשטוינט צוליב דעם אינהאַלט.

אָט וואָס זי האָט מיר געשריבן:

„מיין טייערער,

כ׳האָב געלייענט דיינע ליבע־פּאָעמעס צענדליקער מאָל. וואָס מער איך האָב זיי געלייענט, אַלץ בעסער האָב איך זיי פאַר־שטאַנען און אַלץ מער האָט מיין האַרץ געקוואַלן. איך בין אַ סך נעכט נישט געשלאָפן און האָב באַשלאָסן צו פאָלגן מיין האַרץ און אַנטקעגנקומען דיין פאַרלאַנג. איך שענק דיר אַוועק מיין האַרץ.

דו ביזט דער ערשטער וואָס האָסט ביי מיר די ליבע אויפגע־וועקט און אויב וועסטו נישט בלייבן ביי מיר דער איינציקער און דער ערשטער, וועל איך זיין די ערשטע אין שטעטל וואָס "וועל" און דער בריוו האָט זיך פאַרענדיקט מיט זייער פיל פינטעלעך...

איך האָב מיך פאַרטראַכט, לאַנג מיך פאַרטראַכט, כדי מיך צו דערמאַנען וואָס אַזעלכעס האָב איך איר דאַן געשריבן אין מיינע פּאָעמעס, אַז זי קומט אַנטקעגן מיין פאַרלאַנג... וועלכן פאַרלאַנג? זאָל עס זיין די פּאָעמע וועלכע ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

כ׳וועל אין אָוונט אומזיסט וואַרטן.
וועסט נישט קומען מער. ביזט ווייט!
אַנשטאָט דיין שמייכל דעם צאַרטן,
לאָזטו מיר איצט בענקשאַפט, לייד.

פאַר וועמען וועל איך איצט שפּילן?
פּוסט און ליידיק אַרום מיר.
כ׳וועל די איינזאַמקייט איצט פילן
מיין האַרץ, בענקען וועט נאָך דיר!

אוודאי איז מיר אין מיין איינזאַם לעבן געווען ביז גאָר אַנגע־נעם צו באַקומען דאָס דאָזיקע סענטימענטאַלע בריוול פון דעם גוטן און ערלעכן מיידל קאַראָלאַ. דאָך האָב איך, קוקנדיק אויף דעם בריוו אירן, נישט געקענט מיך אָפּהאַלטן פון נישט טראַכטן וועגן דער מאָדנער שפּיל פון גורל: איך ליב אַ מיידל. איך ליב איר שטאַרק, אָבער זי ליבט מיך נישט און דאָ קומט קאַראָלאַ, דאָס טייערע קינד מיט איר ליבע, וועגן וועלכער זי דערציילט מיר אין איר בריוו, אָבער איך פיל אַבסאָלוט נישט אָפּ צו איר דאָס זעלבע. דאָס ליבע־געפיל קען מען דאָך נישט קלויבן און מען קען זיך דערמיט אויך נישט שאַפן ווי מען וויל.

כ׳האָב געטראַכט וואָס כ׳זאָל איר שרייבן. וואָס ענטפערן? כ׳האָב מיין ענטפער אָפּגעלייגט אויף אַ צווייט מאָל, לסוף האָב איך אין דעם בריוו אינגאַנצן פאַרגעסן.

אָבער נישט אויף לאַנג...

# 18

ס׳איז געווען ערב פּרילינג. מיר האָבן דאַן געגרייט אַ פּורים־אָוונט. כ׳בין געזעסן ווי געוויינלעך ביי מיין שרייב־טיש און גע־אַרבעט איבער דעם פּראָגראַם, אַז איך הער אַ שטיל קלאַפּן אין טיר און צו מיין גרויסער שטוינונג דערזען אַריינקומען קאַראָלען. דער וויזיט האָט מיך באמת שטאַרק דערפרייד. דאָך האָב איך געהאַט אַ געפיל, אַז איר קומען איז נישט ווי אַמאָל. אַז איר איצ־טיקער וויזיט באַהאַלט עפּעס אין זיך. כ׳האָב מיך אויפגעשטעלט און מיך צו איר דערנענטערט. זי האָט מיך אָנגעקוקט ערנסט, אפילו בייז. אָבער אַז כ׳האָב אָנגענומען אירע הענט, איז זי אויף מיר אַרויפגעפאַלן און זיך צעוויינט.

די סצענע איז מיר געווען זייער פּיינלעך כ׳האָב פּרובירט איר באַרואיקן.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געענטפערט אויף מיין בריוו?

— פרעגט זי מיך און טרערן פינקלען אין אירע אויגן.

כ׳האָב נישט געוווסט וואָס איר צו ענטפערן, פילנדיק אַ מיט־לייד צו דעם ליבן מיידל. כ׳האָב אין מיר געטראַכט אַז "אַ האַרץ פאַרשטייט אַ האַרץ", כ׳האָב געזען אַז איך קען איר האַרץ היילן, אָבער זי, קען זי דען מיין האַרץ היילן?...

סוף־כל־סוף האָט זי זיך באַרואיקט און אפילו פּרובירט אַ שמייכל טאָן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און מיר ווי באַפוילן:

— שפּיל פאַר מיר, שפּיל דאָס זעלבע וואָס דו האָסט מיר געשפּילט פאַר מיין אָפּפאָרן.

און אַז כ׳האָב פאַר איר געשפילט, האָט זי זיך אויף דאָס ניי צעוויינט.

דער ענין האָט מיך אָנגעהויבן קוועלן.

איך האָב געטראַכט איר צו זאָגן, זי זאָל נישט בלאָנדזשען. זי זאָל גיין מיט אָפענע אויגן און זען דעם אמת... האָב איך מיך דערמאָנט, אַז מען האָט דאָך מיר אויך געעפנט די אויגן... און מען דאַרף אויך מיר זאָגן אַז איך בלאָנדזשע. אַז איך גיי נישט דעם ריכטיקן וועג... יאָ, ס׳איז פאָרט אַזוי, מיר ליידן ביידע פון דעם זעלבן אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם. אויף אַ מאָמענט איז מיר איינ־געפאַלן; אפשר איז עס טאַקע אַ באַשערטע זאַך?... אַ גורל אַזאַ? מען קען טאַקע זיין אַ נישט־גלויביקער און דאָך קען אַזאַ געדאַנק זיך אויך אַריינגנבענען אַ מאָל...

נאָך אַ לאַנגן שטיל־שוויגן, האָט זי כמעט מיט טרערן אין די אויגן מיר געזאָגט, אַז זי וואָלט נישט געקומען, זי וואָלט אינ־גאַנצן נישט געקומען צו מיר. אָבער איר פאָטער איז אויף דאָס ניי קראַנק געוואָרן. איז זי געקומען מיט אים צו אַ דאָקטאָר. ער געפינט זיך איצט ביי איר פעטער אין שטוב און זי האָט אים צוגעזאָגט אַז זי וועט היינט אַרויפקומען מיט מיר... און זי זאָגט צו מיר:

— טראַכט וואָס דו ווילסט, נאָר זאָג עס מיר נישט אָפּ — אין קעגנטייל וועט זי עס נישט איבערהאַלטן, ס׳וועט זיין איר סוף...

— וואָס הייסט דו האָסט צוגעזאָגט דיין פאָטער אַרויפצו־קומען מיט מיר? — האָב איך געפרעגט, נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָס באַדייט — אויב דיין פאָטער איז נישט געזונט און קומט צום דאָקטאָר, איז וואָס האָט דאָס פאַראַ שייכות מיט מיר? פאַרוואָס האָסטו אים צוגעזאָגט דאָס אַרויפברענגען מיך? ווי זאָל איך פאַרשטיין דיינע ווערטער?

עפּעס זענען מיר אירע רייד געווען מאָדנע אויפפאַלנדיק און כ׳האָב געפילט אויפגיין אין מיר אַ געוויסע אומרואיקייט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַריבערגיין אין אַ כעס.

— ווי אַזוי האָסטו געוואָגט אַזעלכעס צו זאָגן דיין פאָטער, אָן מיך צו פרעגן פריער צי אַזעלכעס איז מעגלעך? וואָס פאַראַ כוונה האָסטו דערביי געהאַט?

זעענדיק מיין אויפברויז, האָבן אירע טרערן לאַנגזאַם אָנגעהויבן שטראָמען פון אירע אויגן. איר וויינען איז געווען אַזוי רירנדיק און אין מיר אַרויסגערופן אַזאַ מיטלייד, אַז כ'האָב מיך דערפילט ווי שולדיק פאַר דעם דאָזיקן וועזן. כ'בין צוגעגאַנגען צו איר און געזוכט ווערטער כדי איר צו באַרואיקן. כ'האָב געפילט אַז דאָס מיידל ליבט מיך מיטן גאַנצן ברען פון איר יונגער נשמה און מיט שטילע און צאַרטע רייד, האָב איך איר געבעטן מיר צו דערציילן דעם גאַנצן אמת.

און זי האָט מיר דערציילט:

פאַרנדיק מיט איר פאָטער קיין וואַרשע, האָט ער צו איר געזאָגט:

— מיין טייער קינד, מיין איין און איינציק קינד, ווער ווייס צי איך וועל נאָך דערלעבן דיך צו זען גליקלעך, אַמווייניקסטנס, כאָטש זען דיין באַשערטן!

וועלנדיק אים באַרואיקן, מורא האָבנדיק אַז זיין מצב זאָל זיך נישט פאַרערגערן, האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז אין וואַרשע וועל איך אים פאָרשטעלן פאַר מיין באַשערטן... איך שווער דיר, כ'בין מיך מודה אַז איך האָב נישט גוט באַרעכנט וואָס איך האָב דעמאָלט געזאָגט. כ'האָב עס געטאָן, ווייל דאָס לעבן און דאָס געזונט פון מיין פאָטער איז מיר טייער. דערנאָך, נאָך זיין פאַרלאָזן וואַרשע, וועסטו טאָן ווי אַזוי דו וועסט פאַרשטיין, ווי אַזוי דו וועסט נאָר וועלן. נאָר היינט, טו עס מיר צוליבן! צוליבן געזונט פון מיין קראַנקן פאָטער, בעט איך דיך, קום מיט מיר אַרויף צו אים...

אירע רייד, יעדעס אַרויסגעזאָגטע וואָרט אירס, האָט געעטעמט מיט אַזוי פיל ערלעכקייט, אַז כ'האָב געפילט ווי מיין אומצופרידנקייט פאַרשווינד, אַז פון מיין נאַר־וואָס אויפגעברויזטן

כעס, איז נישט געבליבן מער קיין זכר. "ס'איז דאָך נישט מעג־לעך" — האָב איך געטראַכט — אַז דאָס וואָס זי זאָגט מיר, זאָל נישט זיין ריכטיק, זאָל זיין אַן אָנשטעל!"

— חנה'לע! דו ביזט נאָך יונג, דו וועסט גלויב איך פאַר־שטיין מיינע געפילן דעמאָלט און וועסט פאַרשטיין וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די דאָזיקע מינוטן, טראַכטנדיק ווי אַזוי צו האַנדלען; איך ליב איינע, העלענען, וואָס האָט מיך פאַרכישופט און וואָס ליבט מיך ליידער נישט. און דאָ געפינט זיך פאַר מיר אַן אַנדערע, אַ טייער און ליב קינד וואָס וויינט און בעט זיך ביי מיר, כ'זאָל אָננעמען איר ליבע. וואָס מיט איין וואָרט מיינס, קען איך איר באַגליקן און מיט אַן אַנדער וואָרט קען איך איר דערפירן צו דער גרעסטער פאַרצווייפלונג. כ'האָב מיך פלוצים דערמאָנט אין ביאַליקס לידל, וואָס מיר פלעגן זינגען אויף אונד־זערע אויספלוגן:

אײנס און צוויי און נישט געקליבן.
טרעפסט אַ מיידל, זאָלסט איר ליבן.

כ'האָב געטראַכט וועגן מיין איינזאַמקייט און מיך צו איר אָפּגערופן:

— מסכים, איך גיי מיט דיר.

ווי נאָר כ'האָב אַרויסגעבּרענגט פון מיר דאָס וואָרט, אַז כ'גיי מיט איר אַרויף צו איר קראַנקן פאָטער, איז זי אויף מיר אַ פאַל אַרויף געגעבן און מיך אָנגעהויבן אַזוי צו קושן אַז כ'האָב פשוט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. כ'האָב געמיינט אַז זי ציט מיר אַרויס די נשמה!...

— חנה'לע! כ'מוז דיר זאָגן, אַז קאַראָלאַ האָט מיך איבער־ראַשט. איך האָב מיר גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן אַז דאָס גימ־נאַזיע־מיידל, אָט־אָ די וועלכע כ'האָב אַ לענגערע צייט באַטראַכט פאַר מיינס אַ יונג שוועסטערל, זאָל פאַרמאָגן אין זיך אַזוי פיל

פייער... זי האָט מיך פשוט פאַרברענט מיט איר טעמפעראַמענט!...

אַז מיר האָבן זיך באַרואיקט פון דעם ליבע־פלאַם, האָב איך געקוקט אויף קאַראַלען און געזען אירע אויגן, וואָס האָבן איצט געלויכטן מיט אַ צופרידן פייערל. אירע באַקן זענען געווען באַ־דעקט מיט אַזאַ שיינער ראָזאַ־פאַרב. כ׳האָב נישט געקענט נישט טראַכטן וועגן די אָוונטן, ווען זי פלעגט מיר אַריינברענגען אַ גלאָז טיי און שעמעוודיק אַזוי גיך אַריינגעלאָפן צו זיך. אָט־אָ די קאַראַלאַ, וועלכע געפינט זיך איצט אַנטקעגנאיבער מיר, זאָל עס טאַקע זיין די זעלבע? דאָס זעלבע מיידל?

פאַרנאַכט זענען מיר אַרויף צו איר פעטער, ווו איר פאָטער איז איינגעשטאַנען. וואָס נענטער מיר זענען צוגעקומען צום ציל אַלץ מער האָט זי געשטראַלט פון פרייד.

עס ווייזט אויס אַז מען האָט אונדז פון לאַנג שוין אויסגעקוקט, ווייל גייענדיק נאָך אויף די שטיגן, האָב איך געהערט ווי אַ קינד לויפנדיק אין שטוב אַריין, האָט אויסגערופן:

— מאַמע, מאַמע, דער חתן גייט...

כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט און געוואָרפן אַ בליק אויף קאַראַלען. כ׳האָב געהאַט אַ געפיל ווי מען וואָלט מיך ערגעץ אַריינגענאַרט. זי האָט מיך פאַרשטאַנען און מיך אָנגעקוקט מיט אַ געוויסער זאָרג אויף איר פּנים און זיך אָפּגערופן:

— לייג נישט קיין אַכט אויף די רייד פון אַ קינד. געדענק אַז דו ביזט פולשטענדיק פריי. מיר גייען אַרויף נאָר צוליבן גע־זונט־צושטאַנד פון מיין פאָטער.

אירע רייד האָבן געעטעמט מיט אַזוי פיל זאָרג וועגן צו־שטאַנד פון איר קראַנקן טאַטן אַז זיי האָבן מיך שטאַרק גערירט און מיר האָבן פאָרגעזעצט דאָס גיין איבער די שטיגן.

אַז מיר זענען אַריינגעקומען אין דער וווינונג פון איר פעטער, איז געוואָרן אַזוי שטיל אַז כ׳האָב געהערט דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ... איטלעכער האָט זיך גענומען שאַרן אין דער זייט, מאַכנ־דיק פאַר מיר אַ וועג.

כ'האָב געפילט אַז מען האָט מיך אָפּגעוואָרט מיט אומגע־דולד... קאַראָלאַ האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר פאָטער. אַז כ'האָב מיך צו אים דערנענטערט האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, מיר דערלאַנגט די האַנט און זיך אָפּגערופן:

— שלום דיר, מיין קינד!

קאַראָלאַס פאָטער האָט דערהאַלטן אַ פּאַטריאַרכאַלן אויסזען. זיין זאָגן מיר "שלום דיר, מיין קינד", האָט אויף מיר אויך אָנגע־עטעמט אַזאַ חומש־שטימונג. כ'האָב מיטאַמאָל באַקומען אַ געפיל פון זען אַ יעקב אבינו און אַז קאַראָלאַ איז רחל, אַז כ'וועל אויך דאַרפן אַרבעטן זיבן יאָר כדי איר צו באַקומען...

קאַראָלעס פאָטער האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק. ער האָט פאַרמאָגט קלאָרע מילדע אויגן, קאַראָלעס אויגן. ער האָט מיך באַטראַכט מיט אַ סימפּאַטישן און וואַרעמען שמייכל און נאָך אַ קורצער ווײַלע שוויגן, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— מיין ליב קינד, נעם נישט פאַר אומגוט וואָס כ'וועל דיר זאָגן: די גאַנצע אָנשטרענגונג וועלכע איך מאַך אויף צו דער־האַלטן מיין לעבן, איז נאָר צוליב איין הייליקן ציל; צו זען מיין איינציק קינד אַ גליקלעכע! מיין פרוי און מיין קינד האָבן מיר אַ סך גוטס דערציילט וועגן דיר און איך זע אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין טעות, דו ווייסט דאָך מסתמא, אַז אַ סך אָרעמע מיידלעך זענען שוין פאַרפירט געוואָרן פון וואַרשעווער יונגעלייט. איך ווייס אַז דיין כוונה איז אַן ערלעכע און דיין וואָרט איז אַ וואָרט. גיב־זשע מיר דיין האַנט און דיין וואָרט, אַז דו וועסט מיין קינד נישט אומגליקלעך מאַכן. אַז דו וועסט איר נישט פאַרפירן און אַז דו וועסט ערלעך האַלטן דיין וואָרט וואָס דו וועסט געבן... איך זאָג דיר צו, אַז דו וועסט דערפאַר האָבן אַן ערלעכע, אַ גוטע און אַ געטרייע פרוי. איך זאָג עס דיר, נישט ווייל זי איז מיין קינד, נאָר דאָס איז דער ריינער, דער ערלעכער אמת.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, חנה'לע, הערנדיק די דאָזיקע רייד, איז מיר געוואָרן הייס, אַזוי הייס, אַז אַנגסטן זענען מיר

אַרויס אויפֿן שטערן. ס׳איז מיר געוואָרן ענג, נישט צום אָטעמען. כ׳האָב מיך אַריינגעשטעלט אין אַן אויסטערלישער לאַגע און איך מוז ענטפֿערן... שוין ענטפֿערן! כ׳האָב מיך געפֿילט צוגעדריקט צו דער וואַנט... אויף אַ מאָמענט האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס אַלץ איז אַ חלום. אָט זע איך העלענעס שוואַרצע אויגן און עס קלינגען מיר אין די אויערן די ווערטער פֿון עסטושקע...... איך טראַכט וועגן די זיסע מינוטן וואָס איך האָב נאָר־וואָס אַדורכגע־לעבט טאַקע מיט קאַראָלען, די ליידנשאַפֿטלעכע קושן אירע און אָט שטייט זי דאָ ביים טיש און לאָזט נישט אַראָפּ פֿון מיר קיין אויג און ציטערט אינגאַנצן. ס׳האָט מיר אויך אויסגעזען ווי אַ סצענע אין טעאַטער, ווען דער ספּעקטאַקל דערגייט צו אַ דע־צידירנדיקן מאָמענט.

כ׳האָב געוואָרפֿן מיינע בליקן צו קאַראָלען, צו איר פֿאָטער, צו איטלעכן אַרום מיר און מיך געפֿרעגט, וואָס פֿאַראַ שייכות דאָס אַלץ האָט צו מיר?

כ׳בין געוועזן גערירט פֿון די רייד פֿון קאַראָלעס פֿאָטער און כ׳האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט צו דעם קראַנקן מענטשן, וואָס האָט געוואַרט אויף מיין ענטפֿער.

כ׳האָב געפֿילט אַז איטלעכער אַרום מיר האָט לייכטער אָפּ־געעטעמט.

קאַראָלאַ איז געשטאַנען אָן באַוועגונג. טרערן האָבן אָנגע־הויבן רינען איבער אירע באַקן. שמאָלע פּאַסן טרערן און אָט, מיט די פֿאַרטרערטע אויגן האָט זי מיר געשאָנקען אַ בליק. דאָס איז געווען אַזאַ בליק, וואָס האָט מיר געוויזן איר נשמה און איר האַרץ. ס׳איז געווען אַ בליק וואָס האָט באַשטעטיקט איר פֿאָטערס ווערטער וועגן אַן ערלעכער, אַ גוטער און געטרייער פֿרוי. ס׳איז געווען אַ בליק פֿון ליבע און דאַנקבאַרקייט, אַ בליק וואָס קריצט זיך איין אין דער נשמה אויף אייביק און וואָס ס׳איז אים נישט מעגלעך מער צו פֿאַרגעסן...

כ׳בין געבליבן זיצן אָן דער מינדעסטער באַוועגונג. ס׳האָט

זיך מיר נאָך אַלץ געדוכט אַז איך חלום און אַז כ׳האָב אויף דאָס ניי אַ בליק געגעבן אויף קאַראָלען, איז זי נאָך אַלץ אַזוי געשטאַנען מיט די פּערל־טרערן אין די אויגן. כ׳האָב מיך אויפגעהויבן, צו איר צוגעגאַנגען און פּונקט ווי אין דערפריי, האָב איך מיט מיין טאַשן־טיכל איר אויסגעווישט די טרערן. כ׳האָב מיך נישט גערעכנט מיט דער אָנוועזנהייט פון איר פאָטער און די אַלע אַרומיקע אין שטוב, נאָר איר אָנגעהויבן קושן. איך האָב געקושט אירע שיינע פאַרטרערטע אויגן, אירע גאָלדענע לאָקן, אירע ראָזאַ באַקן און ווידער אירע אויגן און וואָס מער איך האָב איר געקושט אַלץ מער האָבן אירע אויגן געטרערט.

פלוצים האָט דער זייגער אויסגעקלינגען אַכט. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שלאָף. כ׳האָב מיך אַנטשולדיקט, אויפגעקלערט אַז כ׳האָב אַ לעקציע און אַז כ׳מוז גיין.

קאַראָלאַ האָט מיט אַ שאָקל פון איר קאָפּ אויף יאָ, באַשטעטיקט אַז איך מוז טאַקע גיין.

און אַז כ׳בין אַראָפּ אויף דער גאַס און איינגעעטעמט די שאַרפע לופט, האָב איך ערשט ריכטיק אָנגעהויבן באַטראַכטן וועגן דעם וואָס דאָ איז געשען! איר פאָטערס ווערטער, איר קוקן אויף מיר דורך די פאַרטרערטע אויגן און מיין קושן איר. הייסט עס אַז כ׳האָב געגעבן מיין האַנט און מיין וואָרט. אַז כ׳בין שוין פאַרבונדן; מיט וועמען; מיט קאַראָלען! טייערע, גאָלדענע קאַראָלאַ! און העלענע? אויס?... געענדיקט?... וועל איך מער נישט ליידן?...

אַ גאַנצע נאַכט דערנאָך האָב איך נישט געקענט איינשלאָפן. אין דער פינצטער האָב איך געזען אַ שפּיל פון אויגן. כ׳האָב געזען אויגן שוואַרצע וואָס שמייכלען, וואָס רייצן, אויגן וואָס רופן און וועקן. אויגן וואָס קענען פאַרפירן ביז צום אָפּגרונד און וואָס קענען דערהויבן ביז צו די הימלען. אויגן וואָס ציען צו און וואָס פאַרכישופן, וואָס שרעקן און וואָס מאַכן ציטערן דאָס האַרץ... און כ׳האָב געזען אויגן פאַרטרערטע וואָס באַרואיקן. אויגן מילדע,

דאַנקבאַרע. אויגן ערלעכע וואָס שפּיגלען אָפּ אַ ריינע נשמה און וואָס היילן.

די דאָזיקע שפּיל פון אויגן איז פאַר מיר אָנגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, גלייך ווי זיי וואָלטן געקעמפט צווישן זיך, וועלכע פון זיי איך וועל אויסקלייבן.

אויף צומאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען זייער שפּעט. ס'איז געווען דער טאָג פון מיינע פּריוואַטע לעקציעס ביי מיר אין שטוב און כ'בין געווען צופרידן וואָס כ'וועל נישט דאַרפן היינט אָוונט אַוועקגיין. אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען פאַרנומען. געאַרבעט ביי מיין שרייב־טיש. אַ גאַנצן טאָג האָב איך אויך אָפּגעפילט אַ פאַר־לאַנג, אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו פילן קאַראָלען אין מיינע אָרעמס. זי איז אָבער נישט געקומען נישט ביי־טאָג און נישט אין אָוונט. ס'איז אַדורך נאָך אַ טאָג און זי האָט זיך נישט באַוויזן. ערשט פרייטיק אַרום עלף פאַרמיטאָג איז זי צו מיר געקומען. זי איז אַריינגעקומען שטיל און צוריקגעהאַלטן. מעגלעך אַז זי האָט מורא געהאַט פאַר דעם אופן, ווי אַזוי איך וועל איר אויפנעמען און איך האָב מיך מיט אַלע כוחות אָפּגעהאַלטן פון נישט צולויפן צו איר כדי איר איינצושליסן אין מיינע אָרעמס.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נישט גאָר נאָענט צו מיר און האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ געוויסער זאָרג אויפן פּנים. ווייזט אויס אַז זי האָט מיר געהאַט עפּעס צו זאָגן, נאָר זי האָט זיך נישט געקענט דעצידירן, מורא האָבנדיק פאַר מיין רעאַקציע. אַז כ'וועל זיין אומצופרידן און אפשר מער...

כ'האָב מיך נישט געגאַרט. אַז כ'האָב געזען איר פאַרלעגנהייט און נישט אַנטשלאָסנקייט. בין איך איר געקומען צוהילף, פרעגנדיק מיט אַ שמייכל:

— וואָס דערציילסטו נייעס, קאַראָלאַ טייערע?

די דאָזיקע ווענדונג מיינע, האָט איר צוגעגעבן מוט. זי האָט זיך נענטער צוגערוקט צו מיר, באַמיט זיך צו שמייכלען און זיך אָפּגערופן:

— דער פּאַפּאַ האָט מיך געבעטן כ׳זאָל צו דיר צוגיין און דיר זאָגן אַז... אַזוי ווי ער פילט זיך בעסער,און וויל צוריק אַהיימ־פאָרן. וויל ער... וואָלט ער געוואָלט זען דיינע עלטערן אויב ס׳איז נאָר מעגלעך...

זי האָט אָפּגעהאַקט און איז געבליבן זיצן ממש מיט אַן איינ־געהאַלטענעם אָטעם, מורא האָבנדיק פאַר דעם איינדרוק פון אירע רייד. אַז דאָס וועט מיר אפשר נישט געפעלן און אַז איך וועל זיך ווידער בייזערן ווי דעמאָלט; דאַן וואָלטן אירע אויגן, אירע שיינע אויגן ווידער זיך באַגאָסן מיט טרערן... האָב איך איר נישט געלאָזט לאַנג אין דעם דאָזיקן צושטאַנד און מיך צעשמייכלט. ס׳איז געווען פאַר איר אַ סימן אַז זי קען זיין רואיק.

— דאַרפסט דיך נישט שרעקן, טייערע קאַראַלאַ, — האָב איך מיך אָפּגערופן — כ׳קען דיר נאָר זאָגן, אַז איך האָב מיינע עלטערן וועגן דעם שוין מיטגעטיילט און האָב דיך פאַר זיי פאָר־געשטעלט אין דיין אַבוועזנהייט און אַז איך האָב אויך באַשטימט אַז ביידע גייען מיר היינט אַרויף צו זיי און זיי וואַרטן היינט אויף אונדזער קומען צום אָונט־ברויט.

וואָס פאַראַ געוואַלטיקע ענדערונג כ׳האָב דערזען אויף איר פּנים וואָס האָט זיך צעשטראַלט פון דעם סורפּריז. אירע פינקלענ־דיקע אויגן זענען איצט געווען אַזוי רייצנד, ווי כ׳האָב זיי ביי איר נאָך קיינמאָל נישט געזען. נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן פון פרייד, האָט זי זיך פּלוצים אַ שטעל אויף געגעבן און מיט אַ געמאַכטן ערנסט, האָט זי אויפגעהויבן הויך איר קאָפּ, אַזוי אַז אירע גאָל־דענע לאָקן האָבן געגעבן אַ פלאַטער און געבנדיק אַ טופּע מיט איר׳ס אַ פיסל, האָט זי אויסגעשריגן:

— ווי אַזוי האָסטו דיך דערוועגט אָפּצושמועסן מיט דיינע עלטערן, דאָס אַרויפברענגען מיך צו זיי אָן מיך פריער צו פרעגן וועגן דעם ?...

זי האָט זיך פריילעך צעלאַכט, צוגעלאָפן צו דער שטול אויף וועלכער כ׳בין געזעסן, זיך געשטעלט הינטער מיינע פּלייצעס,

פאַרלייגט אירע געטאָקטע אָרעמס אַרום מיין האַלדז און מיר גע־שעפּטשעט אין אויער אַריין:

— ביזט אַ טייער יינגל! דו אַליין ווייסט נישט ווי גוט דו ביזט און דערפאַר טאַקע האָב איך דיך אַזוי ליב.

זי האָט מיך לאַנג געקושט און פלוצים האָט זי זיך אויף דאָס ניי שטאַרק צעלאַכט; דאָס מאָל מיט אַזאַ קינדעריש געלעכטער. איך האָב איר אָנגעקוקט און באַוואונדערט איר פריילעכקייט.

— געדענקסט יענעם אָוונט? דאַן ווען מיר האָבן זיך ס׳ערשטע מאָל געקושט. וואָס וואָלט געשען ווען די גיטאַרע פאַלט נישט אום?...

איר פריילעכקייט האָט מיך אָנגעשטעקט און כ׳האָב געמוזט צוזאַמען מיט איר לאַכן...

אין אָוונט ביי מיינע עלטערן האָבן איר אַלע באַוואונדערט. מען האָט מיר געגעבן אָנצוהערן דורך ווינקען מיט די אויגן, אַז זי איז אַ זעלטן מיידל. מיין מוטער האָט זיך נישט געקענט באַ־הערשן און זיך מיט איר געקושט ביים געזעגענען זיך. איך האָב באמת געפילט אַ איך באַקום איר אַלץ מערער ליב. אַלע איבע־ריקע ענינים האָב איך געלאָזט פאַר מיינע און אירע עלטערן. זאָלן זיי טאָן אַזוי ווי זיי פאַרשטייען.

אַכט טעג שפּעטער זענען פאָרגעקומען אונדזערע "תנאים". דאָס איז געווען אַ שנעלע אָבער אַ נאַטירלעכע האַנדלונג. איר פאָטער האָט געוואָלט אַהיימפאָרן מיט אַ לייכטער האַרץ. צוליב די תנאים איז קאַראָלעס מוטער אויך געקומען צו פאָרן און נישט פאַרפעלט צו באַגעגענען מיין פּנים מיט פריידיקע טרערן.

און טראָץ דעם וואָס אונדזערע תנאים זענען פאָרגעקומען אין אַ זייער פריילעכער שטימונג האָב איך שטאַרק אָפּגעפילט דאָס פעלן פון איין מענטשן אויף דער פייערונג; ס׳האָט געפעלט מיין האַרציקער חבר ברין. אַך, ווען ער וואָלט געווען... וואָס פאַראַ פרייד עס וואָלט געווען, ווען ער זעט ווי קאַראָלאַ פלאַטערט אַרום אַזוי פריילעך און שטראַלנדיק. אָט־אָ די זעלבע קאַראָלאַ וואָס

איך האָב אים געהאַט פאַרגעשטעלט אַלס מיינס אַ שוועסטערל. אָרעמער חבר מיינער, טייערער, טייערער ברין!

איייניקע טעג שפּעטער איז קאַראָלאַ מיט אירע עלטערן אָפּגעפאָרן. זי האָט זיך מיט מיר זייער לאַנג געזעגנט... און באַדויערט וואָס זי מוז אַוועק און לאָזן מיך אַליין. איר פאָטער האָט מיר לאַנג געדריקט די האַנט און מיך פאַרבעטן אומבאַדינגט קומען צו זיי אויף פּסח.

כ'האָב עס אים פאַרשפּראָכן.

קאַראָלאַ האָט לאַנג געפאָכעט מיט איר האַנט פון וואַגאָן־פענסטערל, ביז דער צוג איז פאַרשוווּנדן.

# 19

דער יום־טוב האָט זיך געענדיקט. ס'האָט זיך געענדיקט מיט דער איינגעשטעלטער פריילעכקייט. מיט דעם ווינטשן און קושן זיך, צוליב די פאָרגעקומענע תנאים.

קאַראָלאַ, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע אַן אומעטיקע, אַן ערנסטע, פיל מיט זאָרג אויף איר פּנים און טרערן אין די אויגן, איז צוריקגעפאָרן אַ פריילעכע, אַ לאַכנדיקע, אַ שטראַלנדיקע, און איך בין ווידער געבליבן אַליין ווי פריער און מיך געפרעגט:

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? וואָס איז דאָ געשען? צי איז עס נישט געווען קיין חלום? צי איז טאַקע געווען אַזאַ יום־טוב? אַזאַ שמחה אַרום מיר, מיט אַזוי פיל פריינד, נאָענטע און ווייטע? מען האָט טאַקע אויסגערופן מזל־טוב! איך בין געוואָרן אַ חתן מיט אַ הערלעך מיידל וואָס מען רופט איר קאַראָלאַ? און דאָס איז פאָרגעקומען מיט דער צושטימונג פון מיינע עלטערן, פון אירע עלטערן און אויך מיט דער צושטימונג פון מיר גופא?

נאָכטראַכטנדיק אין דער אַריינגעטרעטענער איינזאַמקייט מכוח דעם וואָס ס'איז דאָ אייגנטלעך פאָרגעקומען, האָב איך קעגן מיין ווילן, כסדר געזען פאַר מיר דאָס געשטאַלט פון העלענען; ווי אירע שוואַרצע אויגן רופן מיך און שמייכלען צו מיר און דאָס טראַכטן וועגן איר האָט מיך אָנגעהויבן שרעקן.

פון צייט צו צייט פלעגט טרעפן אַז כ'האָב געוויינט, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס. אפשר איז עס געווען פון פרייד וואָס דער גורל האָט מיר צוגעשיקט אַזאַ ליב און טייער מיידל וואָס געהערט נאָר מיר און אפשר פלעג איך וויינען פונעם געדאַנק, אַז

דורכן פֿאַרבינדן זיך מיט קאַראָלען, האָט זיך געענדיקט מיין האָפֿענונג אויף העלענעס ליבע?

פֿון צייט צו צייט האָב איך געהערט אַן אינערלעכע שטימע מיך פֿרעגן:

— ביזטו צופֿרידן? אויסערלעך אפֿשר יאָ, אָבער אין האַרצן? אין דיין געוויסן?

כ׳האָב מיר נישט געקענט קלאָר מאַכן וואָס מיט מיר קומט פֿאָר. עפּעס האָט אַ בענקענדיקע נאָגעניש מיך נישט אָפּגעלאָזט. כ׳האָב אויף דאָס ניי מיר נישט געקענט געפֿינען קיין אָרט. האָב איך ווידער פּרובירט געפֿינען אַ טרייסט ביי מיין פֿידל. כ׳האָב אָפּט און לאַנג געשפּילט, ביז כ׳פֿלעג אַוועקפֿאַלן אַ מידער, אַ דערשעפּטער און איינשלאָפֿן.

אַ געוויסן אָונט האָט די נייע ווירטין, נאָך גאָר אַ יונגע פֿרוי, דאָס פּאָרל האָט ערשט נישט לאַנג צוריק חתונה געהאַט, מיך פֿאַרבעטן צו זיי אויף אָונט־ברויט און ביי דער געלעגנהייט מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן פֿאַר מיין שפּילן. כ׳האָב די איינלאַדונג גערן אָנגענומען, כדי צו פֿאַרטרייבן די איינזאַמקייט און דערנאָך האָב איך מיט זיי פֿאַרברענגט כמעט יעדן פֿרייען אָונט, ביז ס׳איז אָנגעקומען דער ערב־פּסח און כ׳בין געפֿאָרן צו מיין קאַראָלען, איינגעלאַדן פֿון אירע עלטערן כדי צו פֿאַרברענגען דעם פּסח מיט זיי אין דער וויטער פּראָווינץ.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך האָב פֿאַרברענגט גאַנצע צען טעג אין אַ קליין שטעטל. קאַראָלאַ האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין איין מינוט. זי איז געווען גליקלעך צוליב מיין קומען און אַרומגעפֿלאַטערט מיט מיר אַ שטראַלנדיקע און מיך פֿאַר איטלעכן פֿאַרגעשטעלט. ערנסט איז זי געוואָרן ערשט דאַן ווען כ׳האָב מיך געגרייט צוריקפֿאָרן קיין וואַרשע. זי איז נישט געווען צופֿרידן וואָס דער יום־טוב פּסח איז אַזוי קורץ...

## 20

און איצט, חנה'לע, קום איך צום ווילכטיקסטן, אפשר צום סאַמע אינטערעסאַנטסטן פונקט פון מיין דערציילונג:

צוריקקומענדיק קיין וואַרשע, האָב איך מיך גלייך גענומען צו מיין אַרבעט און מיך געפילט זייער גוט. כ'בין געווען פיל מיט מוט און כ'האָב באמת געגלויבט, אַז ס'זענען שוין פאַר־שוואונדן די פריערדיקע טרויעריקע איינזאַמע טעג און אָוונטן. ס'ווייזט אָבער אויס אַז אַזעלכעס איז מיר נישט געווען באַשערט...

קורץ נאָך מיין צוריקקומען, דערהאַלט איך צו מיין גרויסער איבעראַשונג, אַ בריוועלע פון העלענען, אין וועלכן זי האָט מיך געבעטן כ'זאָל צו איר אַרויפקומען... אַז זי דאַרף מיך זייער נויטיק זען.

ס'האַרץ האָט מיר גענומען האַסטיק קלאַפּן, כ'האָב געמיינט אַז עס שפּרינגט פון מיר אַרויס. מיט שטוינען האָב איך באַטראַכט דאָס בריוועלע. עס געלייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל. ס'האָט מיך באַהערשט אַ מאָדנער פּחד און כ'האָב פּרובירט טרעפן, פאַרשטיין די סיבה פון איר בעטן מיך אַרויפקומען צו איר אין שטוב אַריין...

גאָט מיינער, וויפל מאָל האָב איך איר געשריבן און געבעטן זי זאָל אַרויפקומען צו מיר. וויפל אָוונטן האָב איך געוואַרט אויף איר, גלויבנדיק אַז זי וועט צו מיר אַרויפקומען נאָך דעם, ווי זי האָט עס מיר אייניקע מאָל פאַרשפּראָכן און דאָ פּלוצים, באַווייזט זיך פון איר אַזאַ אומגעריכט בריוועלע, מיט דער ביטע אַז דאָס זאָל איך גאָר צו איר אַרויפקומען. אַז זי דאַרף מיך זייער נויטיק האָבן. זאָל איך טאַקע צו איר אַרויפגיין? יאָ, ניין?

אָבער איז דען מעגלעך געווען כ'זאָל באַקומען פון העלענען

אַזעלכע שורות און כ׳זאָל איר ווונטש נישט דערפילן? כ׳זאָל איר נישט גיין זען? אַך, כ׳האָב אויף דאָס ניי דערשפּירט דאָס גאַנצע מעכטיקע ליבע־געפיל וואָס כ׳האָב געטראָגן אין מיין האַרצן צו דעם דאָזיקן מיידל, וואָס איז געווען צו מיר אַזוי גרויזאַם, מיך געלאָזט מיט מיינע ליידן. כ׳האָב געפילט אַז די ווונד אין מיין האַרצן, וואָס האָט זיך אפשר געהאַלטן ביים פאַרמאַכן, עפנט זיך אויף דאָס ניי אויף און בלוטיקט.

פאַרנאַכט בין איך צו איר אַרויף.

אַרויפקומענדיק אין הויז אין וועלכן זי האָט געוווינט און גייענדיק איבער די טרעפּ, האָט מיין האַרץ אַלץ האַסטיקער זיך גענומען וואַרפן אין מיר. יעדע שטיג איז ביי מיר געווען ווי דאָס אַרויפקלעטערן אויף אַ הויכן באַרג אַרויף. צוקומענדיק צו דער טיר פון זייער וווינונג, האָט מיר אויסגעפעלט אָטעם.

כ׳האָב לייכט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אַ יינגערער ברודער העלענעס האָט מיר געעפנט און געוואַרט כ׳זאָל אַריבערטרעטן די שוועל. כ׳בין געשטאַנען ווי עפּעס אַ פאַרזינדיקטער און נישט געצווייפלט אַז מיין שווער פאַרגעפיל אויף עפּעס אַן אומהיימלעכקייט, נאַרט מיך נישט אָפּ.

העלענע איז מיר גלייך אַנטקעגנגעקומען. אירע אויגן זענען דאָס מאָל געווען מאַט, אויסגעלאָשן, און אַן דעם שטענדיקן שמייכל אויף איר פּנים. העלענעס מוטער האָט דורכגעשפּאַנט דאָס צימער. זי האָט אויף מיר געגעבן אַ בייזן בליק און מיט אַ סך איראָניע אין איר שטימע מיר צוגעוואָרפן:

— מזל טוב אייך...

כ׳האָב אָפּגעפילט דעם "מזל טוב" ווי אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ...

העלענע האָט מיך שנעל אַריינגעפירט אין איר צימער און פאַרמאַכנדיק די טיר, האָט זי זיך גענומען פאַרען ביי אַ שאַנק, נישט אַרויסרעדנדיק צו מיר קיין וואָרט.

כ׳האָב באַמערקט אַז זי נעמט פון דאָרט אַרויס אַ קעסטעלע, ס׳איז געווען דאָס זעלבע קעסטעלע וואָס כ׳האָב איר געשיקט

צוזאַמען מיט מיין ערשט ליד... אין דעם דאָזיקן קעסטעלע האָט זי געהאַלטן אַלע מיינע קאָמפּאָזיציעס און לידער וואָס כ'האָב פאַר איר געשאַפן און אומקערנדיק זיך צו מיר, האָט זי עס מיר דער־לאַנגט, זאָגנדיק מיט אַשטימע פול מיט פאַרביטערונג:

— נעם עס דיר צו, ס'איז דיינס!...

כ'בין געשטאַנען אַ צערודערטער און געפילט אַז עס הויבט מיר אָן שווינדלען אין די אויגן. כ'האָב פּרובירט פאַרשטיין וואָס איז דאָ געשען און טראַץ מיין ווילן מיך צו באַהערשן, האָב איך געשריגן:

— וואָס קומט דאָ פאַר! וואָס קומט דאָ פאַר?...

—מיך פרעגסטו? — האָט זי מיט אַ סאַרקאַסטיש־ווייטיק־לעכער שטימע זיך אָפּגערופן — פרעג דיך, דאָס ביזטו דאָך דער העלד פון דער קאָמעדיע. דיך פרעג!...

און נאָך אַ ווײַלע שווייגן, בעת וועלכער זי האָט מיך באַ־טראַכט מיט אַ שווערן פאָרוואורף אויף איר פּנים און מיט ממש אויסגעלאָשענע אויגן, האָט זי צוגעגעבן:

— כ'האָב געמיינט, כ'האָב געגלויבט אַז דאָס וואָס דו שרייבסט אין דיינע ווידמונגען פאַר מיר, איז ביי דיר ערנסט, און כ'האָב געוואַרט אויף דיינס אַ שריט, אויף אַ וואָרט, אויף דיינס אַ האַנד־לונג, נו, איז נאָכגעקומען די ידיעה וועגן דיינע תנאים!...

הערנדיק איר פאַרביטערונג, זעענדיק די שווערע ווייטיק אויף איר פּנים און הערנדיק איר שטימע וואָס האָט געקלינגען ווי דורך טרערן, האָב איך צו מיין גרויסער איבעראַשונג, אָנגע־הויבן באַגרייפן דאָס גאַנצע טראַגישע מיספאַרשטענדעניש וואָס איז געשען צווישן אונדזביידן; אַז כ'בין געווען נאַאיוו און בלינד נישט צו זען, אַז די פריינדשאַפט וועלכע זי האָט מיר אַרויסגע־וויזן, אַז הינטער דעם שמייכל מיט וועלכן זי פלעגט מיך איט־לעכעס מאָל אויפנעמען, איז געלעגן אַ סך אַ טיפערער געפיל צו מיר. אַז דאָס איז געווען ליבע צו מיר, וואָס האָט געוואַרט אויף מיינס אַ זשעסט, אויף אַ וואָרט פון מיינע ליפּן. אַ וואָרט וואָס

כ׳האָב כסדר געוואָלט אַרויסזאָגן און וואָס איז נישט געזאָגט געוואָרן. כ׳האָב אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז כ׳האָב פאַרשפּילט דאָס טאַמע טייערסטע נאָך וועלכן כ׳האָב אַזוי פיל געחלומט און גע־ליטן. אַ טרוים וואָס האָט זיך געקענט רעאַליזירן און וואָס האָט מיר צוליב מיין צוריקגעהאַלטנקייט, פאַרשאַפט אַזוי פיל שלאָפ־לאָזע נעכט און אַזוי פיל ווייטיק.

פון אויפטרייסלונג האָט איך געמיינט אַז כ׳ברעך צוזאַמען. אַז כ׳פאַל אַנידער אויף דעם באָדן. כ׳האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג מיך צו שלאָגן, געבן מיר אומרחמנותדיקע קלעפּ פאַר דעם געשעענעם.

— העלענע, העלענע! — האָב איך געשטאַמלט — איך קען מיר דאָס גאָרנישט צוגלויבן. ס׳איז מיר אוממעגלעך צו באַנעמען דיינע רייד, וועלכע כ׳הויב אָן דוכט זיך צו פאַרשטיין. איז עס מעגלעך, אַז דו וואָלסט נישט אָפּגעוואָרפן מיין ליבע? איז עס טאַקע אַזוי געווען, אַז דו האָסט געהאַט פאַר מיר דאָס זעלבע ליבע געפיל ווי איך פאַר דיר? איז עס מעגלעך אַז עסטושקע זאָל קענען אויסטראַכטן אַזאַ שווידערלעכן ליגן, ווען זי האָט מיר איבערגעגעבן דיינע רייד, דיינע אייגענע רייד? און וואָס איז געשען אין דעם זעלבן טאָג, און אין דער זעלבער שעה, ווען דו האָסט צוגעזאָגט אויף זיכער צו מיר אַרויפצוקומען! ווייסטו, קענסטו וויסן וואָס איך האָב אין מיין ליבע צו דיר, אויסגעליטן? וועסטו אַ מאָל פאַרשטיין, וואָס פאַראַ ווייטעניש עסטושקעס רייד האָבן דאַן אַריינגעבראַכט אין מיין האַרץ?

איך האָב אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער גערעדט:

— אויב דו האָסט פאַרשטאַנען מיינע לידער. איז פאַרוואָס האָסטו זיך געהאַלטן אַזוי ווייט פון מיר? פאַרוואָס האָסטו מיר קיינמאָל נישט געגעבן קיין צייכן אַז דו האָסט מיך פאַרשטאַנען? פאַרוואָס האָסטו מיך שטענדיק כמעט ווי אָפּגעשטויסן פון זיך און מיר נישט געגעבן קיין געלעגנהייט צו עפענען פאַר דיר מיין האַרץ? פאַרוואָס?

פינקען האָבן זיך אָנגעצונדן אין אירע אויגן וועלכע האָבן

אַ גלאַנץ געטאָן אומהיימלעך און מיט אַ סך ביטערניש, האָט זי מיר צוגעוואָרפן:

— אָרעמער וואָס דו ביזט. וויפל צייט און געלעגנהייטן דאַרף מען עס האָבן כדי צו זאָגן אַ מיידל וועלכע מען ליבט, אויב מען ליבט זי טאַקע, וועגן דעם אָפּגעפּילטן סענטימענט? אַ גאַנץ יאָר איז דיר געווען ווייניק? און אַ גאַנצע נאַכט אויף דער קאַלאָניע, איז דיר ווייניק געווען? האָסט דאָך געמעגט אַ טראַכט טאָן אַז איך בין אַ מיידל און אַז ס'איז נישט פּאַר קיין מיידל צו קומען פרעגן דעם בחור וועגן זיינע געפילן צו איר, כאָטש כ'האָב עס נישט איינמאָל געוואָלט, אפילו געחלשט צו טאָן, דיינע ווידמונגען, דיינע לידער זענען טאַקע זייער שיין, אָבער ווו איז געווען דיינס אַ וואָרט? אַ דירעקט, אַ לעבעדיק וואָרט צו מיר?

איר שטימע איז געוואָרן שוואַך, די פינקען אין אירע אויגן האָבן זיך צוריק פאַרלאָשן. טרערן האָבן איצט געפינקלט אין אירע ברעמען און נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט זי אויף דאָס ניי אָנגע־הויבן מיט אַ שטילער פול מיט ווייטיק שטימע:

— יאָ, איך ווייס וועגן דעם וואָס זי האָט דיר דערציילט.... ווען כ'האָב מיך דערוווסט וועגן דיינע תנאים, האָב איך מיך אויך דערוווסט וועגן דעם ליגן. יאָ, אַ שוידערלעכער ליגן! די מעשה וועלכע עסטושקע האָט דיר דערציילט. האָט זי געטאָן כדי אונדז טאַקע צו צעשיידן. יאָ, אויך זי האָט דיך ליב. זי האָט אַזוי אַרום געהאָפט דיך קענען געווינען פאַר זיך... זי האָט איר חלק שולד אין דעם וואָס ס'איז געשען, אָבער דו... דו האָסט נישט קיין שום פאַרענטפער פאַר דיין שווייגן. פאַר דיין נישט זאָגן מיר מיט קיין וואָרט אַז דו האָסט מיך ליב. אויב ס'איז נאָר אמת אַז דו האָסט מיך טאַקע ליב געהאַט, און די אַלע לידער און ווידמונגען זענען נישט געווען בלויז אַ פאַנטאַזיע פון אַ ראָמאַנטישן בחור!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געהאַלטן אירע אויגן אַראָפּ־געלאָזט.

כ'האָב געהאַלטן מיינע הענט אָנגעשפּאַרט אויף דעם אָנלען

פון אַ שטול, און געשטאַנען שוויגנדיק ווי אַ געשלאָגענער הונט. מאָמענטנווייז האָב איך געפילט, אַז כ׳וועל אויסברעכן אין אַ ביטער געוויין און כ׳האָב געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען עס זאָל דערצו נישט דערגיין. מיט אַ געבראָכענער שטימע האָב איך צו איר גערעדט.

— העלענע, דו ביזט אפשר גערעכט. כ׳זאָג אפשר, ווייל איך האָב נישט געקענט דיר זאָגן אַזוי איינפאַך ׳איך האָב דיך ליב״. דאָס איז נישט קיין וואָרט וואָס מען זאָגט עס אָפט. דאָס איז אַ זעלטן וואָרט, אַ הייליק וואָרט. מען זאָגט עס אַרויס מיט אַ ציטער אין האַרצן. דאָס וואָרט זאָגט מען בלויז איינמאָל אין לעבן... און אָט דאָס הייליקע וואָרט האָב איך זיך געגרייט דיר צו זאָגן דע־מאָלט, ווען דו וואָלסט אַרויפגעקומען צו מיר. איך וואָלט געשפילט פאַר דיר מיינע לידער און איך וואָלט דיר געגעבן צו פאַרשטיין אַז מיינע לידער זענען אַ ליבע־געבעט צו דיר און כ׳וואָלט דיך געבעטן זאָלסט אַקצעפּטירן מיין ליבע צו דיר. דעמאָלט וואָלטן מיר זיך פאַרשטאַנען... אָבער דעמאָלט, אין דער זעלבער שעה, אין זעלבן מאָמענט ווען איך האָב מיט אַזוי פיל האָפענונג געוואַרט אויף דיין קומען, איז גאָר עסטושקע געקומען אויף דיין אָרט, ברענגענדיק צו מיר אָט דעם שוידערלעכן ליגן... און איך האָב איר געגלויבט, ווייל ס׳איז נישט געקומען פון דיר קיין שום וואָרט, וואָס זאָל פאַרענטפערן דיין נישט קומען דעמאָלט. מיין נישט אַז צוליב דעם האָב איך מיך פאַרליבט אין אַן אַנדערער... מיין האַרץ בלוטיקט און וויינט אין מיר גענוג, ווען איך רעד וועגן דעם.

כ׳האָב אָפּגעהאַקט. טרערן האָבן מיך גענומען שטיקן אין האַלדז און כ׳האָב נישט געקענט מער אַרויסברענגען קיין וואָרט און אויך נישט אַראָפּנעמען מיינע בליקן פון העלענען, וואָס איז געזעסן, דעם קאָפּ אירן אָנגעשפּאַרט אויף אירע הענט, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

אַ לענגערע צייט האָט אין צימער אָנגעהאַלטן אַן אומהיימ־לעכע שטילקייט. העלענע האָט מיטאַמאָל ווי אויפגעכאַפּט זיך

פון אַ שלאָף גענומען דאָס קעסטעלע, עס מיר צוגערוקט און געזאָגט:

— נאַ, דאָ האָסטו דיינע ליבע־דערקלערונגען... גיב עס די וועלכע פאַרשטייט בעסער פון מיר!...

— ניין, העלענע! טו עס נישט. אין דעם קעסטעלע ליגט מיין האַרץ וואָס געהערט נאָר דיר!...

— וואָס טויג מיר דיין האַרץ? עס געהערט איצט צו אַן אַנדערער...

— קיינמאָל נישט, העלענע, קיינמאָל נישט!

זי האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן, נישט אָפגעענטפערט, נאָר געבליבן זיצן אָן וועלכער ס׳איז באַוועגונג אין איר פריערדיקער פּאָזע.

כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. כ׳האָב מיך עט־וואָס אויסגעגלייכט, פילנדיק אַז מיינע פיס האַלטן מיך קוים. כ׳האָב געוואָלט אָנהויבן רעדן, איר אַ סך זאָגן. כ׳האָב איר גע־וואָלט דערציילן וועגן אַלע מיינעליידן צוליב איר. כ׳האָב איר געוואָלט דערציילן ווי אַזוי דער שידוך מיינער איז צושטאַנד־גע־קומען. אַז דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון מיין איינזאַמקייט, פון דער ליבער קאַראָלע וואָס האָט אַריינגעבערענגט אַביסל ליכט און טרייסט אין די פינסטערע טעג מיינע. כ׳האָב איר געוואָלט דערציילן וועגן קאַראָלעס קראַנקן פאָטער, וואָס האָט ביי מיר געבעטן די האַנט און דעם צוזאָג פאַר זיין קינד... אַ זאַך וואָס איז געשען אָן מיין כוונה און אָן מיין זוכן עס. כ׳האָב איר געוואָלט דערציילן אַלץ, אַלץ. אָבער געפילט האָב איך, אַז כ׳בין איצט אַן איבעריקער און געוואָלט פאַרשווינדן ווערן אַלץ איינס ווי אַזוי.

אָן צו זאָגן נאָך עפּעס אַ וואָרט, האָב איך אויפגעפּראַלט די טיר. אַדורכגעלאָפן אַלע צימערן ווי דורך אַ בראַנד, ביז איך האָב מיך גע־פונען אין הויז. אין איין אָטעם בין איך אַראָפּ פון די שטיגן און אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, האָב איך מיך מער נישט אָפּגעהאַלטן און אָנגעהויבן וויינען...

דערנאָך בין איך געגאַנגען גאַס־איין גאַס־אויס. אָן אַ ציל און אָן וועלכן ס׳איז פאַרלאַנג אין האַרצן. פאַר מיינע אויגן האָט זיך ווי פונאַנדערגעוויקלט אַ פילם אויף וועלכן כ׳האָב געזען קאַראַלען, וואָס מאַכט מיר אַ פאָרוווּרף למאי ״איך האָב זיך גע־לאָזט באַאיינפלוסן פון דער עסטושקע, אַז כ׳האָב דאָך געקענט פּרובירן מיך איבערציייגן אינעם אמת. וואָרעם כ׳האָב דאָך שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן״. כ׳האָב געזען עסטושקען ביי מיר אין צימער און געהערט אירע רייד: ״ס׳דוכט זיך דיר, העלענע וועט קיינמאָל נישט זיין דיינע״ און לסוף האָב איך ווידער געזען העלענען; אירע מאַטע פאַרלאָשענע אויגן, איר אומעטיק געזיכט און געהערט איר רעדן צו מיר: ״אָרעמער וואָס דו ביזט, האָסט דען איינמאָל מיר געזאָגט אַז דו האָסט מיך ליב? וויפל צייט דאַרף מען עס האָבן אויף צו זאָגן די פאָר ווערטער! האָב איך דען באַדאַרפן פאַרשטיין און טרעפן וואָס דיינס אַ מעלאָדיע דאַרף אין דער אמתן באַדייטן״?...

און אַזוי אָן אויפהער. כ׳האָב געזען איין בילד נאָכן אַנדערן, איין סצענע נאָך דער אַנדערער און ס׳איז מיר געקומען אַ געדאַנק: ״אפשר קען איך פאַריכטן דעם שרעקלעכן פעלער?״ אַ ניין, ליידער, ליידער איז עס שוין נישט מעגלעך. כ׳האָב געזען קאַ־ראָלעס פאָטער; ווי ער שטרעקט מיר אויס זיין האַנט און זאָגט צו מיר: ״גיב מיר דיין האַנט און דיין וואָרט, אַז דו וועסט מיין קינד נישט פאַרפירן, אַז דו וועסט איר נישט אומגליקלעך מאַכן״. כ׳האָב אים געגעבן מיין האַנט און מיין וואָרט. אַזעלכעס ענדערט מען נישט!...

איך שפּאַן כסדר איבער די גאַסן, שפּאַן סתם אין דער וועלט אַריין און כ׳טראַכט, אַז איצט ערשט וועלן מיינע ליידן אויף דאָס ניי זיך אָנהויבן. ווי אַזוי וועל איך קענען לעבן אין די דאָ־זיקע באַדינגונגען? ווי אַזוי וועל איך קענען לעבן מיטן באַ־וווסטזיין אַז אין דער זעלבער שטאָט געפינט זיך אויך העלענע וואָס ליבט מיך און לייד. ווי אַזוי וועל איך דאָס קענען איבער־

טראָגן? האָב איך מיך מערערע מאָל געפרעגט, ווי אַזוי וועט עס מיר גאָר זיין מעגלעך?

כ׳האָב מיך אָנגעהויבן פילן אַן איבעריקער אין וואַרשע, עס האָט מיך פון אומעטום אַרויסגעטריבן. מיר האָט זיך געדומען אויסדוכטן, אַז צווישן די חברים און אין די קלובן ווו כ׳גיב מיינע לעקציעס, סוד׳עט מען זיך אויף מיין חשבון און כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ סוף מאַכן צו דער סיטואַציע. איז מיר געקומען דער געדאַנק אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד, אַז אי־בערייסנדיק פולשטענדיק מיט וואַרשע, מיט מיינע קאָנצערטן, מיט דער לעשנע גאַס און אַלעם איבעריקן, וועל איך זיין בכוח מיך צו באַפרייען פון דעם ביטערן געפיל וואָס האָט מיך אָנגעהויבן אַלץ שווערער צו פייניקן.

דאַן האָט זיך פאַר מיר געשטעלט די פראַגע פון וווהין פאָרן? אין וועלכן לאַנד? כ׳האָב מיך דערמאָנט אין אַ גוטן חבר, וואָס איך האָב אָנטיילגענומען אויף אַ געזעגענונגס־באַנקעט צו זיין אָפּפאָרן קיין פראַנקרייך און כ׳האָב צו אים געשריבן. קורץ דער־נאָך האָב איך פון אים באַקומען אַ בריוול אַז ער וועט צוטרעטן אַדורכפירן אַלע נויטיקע פאָרמאַליטעטן פאַר מיין רייזע און כ׳האָב מיך גענומען גרייטן צו פאַרלאָזן וואַרשע. עס זענען פאָרגעשטאַנען מערערע פאָרמאַליטעטן צו רעאַליזירן וואָס האָבן געפאָדערט אַ סך צייט, אָבער שוין דער געדאַנק פון דער פאָרשטייענדיקער רייזע, אַז איך וועל בקרוב פאַרלאָזן די שטאָט, האָט מיר געגעבן כוח איבערצוטראָגן די קאַרגע דריי חדשים פון מיין איינזאַם לעבן, וואָס איז געווען פול מיט פיינען צוליבן טראַכטן פון דעם געשעע־נעם און פון ציטערן ביים געדאַנק פון קענען זיך ערגעץ־ווו צו־נויפטרעפן מיט העלענען אָדער אפשר גאָר מיט... עסטושקען.

אַז כ׳האָב ענדלעך באַקומען מיינע פאַפירן אויף אָפּצופאָרן, האָב איך אָפּגעזאָגט דאָס צימער. מיט אַ סך ווייטיק מיך אָפּגע־זאָגט פון מיינע אָרקעסטערס, אונטערן אויסרייד "פון פילן זיך מיד", "פון דאַרפן ערגעץ אַוועקפאָרן", נישט זאָגנדיק קיינעם

וווהין און נאָכן דערלעדיקן די לעצטע פאָרמאַליטעטן, האָב איך פאַרלאָזט וואַרשע. איך האָב פאַרלאָזט וואַרשע ווי אַ... גנב, אָן זיך מיט וועמען ס׳איז צו געזעגענען, טראָץ די הונדערטער נאָענטע מענטשן און חברים וועלכע כ׳האָב געהאַט און וואָס האָבן מיך ליב געהאַט.

טראָץ דעם וואָס איך אַליין פלעג אָנטיילנעמען אויף אַזוי פיל געזעגענונגס־באַנקעטן בין איך אַוועק אָן אַ ״זייט געזונט״, אָן געבן וועמען ס׳איז אַ מעגלעכקייט צו קומען מיך געזעגענען.

און אַז כ׳האָב מיך אַריינגעזעצט אין צוג כדי אָפּצופאָרן אין דער ווייטער רייזע האָב איך פאַרשטייט זיך כסדר געטראַכט וועגן דעם וואָס ס׳איז געשען; וועגן דעם וואָס איך האָב ביז איצט איבערגעלעבט און איבערגעליטן און מיך געפרעגט: ״ווי אַזוי וועט איצט אויסזען מיין ניי לעבן, ווייט פון מיינע ביז־איצטיקע פריינד און באַקאַנטע? ווייט פון מיינע שילערס און אָרקעסטערס?״ אָבער דער גערויש פון לויפנדיקן צוג האָט מיר געשטערט דאָס טראַכטן. אָפּטמאָל האָב איך אינעם קלאַפּן פון די רעדער געהערט אַ כסדרדיקן ״כ׳האָב דיך ליב״, ״כ׳האָב דיך ליב״, ״כ׳האָב דיך ליב״... כ׳האָב מיט אַלע כוחות פּרובירט איינשלאָפן, כדי נישט צו טראַכטן וועגן דעם אַדורכגעלעבטן, אָבער נישט אַלעמאָל איז עס מיר געלונגען. אָט האָב איך פאַר מיר געזען העלענען און אָט קאַראָלען און ווידער העלענען און אויף דאָס ניי האָב איך געהערט די רעדער אויסקלאַפּן דעם ״כ׳האָב דיך ליב״, ״כ׳האָב דיך ליב״...

# 21

כ׳בין אָנגעקומען קיין פּאַריז.

מיין חבר מיט זיין פאַמיליע האָבן מיך אָפּגעוואַרט ביים קומען, מען האָט זיך מיט מיר געפרייד. איך אַליין בין אויך געווען צו־פרידן אים צו זען און אויך צו זען די שטאָט, דאָס באַרימטע פּאַריז מיט אירע גאַסן, פּלעצער און בולוואַרן. אָבער דער יום־טוב האָט פאַרשטייט זיך לאַנג נישט אָנגעהאַלטן; מען האָט געדאַרפן אַדורכ־מאַכן אַ ריי פאָרמאַליטעטן וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן באַקומען די רעכט אויף צו פאַרבלייבן אין דער שטאָט און דערנאָך האָט זיך מיט דער גאַנצער שאַרף געשטעלט פאַר מיר דאָס פּראָב־לעם פון באַשעפטיקונג, מכוח וואָס טאָן?

וועגן מיינע מוזיקאַלישע אַרבעטן איז נישט געווען וואָס צו רעדן, וואָרעם קיין יידישע אָרקעסטערס האָבן דאָ נישט עקזיסטירט, פונקט ווי ס׳האָט דאָ בכלל נישט עקזיסטירט קיין גרויס יידיש קולטור־לעבן. ס׳איז געווען קלאָר, דאָס אויב איך האָב בדעה מיך איינצוואָרדענען אין פּאַריז, מוז איך דערווייל פאַרגעסן אין מיין מוזיק און ווערן אַ פיזישער אַרבעטער, ווי עס זענען עס געווען אַ סך פריש־אָנגעקומענע יידישע עמיגראַנטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען מערערע, וואָס האָבן אין דער אַלטער היים זיך פאַרנומען מיט אינטעלעקטועלע פּראָפעסיעס.

דאָ האָט מיר געהאָלפן מיין פּראָלעטאַרישע איינשטעלונג; אַליין אַ קינד פון דער גרויסער וואַרשעווער אָרעמקייט, אַן אָנגע־העריקער צו פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס, האָב איך אין האַרצן גאָר אָפּגעפילט אַ געוויסע צופרידנהייט פון אַריבערגיין צו דער

פיזישער אַרבעט, און כ׳האָב אָנגעהויבן לערנען דאָס שטריקער־פאַך ביי מיין חבר, אַ פאַך וועלכעס כ׳האָב צו מיין אייגענער שטוינונג, זייער שנעל באַהערשט.

טראָץ דעם וואָס כ׳בין נישט געווען געוווינט צו קיין פיזישער אַרבעט, האָב איך מיך שנעל צוגעוווינט צו די נייע באַדינגונגען. אוודאי איז עס מיר נישט לייכט אָנגעקומען. נישט לייכט איז מיר אויך געווען דאָס צוגעוווינען זיך און דאָס נאָכקומען דעם פאַרי־זער טעמפּאָ, וואָס האָט מיך די ערשטע צייטן זייער שווער פאַר־מאַטערט.

טראָץ דער מידקייט, פלעג איך אויף מיין געלעגער אויפזיין האַלבע נעכט, געמאַטערט פון בענקשאַפט נאָך אַלע מיינע נאָענטע. נאָך די אַלע אַלטע געוווינהייטן און גאָר ספּעציעל האָב איך געליטן פון בענקשאַפט נאָך קאַראָלען, וועגן וועמען כ׳האָב מיך צוגעוווינט צו טראַכטן ווי וועגן אַ וועזן וואָס געהערט צו מיר. כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אונטערנעמען שריט אויף אַריבער־צוברענגען איר קיין פּאַריז און כ׳האָב געמאַכט גרויסע אָנשטרענ־גונגען ביי מיין אַרבעט אויף צו פאַרדינען וואָס מער כדי מיר איינצואָרדענען אַ שיינע וווינונג.

צום יאָר פון מיין פאַרלאָזן וואַרשע, איז קאַראָלאַ געקומען קיין פּאַריז און מיין לעבן האָט ענדלעך אָנגעהויבן ווערן פריי־דיקער און כ׳בין באמת געווען גליקלעך.

קאַראָלאַ איז געווען אַזוי ווי איר פאָטער האָט מיר פאָראויס־געזאָגט: אַן ערלעכע, גוטע און געטרייע פרוי. ער האָט נאָר פאַרגעסן צוגעבן, אַז זי וועט אויך זיין אַ ליבע פרוי! מיר האָבן באמת געלעבט גליקלעך, אָבער ליידער נישט לאַנג.

ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה.

פונקט ווי אַ סך טויזנטער אַנדערע יידן, האָב איך מיך אַנגאַ־זשירט אַלס פרייוויליקער אין דער אַרמיי און איבערגעלאָזט די ליבע קאַראָלאַ מיט צוויי מלאכימלעך, אונדזערע קינדער, וואָס

זענען געווען שיין ווי זייער מוטער און וואָס האָבן פאַרמאָגט גאָל־דענע הערלעך און בלויע אויגן.

אַ יאָר שפּעטער, נאָכן צוזאַמענברוך פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, בין איך אַ דעמאָביליזירטער, ווידער געווען אין דער היים, צוזאַמען מיט מיין קאַראָלאַן און די טייערע קינדערלעך. אָבער די לאַגע איז דאַן גאָרנישט געווען קיין פריילעכע. פּאַריז איז געווען אָקופּירט דורך די נאַציס. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אָבלאַוועס אויף יידן, אַ זאַך וואָס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַן אַלץ אָפטערע דערשיינונג און מען איז כסדר געווען איינגעשטעלט אַריינצופאַלן צו די דייטשן אין די הענט אַריין.

איך האָב אָנגעהויבן נעכטיקן ביי אַ שכן, אַ פראַנצויז, ביז ס׳איז געקומען דער טרויעריקער זעכצנטער יולי פון יאָר 1942 און כ׳האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען ווי מען פירט אַוועק מיין טייערע קאַראָלאַ מיט די קינדערלעך.

איך האָב געוואָלט לויפן, שרייען, אַראָפּשפּרינגען דורכן פענס־טער, אָבער דער פראַנצויז, דער שכן מיינער האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון טאָן אַ וועלכן ס׳איז נישט באַרעכנטן שריט.

כ׳בין געלעגן ביי מיין שכן ביז אין אָוונט, ערשט דאַן האָב איך מיך ריזיקירט אַראָפּצוגיין אין גאַס און מיך ערשט דערוווּסט דעם טראַגיש־גרויסן פאַרנעם פון די געשעענישן וואָס האָבן זיך אין דעם טאָג אָפּגעשפּילט אין פּאַריז מיט אונדז יידן, אַז מען האָט אפילו אַרויסגענומען און פאַרשלעפּט קראַנקע פון די שפּי־טעלער. כ׳האָב מיך אַרומגעדרייט ווי משוגע, מיר געריסן די האָר פון קאָפּ. אין מיין גרויסער פאַרצווייפלונג, בין איך אפילו אַריין אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, ווו כ׳האָב געשריגן ווי אַ ווילדער:

— פירט מיך אַהין ווו איר האָט אַוועקגעפירט מיין פרוי מיט די קינדערלעך, פירט מיך אַהין, פירט מיך אַהין!

דער קאָמיסאַר האָט אויף מיר געשריגן און מיך געוואָרנט:

— אַנטלויף, משוגענער! אַנטלויף שנעל, ראַטעווע דיך!

איך האָב נישט אויפגעהערט צו שרייען, אַז איך וויל זיין

צוזאַמען מיט מיינע נאָענטע, אַז איך וויל טיילן זייער גורל; אָבער צוויי פּאָליציי־לייט האָבן מיך אָנגענומען מיט קראַפּט און מיך אַרויסגעפירט אויף דער גאַס.

איייניקע פראַנצויזישע פאַרבייגייער, וואָס האָבן צוגעזען די סצענע און מיין אַמפּערן זיך מיט די פּאָליציי־לייט, האָבן זיך אָפּגע־שטעלט מיט נייגעריקייט. דערוויסנדיק זיך וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט מיך איינער פון זיי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, מיך אָפּגע־פירט אין אַ זייט און מיר איינגערוימט:

— אַנטלויף אין דער אַנדערער זייט פראַנקרייך, אין דער "פרייער זאָנע", אויב דו ווילסט נאָך זיין אַ מאַן צו דיין פרוי און אַ פאָטער צו דיינע קינדער, אַנטלויף!

אין יענע טעג, האָבן אַ סך יידן אָנגעהויבן אַנטלויפן אין נישט־באַזעצטן פראַנקרייך. איך האָב מיך לסוף אויך דעצידירט צו טאָן דאָס זעלבע. ס'איז נישט געווען אַזוי פּשוט, אַריבערצוקומען אין דער אַזוי־גערופענער "פרייער זאָנע", וואָרעם מען איז געווען אויסגעשטעלט ביים אַריבערגיין די נייע "גרענעץ" אַריינצופאַלן אין די דייטשע הענט. אָבער דאָס אַריבערקומען אויף דער אַנדערער זייט איז מיר סוף־כל־סוף געלונגען און דאָן האָב איך מיך אָנגע־שלאָסן אין די פּאַרטיזאַנישע גרופּן וואָס האָבן געקעמפט קעגן די דייטשן. כ'האָב אַדורכגעמאַכט דאָס גאַרנישט לייכטע לעבן פון די פראַנצויזישע מאַקיזאַרן ביז איך האָב ענדלעך דערלעבט די באַפרייאונג.

חדשים לאַנג האָב איך געהאָפט אויף דעם צוריקקומען פון קאַראָלען מיט די קינדערלעך. צוליבן אָנקומען פון אַזוי פיל אָפּגע־ראַטעוועטע יידן וואָס זענען אַרויסגעקומען פון די באַהעלטע־נישן, צוריקגעקומענע פון די לאַגערן און פון די יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, און וואָס זענען דערנאָך, נאָך זייער אומקערן זיך צוריק קיין פוילן, ווו זיי האָבן אַלץ געטראָפן חרוב, האָבן זיי אויסגעוואַנדערט קיין פראַנקרייך,

האָב איך אָנגעהויבן האָפן אויך אויפן באַווייזן זיך פון... העלענען. אפשר, אפשר האָט זי זיך אָפּגעראַטעוועט!

כ׳האָב נישט אויפגעהערט צו זוכן אין די צייטונגען, אין די אָמטן און צו פרעגן ביי יעדער געלעגנהייט. ליידער איז קיינער פון מיינע נאָענטע נישט צוריקגעקומען, זיך נישט אָפּגעראַטעוועט, זיך נישט אָפּגערופן. אויך מיין פאַריזער חבר איז נישט צוריק־געקומען פון דעפּאָרטאַציע און אויך קיינער פון זיין הויז־געזינט האָט זיך נישט אָפּגעראַטעוועט.

אין פאַרלויף פון צוויי יאָר צייט, זינט דער באַפרייאונג, האָב איך געפירט אַ רעזיגנירט און איינזאַם לעבן, ביז פריינד האָבן צו מיר אָנגעהויבן צושטיין, ציענדיק מיין אויפמערקזאַמקייט אויף אַ סך אַזעלכע ווי איך, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך אויפשטעלן אַ נייע היים. זייערע אַרגומענטן האָבן מיך סוף־כל־סוף באַווירקט און טראָץ מיין אַפּאַטיע און דערשלאָגנהייט, האָב איך מיך אויף דאָס ניי פאַרבונדן מיט אַ פרוי וואָס האָט געהאַט אַ יינגעלע פון איר ערשטן מאַן, וואָס איז אומגעקומען אין דעפּאָרטאַציע. אָט דאָס יינגעלע איז טאַקע מיין זון, וואָס געפינט זיך אין מיליטער און וועמענס פלאַץ דו, חנה׳לע, פאַרנעמסט היינט.

— אָט־אָ דאָס, חנה׳לע, וואָס דו האָסט ביז איצט געהערט, איז דער עיקר, דער סאַמע עיקר פון מיין לעבנס־דערציילונג!

## 22

כ׳האָב איבערגעריסן מיין דערציילן און אָפּגעעטעמט. כ׳האָב דערפילט אַ לייכטקייט אויפן געמיט, פונקט ווי איינער וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיך אַ שווערע משא, נאָכן שלעפּן זי אַ לאַנגע צייט.

כ׳האָב מיך אויף אַ ווײַלע אויסגעגלייכט, אָנלענענדיק מיך אויף דעם ווענטל פון דער שטול אויף וועלכער כ׳בין געזעסן און פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, וואָס די גאַנצע צייט האָב איך עס נישט געטאָן, כדי נישט צו זיין פאַרנומען מיט קיין שום זאַך וואָס קען אפשר שטערן אָדער איבערייסן דעם פאָדים וועלכן כ׳האָב געצויגן פון מיינע דעראינערונגען.

די גאַנצע צייט כמעט, פון מיין דערציילן חנה׳לען מיינע דער־אינערונגען, זענען מיר ביידע געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט די עלע־בויגנס אויפן טישל. מיינע בליקן האָבן געקוקט ערגעץ אין דער וויט, געוואַנדערט אין דער פאַרגאַנגענהייט פון וואַנען איך האָב געשעפּט די זכרונות פון מיין אָפּגעלאָפן לעבן.

חנה׳לע האָט די גאַנצע צייט פון מיין דערציילן, נישט אַראָפּ־גענומען פון מיר אירע בליקן און אַז כ׳האָב איבערגעריסן, אָפּגע־עטעמט, אויסגעגלייכט די פּלייצעס אָנלענענדיק זיך אין ווענטל פון דער שטול און פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, האָט זי אָבער נאָך אַלץ דערהאַלטן די זעלבע פּאָזיציע. זי איז געזעסן האַלטנדיק דעם קאָפּ אירן אָנגעשפּאַרט אויף אירע הענט, נישט אַראָפּגענומען פון מיר אירע בליקן און געוואַרט; זי האָט געוואַרט אויף דעם וואָס דאַרף נאָכקומען, וואָס דאַרף נאָך אויפגעקלערט ווערן.

זי האָט זיך דערוווּסט פון מיר אַ סך, פונדעסטוועגן איז מיין

דערציילונג, פאַר איר נישט געווען גענוג קלאָר און ווי נישט פאַרענדיקט. שטאַרק פאַראינטערעסירט פון דעם געהערטן האָט זי געוואָרט כ׳זאָל איר אויפקלערן וואָס פאַראַ שייכות דאָס אַלץ האָט מיט איר, וואָס פאַראַ צוזאַמענהאַנג דאָס האָט מיט מיין אַהער־ברענגען איר אין דער קאַפע און מיט מיין אַזוי אומגעריכטער ליבע־דערקלערונג, וואָס כ׳האָב איר געמאַכטביים סאַמע אָנהויב, אַ ליבע־דערקלערונג וואָס האָט איר פריער אַזוי אויפגעטרייסלט.

כ׳האָב איר נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן און פאַרגעזעצט:

— איצט חנה׳לע, קומט טאַקע דאָס וויכטיקסטע; דער עפּי־לאָג פון מיין געשיכטע, וואָס האָט אַ שייכות טאַקע מיט דיר און ס׳איז שוין די עכסטע צייט זאָלסט עס וויסן...

איך האָב געזען אין אירע אויגן גליען אַ פייערל פון נייגי־ריקייט. מיין לעבנס־געשיכטע האָט איר שטאַרק פאַרכאַפּט. זי איז אָבער אויך געווען ביז גאָר געשפּאַנט צו וויסן וואָס פאַראַ שייכות דאָס אַלץ האָט מיט איר גופא. האָט זי זיך איצט, אָן אַליין עס צו באַמערקן, האַרט צוגעבויגן צו מיר, נישט צו פאַרהערן חלילה קיין איין וואָרט, ביים אויפקלערן איר אַלץ און בכלל ביים באַקענען זיך גענויער מיט די געפילן און מיטן סוד פון דעם ״מאָדנעם מענטש״...

— געדענקסט חנה׳לע, יענעם זונטיק אין דער פרי, ווען דו ביזט געקומען צו מיר אין געשעפט וועגן אָנהויבן אַרבעטן ביי מיר?

איך ווייס נאָך ביז היינט נישט, ווי לאַנג דו ביזט דעמאָלט געשטאַנען אין ביוראָ, ביי מיין שרייב־טיש. איך בין דאַן געווען שטאַרק פאַרטיפט אין דער אַרבעט און גאָרנישט נישט געטראַכט און נישט אין זינען געהאַט פון מיין פריערדיקן לעבן. דו ביזט געקומען צו מיר אין מיטן העלן טאָג, דאָס איז געווען אין דער גרויסער שטאָט פּאַריז און נישט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענער העק און נישט אין מיטן נאַכט, די צייט ווען ס׳וואַנדערן אַרום ״נישט־גוטע״ און גייסטער... און דעמאָלט, האָב איך פּלוצים באַקו־

מען אַ געפיל אַז אימעצער שטייט נעבן מיר און אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, האָב איך דיך דערזען נעבן מיר, קוקן אויף מיר. געדענקסטו אין וואָס פאַראַ צושטאַנד איך האָב מיך דאַן געפונען? געדענקסטו מיין אויפשפרינגען? מיין שרעק? איך האָב באמת, פון איבעראַ־שונג פאַרלוירן דאָס לשון. פון באַפאַלענעם שרעק האָב איך גע־וואָלט שרייען און נישט געקענט. כ׳האָב געפילט אַז דאָס בלוט גליווערט אין מיר און מיט דער זעלבער שרעק האָב איך נישט אַראָפּגענומען פון דיר מיינע אויגן גלויבנדיק אַז דאָס איז אַ זע־אונג, וואָס וועט פונקט ווי זי האָט זיך פאַר מיר אַזוי איבעראַשנדיק־אומגעריכט באוויזן, אַזוי וועט די זעאונג גלייך אויך פאַרשווונדן ווערן. ווייסטו חנה׳לע, פאַרוואָס דאָס איז דאַן אַזוי געשען? ווייל דאַן, איז פאַר מיר געשטאַנען... העלענע! יאָ, חנה׳לע, כ׳האָב אין דיר דערזען העלענען... מיין נישט אַז דאָס איז געווען און איז אַ פשוטע ענלעכקייט... דאָס איז שווער צו פאַרשטיין. ס׳איז אומ־מעגלעך צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ ענלעכקייט קען מעגלעך זיין אין דער נאַטור, סיידן ביי אַ... צווילינג. האָב איך אָבער געקענט העלענעס שוועסטערס... אַך, וואָס איך האָב דאַן אָפּגעפילט ווען כ׳האָב דיך אַזוי איבעראַשנדיק־אומגעריכט, דערזען!

יאָ, חנה׳לע, דו וועסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלן דיין ענלעכקייט צו העלענען. ניין, ס׳איז נישט קיין ענלעכקייט... ס׳איז זי גופא. ווען מען וואָלט מיר דערציילט וועגן אַזאַ ענלעכקייט וואָלט איך עס נישט געגלויבט...

טראַכט חנה׳לע, וועגן יעדן סוף חודש, ווען כ׳האָב מיך געמוזט אַוועקזעצן נעבן דיר, כדי צוזאַמען קאָנטראָלירן די חשבונות אויף צו קענען שליסן די ביכער; טראַץ אַלע מיינע אָנשטרענגונגען, פלעג איך נישט קענען זיצן נעבן דיר די גויטיקע צייט און כ׳בין אָפּט אַרויס פון ביורא, לאָזנדיק דיך אַליין, טראָץ דעם וואָס כ׳האָב געוווסט אַז דו קענסט נישט טאָן די אַרבעט אָן מיינע אָנווייַ־זונגען. וואָס האָסטו, די ערשטע צייט, וועגן דעם געטראַכט?

וועל איך דיר איצט אויסזאָגן די סיבה דערפון: ווי כ׳האָב

עס דיר שוין דערציילט, איז עס געווען מיינס אַ שטרעבן און האָפענונג אַז העלענע זאָל צו מיר אַרויפקומען. איך פלעג דאָך אַזוי פיל חלומען וועגן איר זיצן ביי מיר אין צימער און איך נעבן איר... און אַז כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט נעבן דיר, האָב איך איבערגע־לעבט יענעם נישט־רעאַליזירטן חלום. כ׳האָב אויפגעהערט צו זען די האַנדלס־ביכער און פאַרגעסן אין די חשבונות... כ׳האָב מיך געזען ביי מיר אין מיין וווינונג אין וואַרשע, ווען כ׳בין געווען יונג און דיך האָב איך געזען אַלס העלענע וועלכע זיצט ענדלעך, ענדלעך נעבן מיר. כ׳פלעג אָפט באַפאַלן ווערן פון אַ שטאַרקן פאַרלאַנג דיך אַרומצונעמען און דיך פעסט צודריקן צו זיך; נישט דיך, אַלס חנה׳לע, נאָר דיך, אַלס העלענע... די יונגע העלענע אין די אָרעמס פון יונגן מוזיקער... כ׳בין געווען גענוג שטאַרק מיך נישט צו פאַרגעסן און כ׳פלעג מיך אויפהויבן פון מיין אָרט און פאַרלאָזן, ריכטיקער אַנטלויפן פון ביוראָ.

יאָ, חנה׳לע, דו ביזט געקומען יעדן טאָג צו דיין אַרבעט, נישט האָבנדיק קיין אַנונג, ווי אַזוי דיין דערשיינען האָט אויף מיר געווירקט, וואָס פאַראַ איבערקערעניש דו האָסט אַריינגע־ברענגט אין מיין האַרצן. דיין באַווייזן זיך ביי מיר, האָט מיך אינ־גאַנצן צוריקגעפירט צו מיין יוגנד, צו יענער צייט ווען מיין האַרץ האָט אַזוי פיל געצאַפּלט פאַר העלענען. כ׳האָב געפירט אַ טאָפּלט־לעבן און כ׳בין זיך דיר מודה, נעם עס נישט פאַר שלעכט, אַז כ׳פיר עס אַזוי ביז היינט צו טאָג... פאַר איטלעכן בין איך געוועזן לערער, דער שטריקער־פאַבריקאַנט, אָבער אין דיין אָנוועזנהייט האָב איך מיך געפילט און פיל מיך ביז איצט אין אַן אַנדערער וועלט, אין דער וועלט פון העלענען. ס׳איז מיר טיילמאָל שווער געווען צו גלויבן אַז דו ביזט נישט העלענע... אַז דו הייסט חנה׳לע. כ׳פלעג אָפט טראַכטן אַז די איצטיקע רעאַליטעט איז גאָר אַ חלום, אפילו איין גרויסער קאָשמאַר פון וועלכן כ׳האָב מיך אויפגע־כאַפּט און כ׳געפין מיך אויף דאָס ניי אין אַמאָליקן לעבן... מיטן אונטערשיד וואָס העלענע קומט צו מיר איצט יעדן טאָג...

יאָ, חנה׳לע, וואָלט איך פאַרמאָגט איר׳ס אַ פאָטאָגראַפיע, וואָלסטו אפשר נישט געגלויבט אַז דאָס איז אימעץ אַנדערש און נישט דו אַליין און ווי דו ווייסט עס שוין איצט, ווען איך וואָלט נישט געווען אַזאַ צוריקגעהאַלטענער, ווען כ׳וואָלט געווען אַביסל מער דרייסטער און מיך נישט אַזוי פיל געשראָקן פאַר אַן אָפּזאָג, ווען איך וואָלט געפינען אין מיר גענוג כוח צו זאָגן העלענען וועגן מיין ליבע צו איר, ווען איך וואָלט געקענט אַרויסברענגען פון מיר די ווערטער ״העלענע, איך ליב דיך!״ וואָלט מיין לעבן זיכער אַנדערש אַוועק און מיר וואָלטן זיך איצט דאָ נישט געפינען און כ׳וואָלט דיר די גאַנצע געשיכטע מיינע נישט דערציילט. איך וואָלט דאָך נישט אַוועק פון פוילן און כ׳וואָלט געלעבט מיט דער פרוי וועלכע איך האָב אַזוי געליבט און כ׳וואָלט זיכער געטיילט איר גורל. כ׳וואָלט אפשר געווען פאַראייניקט מיט איר אויף אייביק דורך אונדזער אַש...

— יאָ, חנה׳לע, אַז דו האָסט אָנגעהויבן ביי מיר צו אַרבעטן און כ׳האָב דיך געזען טאָג־איין טאָג־אויס אין איר געשטאַלט, האָב איך אויף דאָס ניי אַדורכגעמאַכט שלאָפלאָזע נעכט, פיל מיט חלומות וועגן איר. כ׳האָב איר געהערט צו מיר רעדן: ״זעסט, כ׳בין צו דיר געקומען, ענדלעך געקומען, זאָג־זשע מיר כאָטש איצט, אַז דו ליבסט מיך״, און ס׳איז אין מיר אויפגעקומען אַ געוואַלטיקער פאַרלאַנג צו זאָגן די רייד... דיר... ווער קען עס פאַרשטיין די וועגן פון אונדזערע אינערלעכסטע, פאַר אונדז גופא באַהאַלטנסטע פאַר־לאַנגען? ס׳איז געווען אַ פאַרלאַנג וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעסטן באַשלוס; אָבער ווי אַזוי האָב איך עס דיר געקענט זאָגן? אין ביוראָ? וואָס וואָלסטו געטראַכט וועגן דעם און ווי אַזוי וואָלסטו דערויף רעאַגירט? דו וואָלסט עס דאָך נישט אַנ־דערש פאַרשטאַנען, ווי אַלס אַ פרובע מיינע צו געניסן פון דיין ליבע, דיך צו האָבן אַלס מיינע אַ מעטרעסע, ווי מיר זעען עס אָפט צווישן פאַטראָנען און זייערע פרויען־אָנגעשטעלטע. ס׳וואָלט דאָך געקענט גורם זיין דאָס פאַרלירן דיך. אַ חוץ אַלעם, האָט זיך דאָך

אָבער נישט געהאַנדלט בלויז אין זאָגן דיר די ווערטער "אַז כ׳ליב דיך", נאָר אין אויסדערציילן דיר אַלץ וואָס דיין באַווייזן זיך אין מיין איצטיקן לעבן, האָט אין מיר אויפגערודערט. די גאַנצע אויפטרייסלונג וואָס דו האָסט אין מיר אַרויסגערופן, און וואָס כ׳האָב אַרומגעטראָגן אין מיר און פון וואָס כ׳האָב אַזוי פיל געליטן. ס׳איז אין מיר אויפגעקומען אויך אַ האָפענונג, אַז נאָכן אויסדערציילן דיר מיין איצטיק לעבן, אַז נאָכן אַראָפּרעדן זיך פאַר דיר, וועל איך אפשר געפינען אַ באַרואיקונג פאַר מיינע ליידן.

כ׳האָב אַ סך אויסגעליטן, געוואַרט און געהאָפט אַז ווען דו וועסט מיך בעסער דערקענען, און באַקומען צו מיר מער צוטרוי, וועל איך דאַן דיך קענען בעטן, איינלאַדן דיך זיך צו טרעפן מיט מיר ערגעץ... מחוץ מיין ביוראָ... אָט־אָ דער ערגעץ ווו מיר געפינען זיך טאַקע איצט, ווו כ׳האָב דיר געזאָגט די רייד וועלכע כ׳האָב געהערט ביי מיר בעטן אין חלום... כ׳האָב דאָס געפיל, אַז כ׳האָב איצט אָפּגעצאָלט אַ חוב וואָס די אָרעמע העלענע האָט פון מיר געמאָנט... און כ׳בין דיר דאַנקבאַר פאַר געבן מיר די מעגלעכקייט דיר די ווערטער צו זאָגן און פאַרן אויסהערן פון מיר מיין לאַנגע און גאָר נישט פריילעכע געשיכטע.

— דיין אופן רעאַגירן אויף מיין ליבע־דערקלערונג, חנה׳לע, איז מיר געווען פאַרשטענדלעך, וואָרעם דו ביזט אַ טייער און ערלעך קינד. איך האָב געהאַט אַ סך עגמת־נפש ווען כ׳האָב געזען דעם אויסדרוק פון דיין פּנים, אָבער צום גליק, האָט עס געדויערט בלויז אַ קורצע ווײַלע. דו ביזט געווען גענוג פאַרשטענדלעך און זיך געלאָזט איבערצייגן, אַז נישט דיך דירעקט האָב איך געמיינט און האָסט מיר געשענקט דיין צוטרוי און די צייט דיר דאָס אַלץ אויפצוקלערן. איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

## 23

כ׳האָב אָפּגעהאַקט און געקוקט אויף חנה׳לען וואָס האָט איצט געביטן איר פּאָזע. זי האָט זיך אָפּגערוקט פון טישל און זיך אָנגעשפּאַרט אין ווענטל פון דער שטול. כ׳האָב געזען אַז זי אָטעמט אָפּ לייכטער, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ סימן, אַז איר בייגעריקייט האָט זיך געשטילט, אַז ס׳איז איר פאַרענטפערט געוואָרן דאָס אויף וואָס זי האָט געוואַרט. ביידע האָבן מיר געשוויגן אַ געוויסע צייט. כ׳האָב געזען אַז חנה׳לע לעבט טיף איבער דאָס געהערטע, אַז זי טראַכט וועגן דעם נאָך, לסוף האָט זי זיך עטוואָס צוגעבויגן צו מיר און זיך אָפּגערופן:

— איך בין זיך אייך מודה, הער לערער, אַז אויך איך האָב אויף דעם היינטיקן אָוונט לאַנג געוואַרט. יאָ, כ׳האָב געוואַרט אויף אַזאַ אָוונט מיט אייך און כ׳באַדויער נישט מיין אַהערקומען. ווען כ׳בין צו אייך געקומען דאָס ערשטע מאָל וועגן דער אַרבעט און געזען אייער דערשרעקן זיך צוליב מיר און אפילו אייער ווילד אויפשפּרינגען, האָב איך מיך געשלאָגן מיט דער דעה צי זאָל איך אויף צו מאָרגן, קומען צו אייך אין געשעפט. איר האָט מיר אויסגעזען אומנאַרמאַל, וואָרעם וואָס איז זיך דאָ געווען אַזוי צו דערשרעקן? ס׳איז דאָך פאַר אייך נישט געשטאַנען קיין מאַסקירטער מאַן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, נאָר אַ מיידל, אַ פּשוט מיידל. איך האָב מיך אָבער דאַן שטאַרק געניויטיקט אין אַרבעט און באַשלאָסן צו פּרובירן. וואָס קען איך דען איינשטעלן? — האָב איך געטראַכט — אין די ערשטע טעג, האָב איך מיך באמת געשראָקן פאַר אייך, אָבער כ׳האָב אייך געזען אַזאַ רואיקן, אַזאַ געלאַסענעם, אַז כ׳האָב מיך צו ביסלעך באַרואיקט; כאָטש איך

האָב אויף קיין פאַל נישט געקענט אויפהערן צו טראַכטן וועגן אייער אויפשפּרינגען בעת מיין ערשטן קומען צו אייך און די שרעק וועלכע כ׳האָב דאַן געזען אויף אייער פּנים.

אַז כ׳האָב אָנגעהויבן באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט די קליענטן אייערע און יעדער איינער האָט אייך אַזוי שטאַרק געליבט, האָב איך אָבער פון יעדן פון זיי אויך געהערט זאָגן אַז זיי באַמערקן אַ געוויסע ענדערונג וואָס איז אין אייך לעצטנס פאָרגעקומען און יעדער איינער, האָט אין זיין שמועס מיט מיר, געזוכט צו פאַר־שטיין, וואָס עס קומט מיט אייך אייגנטלעך פאָר? זיך צו דער־וויסן דאָס רעטעניש וואָס האָט אַרויסגערופן די ענדערונג וועלכע מענטשן, וואָס האָבן אייך גוט געקענט, האָבן אין אייך אָנגעהויבן צו באַמערקן. צוליב דעם אַלעם, האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אייך אַלס ״אַ מאָדנעם מענטש״ און פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַלץ האָט מיך אינטריגירט אין אייך און אַרויסגערופן אין מיר אַ פאַרלאַנג צו קענען אייער אינערלעכע וועלט. כ׳וואָלט קיינמאָל נישט אַקצעפּטירט אייער איינלאַדונג זיך צו טרעפן הינ־טער פיר אויגן, ווען נישט דער דאָזיקער אינטערעס זיך צו דער־וויסן מער וועגן אייער פאַרגאַנגענהייט און וועגן אייער לעבן. ווי וואָלט עס מיר גאָר געקענט איינפאַלן אַז איך בין עס די סיבה פון דעם אַלעם? ווי וואָלט מיר גאָר געקענט איינפאַלן אַזאַ זאַך? אַז איר לעבט איבער שלאָפלאָזע נעכט צוליב אַ ווען צו וועלכער איך בין, ווי איר פאַרזיכערט מיך, אַזוי מערקווירדיק ענלעך און אַז מיין פּערזאָן, אַז דורך מיין באַווייזן זיך אין אייער ביורא, האָט אין אייך אויפגעשטורעמט אַזאַ שווערע איבערלעבונג וועלכע איר האָט געגלויבט צו פאַרגעסן און איצט, בלוטיקט אין אייך די איבערלעבונג אויף דאָס ניי. ווער וואָלט זיך דאָס אַלץ פאָרגע־שטעלט? — האָט חנה׳לע צו מיר גערעדט אין אַ טאָן ווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק פאַר מיר און אַז זי האָט איבערגע־ריסן, אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבן, האָט זיך מיר געדוכט אַז כ׳זע אַ טרער זיך גנבהנען אין אירע שיינע אויגן.

אַ ווײַלע האָבן מיר בײדע געשוויגן. איך בין געזעסן אַן אױפגערודערטער צוליב מײַנע אײגענע זכרונות און אויך צוליב דער געזעלשאַפט פון חנה׳לען אין וועמען כ׳האָב כסדר געזען די פאַרלוירענע און אַזוי מערקווירדיק צוריקגעקומענע העלענע װעל־כע כ׳האָב איצט געפילט נעבן מיר, האַרט נעבן מיר, וואָרעם חנה׳לע, אַן אַלײן עס צו באַמערקן, האָט זיך איצט ממש ווי אָנגע־שפּאַרט אין מיר. דאָס דערצײלן איר מײַן לעבנס־געשיכטע האָט איר געוואַלטיק אויפגערודערט און איר מיטאַמאָל אַזוי דערנענ־טערט, אַז זי האָט אַלײן נישט באַמערקט ווי נאָענט זי געפינט זיך איצט נעבן מיר. כ׳האָב אָפּגעפילט אויף מיר איר אָטעם.

— כ׳קען איך נישט דערצײלן — האָט חנה׳לע, נאָך אַ קורצן שווײַגן, אויף דאָס נײַ צו מיר גערעדט — דעם אײַנדרוק וואָס עס האָבן אויף מיר געמאַכט אײַערע ערשטע רײד, די ליבע־דערקלע־רונג, מיט וועלכע איר האָט אָנגעהויבן דערצײלן אײַער איבער־לעבעניש. אויף אַ מאָמענט האָב איך טאַקע חושד געווען, אַז דאָס איז געווען די כוונה פון אײַער אײַנלאַדענען מיך דאָ אַהער און... און... — זי האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווי געזוכט די רײד און װײַטער גערעדט — און אין דעם מאָמענט, האָט איר אויף אַ ווײַלע, אויף אַ מאָמענט מיך דערמאָנט אין אונדזער ער־שטער באַגעגעניש בײַ אײַך אין ביוראָ. עפּעס האָט אײַער געזיכט מיך דערמאָנט אין יענע פּײַנלעכע מינוטן ווען כ׳האָב אײַך געזען אַזאַ איבעראַשטן, אַזאַ דערשראָקענעם.

אויב אָבער איר האָט מיר שוין דערצײלט אַזוי פיל פון אײַער פאַרגאַנגענהײט — האָט חנה׳לע פאָרגעזעצט — וואָלט איך אײַך געווען דאַנקבאַר, ווען איר פאַרענטפערט מיר נאָך עפּעס פון אײַער האַנדלונג בנוגע מיר און אויך אַ געוויסן מאָמענט פון אײַער לעבן גופא: פאַרוואָס האָט איר אַ געוויסן טאָג, בײַ מיר געבעטן איך ברענגען די פאָטאָגראַפיע פון מײַנע עלטערן? איך גלויב אַז כ׳פאַרשטײ די סיבה דערפון, אָבער גאַנץ זיכער דערין בין איך נישט, וואָלט איך וועלן איר זאָלט עס מיר איצט אויפ־

קלערן און, און... וואָס מיך באַשעפּטיקט אויך, איז אייער באַצי־
אונג צו די צוויי פרויען וואָס האָבן, ווי איך ווייס עס שוין איצט,
אויסגעפילט אייער לעבן, העלענע און קאַראָלאַ; די צוויי הויפּט־
העלדינס פון אייער לעבנס־דערציילונג.ביידע זענען, ווי כ׳האָב
עס פון אייך געהערט, געווען שיין און גוט־דערצויגענע מיידלעך.
מיט קאַראָלען האָט איר זיך פאַרבונדן, חתונה געהאַט, זי האָט
אייך געבראַנגט גליק, שיינע קינדערלעך, מיט איר האָט איר
געבויט אייער נעסט און געווען גליקלעך. אַנדערש איז עס געווען
מיט העלענען, וועמען איר האָט אפילו קיין איין קוש נישט גע־
געבן! ווי קומט עס אַלזאָ, וואָס דער עיקר פון אייער לעבנס־
געשיכטע איז געווידמעט כמעט נאָר העלענען, בעת קאַראָלען
האָט איר אַזוי וויניק דערמאַנט; כמעט ווי פאַרבייגייענדיק און
אָן ענטוזיאַזם גערעדט וועגן אייער צוזאַמענלעבן. ווי קומט עס?
פאַרוואָס?

# 24

אין דעם ווינקל פון דער קאַפּע ווו מיר זענען געזעסן, איז געווען עטוואָס טונקעלער ווי אין די אַנדערע טיילן פון דער גרויסער טעראַסע, די ביימער וואָס האָבן פאַרפּילט די דאָזיקע זומער־טעראַסע האָבן זיך איצט לייכט באַוועגן און ס׳האָט זיך געהערט דאָס שטילע רוישן פון די בלעטער און מיר האָבן מאָמענ־טנווייז געהאָט דעם איינדרוק אַז מיר געפינען זיך אין וואַלד גופא. ס׳האָט זיך געהערט דאָס שטילע פליסן פון קוואַל־וואַסער וואָס געפינט זיך ביי דער קאַפּע "לאַ קאַסקאַד". דער אָרקעסטער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו שפּילן און אַרום אונדז האָט געהערשט אַ שטילקייט. עטלעכע געסט בלויז זענען נאָך געזעסן אין פאַר־שידענע ווינקעלעך פון דער קאַפּע און שטיל געשמועסט ביי די אויסגעליידיקטע גלעזער. פון צייט צו צייט האָט זיך אימעצער אויפגעשטעלט און פאַרלאָזט די קאַפּע. פון אַלעם אַרום האָט גע־עטעמט אַזאַ רואיקייט אַז ס׳איז געווען אַ שאָד וואָס די צייט גייט פאַרביי. חנה׳לעס פראַגן האָבן מיך באמת פאַרוואונדערט, זיי האָבן אָבער פאַר מיר אַנטפּלעקט ווי גרויס ס׳איז געווען איר אינטערעס צו מיין פאַרגאַנגענהייט, צו וועלן וויסן וואָס מער איינצלהייטן און זיך זיי אויפקלערן.

כ׳האָב איר לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן און איר אויפגעקלערט:

— דו ווייסט שוין, חנה׳לע, וואָס איך האָב איבערגעלעבט זינט דו האָסט זיך באַוויזן אין מיין געשעפט און אין וואָס פאַראַ וועלט איך האָב מיך זינט דאַן געפונען. אוודאי האָב איך געוווסט אַז דו ביזט נישט העלענע, אַז דו פאַרמאָגסט נאָר אין זיך די גע־וואַלטיקע ענלעכקייט צו איר. אַז דו ביזט נאָר געבוירן און אויס־

געוואַקסן אין איר געשטאַלט און כ׳האָב געטראַכט, אַז ס׳איז אפשר פאַראַן עפּעס אַ... קרובהשאַפט צווישן אייך ביידן; אַז אין דיינע אָדערן פליסט בלוט וואָס האָט אַ שייכות מיט העלענען און כ׳האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן אַז אפשר?... אפשר איז העלענע לעבן געבליבן! אפשר האָט זי זיך אָפּגעראַטעוועט דורך אַנטלויפן קיין רוסלאַנד און דערנאָך, ווי אַ סך אַנדערע, אַריבערגעקומען קיין פראַנקרייך... און זי געפינט זיך אפשר אין גרויסן פּאַריז, וווּ ס׳איז נישט אַזוי לייכט זיך צו באַגעגענען און צו וויסן וועגן איינאַנדער... אפשר? און אפשר האָט זי דאָ חתונה געהאַט? געהאַט אַ קינד, אַ מיידעלע וואָס הייסט... חנה׳לע? אַ מיידעלע וואָס איז אויסגעוואַקסן און איז אינגאַנצן ענלעך, מערקווירדיק ענלעך צו איר מוטער! אפשר?

— דערפאַר האָב איך דיך געבעטן מיר צו ברענגען די פאָטאָגראַפיע פון דיינע עלטערן. אָך, מיט וואָס פאַראַ האַרץ־קלאַפּונג כ׳האָב זי גענומען אין מיין האַנט אַריין! און זעענדיק דאָס אומבאַקאַנטע געזיכט פון דיין מוטער, האָב איך דיר דאַן די פאָטאָקאַרטע אומגעקערט. אָבער האָב איך דען געקענט דיר דערציילן פאַרוואָס כ׳האָב דיך געבעטן מיר ברענגען דאָס בילדל?

כ׳האָב איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע און נישט מיט קיין לייכט געמיט, צוגעטרעטן פאַרענטפערן די צווייטע פראַגע, וועלכע זי האָט געבעטן איר אויפצוקלערן; אַן אויפקלערונג אויף וועלכע זי האָט — ווי כ׳האָב עס געזען אין אירע אויגן, — געוואַרט מיט אַ פאַראינטערעסירונג וואָס האָט מיך באמת געוווּנדערט:

— פאַרוואָס, חנה׳לע, כ׳האָב די גאַנצע, די עיקר־אויפמערקזאַמקייט, געשענקט העלענען? הער מיך גוט אויס, מיין קינד: וואָלט זיך העלענע, דורך דיין פּערזאָן, דורך דיין אויסערגעוויינלעכע ענלעכקייט, נישט באַוויזן אויף דאָס ניי אין מיין לעבן און וואָלט זי נישט געמאָנט ביי מיר, סיי בייטאָג אין דיין געשטאַלט און ביינאַכט אין חלום, כ׳זאָל איר זאָגן... דאָס נישט דערזאָגטע פון דעמאָלט... וואָלטן מיר מסתמא זיך דאָ נישט געפינען היינט

אָונט און כ׳וואָלט דיר נישט אויסדערציילט דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט אין מיין יוגנד און וואָס האָט אויפגעשטורעמט אין מיר אַ דאַנק דיין באַוויזן זיך. כ׳וואָלט נישט דיר און בכלל קיינעם נישט דערציילט מיין פאַרגאַנגענהייט. וועמען קען עס דען אינטע־רעסירן די איבערגעלעבטע ווייטיקן און מיספאַרשטענדענישן וואָס קומען אַלץ פאָר און שפּילן זיך אָפּ ביי דער יוגנד? העלענעס מאָנען זיך אין די נעכט מיינע, איר צו זאָגן וועגן מיין ליבע צו איר, האָט טאַקע גורם געווען מיינע ערשטע רייד צו דיר היינט אָונט. רייד וועלכע כ׳האָב גערעדט צו דיר און וואָס זענען געווען אַ מין אָפּבאַצאָלן אַ חוב וועלכן כ׳בין איר געווען שולדיק. דאָך מוז איך דיר זאָגן, חנה׳לע, אַז טראָץ דעם אַלעם וואָס איז געשען צווישן מיר און איר, אַז טראָץ מיינע שווערע ליידן, איז דער קרבן געווען העלענע און נישט איך און כ׳וועל דיר זאָגן פאַרוואָס:

כ׳האָב איבערגעכאַפּט דעם אָטעם אויף אַ ווײַלע און דער־ציילט:

פאַר מיין אַוועקפאָרן פון וואַרשע, האָב איך געהאַט צו דער־לעדיקן אַ מאַסע פאָרמאַליטעטן אויף צו קענען באַקומען מיין רייזע־דאָקומענט און כ׳פלעג אָפט, דאַרפן זיין אין אַ געוויסן אַמט. אַ געוויסע צייט פלעג איך דאַרפן קומען אין דעם דאָזיקן אַמט, כמעט יעדן טאָג. איינמאָל, פאַרלאָזנדיק דאָס אָרט, האָב איך צו מיין גרויסער שטוינונג דערזען מיר אַנטקעגנקומען העלענען! איז עס געווען אַ צופאַל? ניין!

זי האָט געוווסט, ס׳איז צו איר דערגאַנגען, אַז איך האָב אָפּגעשטעלט די אַרבעט מיט מיינע אָרקעסטערס. אַז כ׳האָב איבער־געריסן, אויפגעהערט געבן די מוזיק־לעקציעס און צווישן חברים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז כ׳פאָר אָפּ. אַז כ׳פאַרלאָז דאָס לאַנד. מעגלעך אַז אימעצער האָט איר דערטראָגן אַז מען זעט מיך אָפט אין אַמט ווו מען באַקומט די אויסרייזע־דאָקומענטן. האָט זי זיך געלאָזט צום דאָזיקן אַמט אין דער האָפענונג מיך אפשר צו טרעפן.

די באַגעגעניש איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבעראַשונג און ביז גאָר פיינלעך. כ׳וואָלט געווען צופרידן ווען כ׳קען עס אויסמיידן, ווען כ׳קען ערגעץ ווו פאַרשווונדן ווערן.

ביידע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, זיך געזאָגט אַ שטילן „גוט מאָרגן" און כמעט ווי אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט אונדזערע בליקן.

נאָך אַ קורצער ווײַלע פון אונדזער ביידנס שווייגן, האָט זי זיך צו מיר אָפּגערופן:

— איך האָב געהערט אַז דו פאָרסט אַוועק. וויל איך דיר איצט זאָגן, אַז אין דעם וואָס עס איז געשען, זענען מיר ביידע שולדיק. דו, צוליב דיין נישט דרייסטקייט און איך מיט מיין עקשנותדיק וואַרטן צו הערן פון דיר דאָס אויסגעחלומטע וואָרט. איך ווייס אַז דו האָסט מיך ליב געהאַט און אפשר האָסטו נאָך איצטער מיך אויך ליב. איצט ווייסטו דאָך שוין וואָס דו ביזט פאַר מיר געווען און, און... ביזט עס ווייטער, כסדר... יאָ, כ׳האָב געוואַרט, נאַריש געוואַרט אויף דיינס אַ וואָרט וואָס איז נישט געקומען. דו מעגסט אויך וויסן, אַז אייניקע טעג נאָך דיין פאַרלאָזן אונדזער שטוב, האָב איך מיך געזען מיט... איר, מיט עסטו־שען. זי לייד איצט גענוג צוליב דעם וואָס זי האָט אָפּגעטאָן. זי האָט געהאָפט דיך צו געווינען פאַר זיך און דיך גאָר אַריינגעטריבן אין די אָרעמס פון אַן אַנדערער...

זי האָט איבערגעריסן דאָס רעדן. כ׳האָב נישט געהאַט קיין מוט זיך צו באַגעגענען מיט אירע בליקן. אין איר שטימע און אפילו אין איר שווייגן, האָב איך געפילט די דראַמע וועלכע זי לעבט איבער.

— אַז דו וועסט זיין אין אויסלאַנד — האָט זי לסוף זיך אָפּגערופן — וועסטו מסתמא נאָכטראַכטן וועגן דעם איבערגעלעבטן... עס וועט פאַר דיר שטיין די פראַגע פון בויען און מיט וועמען צו בויען דיין ניי לעבן, דיין צוקונפט... זאָלסטו וויסן, אַז

כ׳וועל וואַרטן אויף דיינס אַ באַשלוס... אַלץ איינס, ווי לאַנג עס זאָל נישט דויערן...

— יאָ, חנה׳לע, דאָס זענען געווען אירע לעצטע ווערטער צו מיר און ס׳קען זיין, ס׳קען זייער מעגלעך זיין, אַז זי האָט טאַקע געוואָרט... געוואַרט ביז זי איז פאַרפייניקט געוואָרן ערגעץ אין וואַרשעווער געטאָ, אָדער אין איינעם פון די אויסראָטונגס־לאַגערן און ס׳איז אויך זייער מעגלעך, אַז איידער זי האָט אויסגעהויכט איר נשמה, האָט זי דערמאָנט מיין נאָמען און אפשר נישט צום גוטן...

— דערפאַר חנה׳לע, ווייס איך, אַז זי האָט געליטן מער פון מיר. ווען איך האָב דאָ געלעבט אַ גליקלעך לעבן מיט קאַראָלען, האָט זי דאָרט, געוואַרט אויף מיינס אַ וואָרט, אויף מיינס אַ באַשלוס... העלענע איז דאָך אויך געווען די ערשטע, די ערשטע פרוי וואָס האָט אָנגעצונדן דאָס פייער פון ליבע אין מיין האַרץ. זי איז דאָך געווען די, וועגן וועמען איך האָב אַזוי פיל געחלומט און וואָס האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ וועלט פון זיסע ליידן צוליב דער ליבע צו איר. ס׳איז שוין ווייט נישט קיין פשוטע זאַך דאָס וואָס מיר רופן אָן, ערשטע ליבע.

רעדן וועגן קאַראָלען, איז מיר שוין גאָרנישט לייכט און דערפאַר אפשר, האָב איך וועגן איר ווייניקער דיר צו דערציילן, ווייל ביים רעדן און טראַכטן וועגן איר, עפנט זיך צוריק אויף אַ וווּנד, וואָס איז נאָך ווייט נישט פאַרהיילט. דערציילן וועגן קאַראָלען, דאַרף מען האָבן דעם כוח פון אַ קינסטלער, וואָרעם מיר פעלן די רייד וואָס זאָלן ווי געהעריק קענען שילדערן איר נשמה, איר פערזענלעכקייט. זי איז געווען ערלעך, געטריי, זעלטן ליבלעך און זיס. אירע אויסערגעווייגלעכע איינפאַלן ווי אַזוי אַלץ בעסער און שענער איינצואָרדענען אונדזער פאַמיליע־לעבן אפילו אין טעג פון שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען. איר צאַרטקייט צו מיר און צו די קינדער. איר שטיפן און לאַכן. איר פריינדלעכקייט צו מענטשן, איר אופן באַציען זיך צו מענטשן און זאַכן. וויפל

זי האָט עס פאַרמאָגט ראַפינירט־געשליפענעם שכל. איז נישט קיין וווּנדער וואָס זי איז געווען באַליבט ביי איטלעכן וואָס האָט איר נאָר געקענט און נישט איינמאָל האָט מען מיר גאַנץ אָפן געזאָגט אַז... כ'בין איר גאָרנישט ווערט!

אַז כ'טראַכט וועגן איר, ווער איך אינגאַנצן צערודערט. איך ציטער ממש. יאָ, חנה'לע, ס'איז מיר נישט לייכט, גאָרנישט לייכט צו רעדן וועגן קאַראָלען. צו טראַכטן וועגן דעם קורצן גליק וואָס כ'האָב מיט איר גענאָסן און וועגן איר אַזוי יונג פאַרשניטן לעבן. אפילו אין געשעפט ביי מיר, אַז כ'פלעג מיך אין איר דער־מאָנען, פלעג איך אַלץ לאָזן פאַלן, מיך מער צו גאָרנישט צורירן, עס האָבן דאָרט געמעגט זיין הונדערטער קונים. כ'וועל דיר דער־ציילן עפּעס, חנה'לע, טראָץ דעם וואָס דו ביזט אַזוי יונג... וועסטו מיך אפשר פאַרשטיין, דו ביזט די ערשטע און מסתמא די איינציקע וועמען איך דערצייל עס:

— דאָס איז געווען אין אָנהויב פון אונדזער צוזאַמענלעבן, אַז עס פלעגט מיט מיר געשען אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך אַז... אַז אין די סאַמע אינטימסטע מאָמענטן פון אונדזער פאַרברענגען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַנשטאָט מיט קאַראָלען, פאַרברענג איך גאָר מיט העלענען... אַז אַנשטאָט די גאָלדענע האָר קאַראָלעס, האָב איך געגלעט די שוואַרץ־סאַמעטענע האָר פון העלענען. אַז אַנשטאָט די לויטערע בלויע אויגן קאַראָלעס, האָבן צו מיר געפינקלט אין דער טונקלקייט, די שוואַרץ־שמייכלענדיקע אויגן פון העלענען. כ'פלעג דערנאָך ליגן אַ באַגאַסענער מיט שווייס, פול מיט ווייטיק אין האַרצן און מיט אַ שולד־געפיל אין האָבן געווען אומטריי צו קאַראָלען און לסוף פול מיט חרטה־געפיל, האָב איך איר אָנגע־הויבן באַדעקן מיט קושן פון קאָפּ ביז פיס, מיט ווילדע קושן. זי האָט דערפילט דאָס אומנאָרמאַלע קושן איר. זי פלעגט מיך דאַן באַטראַכטן און צופעליק דערפילט טרערן אין מיינע אויגן.

— פאַרוואָס עפּעס די טרערן? — האָט זי מיט שטוינונג גע־פרעגט — וואָס עפּעס טרערן?

כ׳בין געווען דערשראָקן פון דער פראַגע און מיך באַנוצט מיט אַ ליגן...

— ס׳איז פון פרייד, טייערע קאַראָלאַ, פון ליבע צו דיר!

— אויב פרייד, איז פאַרוואָס טרערן? קום־זשע טייערער, האָב מיך ליב...

— פאַרטאָגס, ווען זי איז אַ געזעטיקטע פון דער ליבע־נאַכט, ענדלעך איינגעשלאָפן, פלעג איך ביי דעם ערשטן בלויען מאָרגן־שיין, אויף איר לאַנג קוקן. כ׳האָב געזען אירע גאָלדענע האָר פונאַנדערגעשפרייט אויפן ווייסן קישן, דעם זיסן שמייכל אויף אירע ליפן און כ׳פלעג טראַכטן:

— אַ מלאך!

דאָס איז געווען קאַראָלאַ!

— ווי דו ווייסט עס איצט, חנה׳לע, האָט קאַראָלאַ, מיט איר קומען קיין וואַרשע, מיך אַרויסגעשלעפט פון דעם שווערן פלאָנ־טער, טראַכטנדיק און צווייפלענדיק מכוח דעם „צי העלענע האָט מיך יאָ אָדער נישט ליב?" „צי איז אמת וואָס עסטושע האָט מיר דערציילט?" א. א. וו. זי איז געקומען צו מיר מיט אַ ריין און ערלעך געוויסן, אָן שום הינטערגעדאַנקען. שפּעטער האָט זי מיר דערציילט אַז ווען זי האָט מיך ליב באַקומען, איז זי נאָך קיין זעכצן יאָר נישט אַלט געווען. אַז דאָס איז געשען גלייך ווי כ׳האָב מיך אַריינגעקליבן צו זיי אין דער וווינונג. אַז זי איז אַריינגע־קומען צום ערשטן מאָל, צו מיר אין צימער, האָט איר האַרץ גע־קלאַפּט ביז צום אַרויסשפּרינגען. דאָס פאָרשטעלן איר פאַר מיין חבר ברין אַלס מיינס אַ שוועסטערל, האָט איר געגעבן אַ שניט אין האַרצן ווי מיט אַ שאַרף מעסער. שפּעטער, אַז כ׳האָב איר, ערב דעם אָוועקפאָרן צו איר פאָטער אין דאָרף אַריין, געשענקט דעם בלאָק פּאָעמעס איר געווידמעט, האָט זי די פּאָעמעס באַטראַכט ווי געשריבן פאַר איר ספּעציעל, און דערפאַר האָט זי מיר דערנאָך געשריבן איר בריוו אַז זי שענקט מיר אָוועק איר יונג האַרץ. זי איז געקומען צו מיר מיט איר גרויסער פשטות, מיט איר ערלע־

כער ליבע, זי איז געוואָרן מיינע און כ׳האָב אויפגעהערט צו צווייפלען, מיך פּייניקן און ליידן. דאָס חנה׳לע, איז די געשיכטע פון מיין צוזאַמענלעבן מיט דער שיינער קאַראָלאַ, וואָס איז אומגעקומען ווי דו ווייסט עס שוין איצט אין די מלחמה־טעג אין די נאַצישע לאַגערן.

# 25

כ׳האָב אָפּגעהאַקט. אַ לענגערע צייט האָבן מיר איצט ביידע געשוויגן. כ׳האָב איר דוכט זיך שוין אַלץ דערציילט, אַלץ פֿאַר־ענטפֿערט. דער זייגער איז שוין געווען גוט שפּעט און טראָץ דעם וואָס עס האָט זיך נישט געגלוסט, האָט מען געדאַרפֿט טראַכטן וועגן פֿאַרלאָזן די קאַפֿע און פֿאָרן אַהיים.

האָב איך אָבער באַמערקט אויף חנה׳לעס פּנים אַ געוויסע נישט־דעצידירטקייט. ניין, זי האָט נאָך ווייט נישט געטראַכט וועגן פֿאַרלאָזן די קאַפֿע. איר געזיכט און האַלב־אָפֿענע ליפּן האָבן מיר געוויזן אַז זי וויל עפּעס זאָגן, אפֿשר נאָך עפּעס פֿרעגן. ענדלעך האָט זי זיך דעצידירט:

— אויב איך טרייב נישט איבער — האָט זי שטיל און נישט דרייסט זיך אָפּגערופֿן — וואָלט איך וועלן מיר אויפֿקלערן... וואָלט איך וועלן...

— נו, פֿרעג, חנה׳לע, זעסט דאָך אַז כ׳האָב דיר אַלץ דער־ציילט, אַפֿילו זאַכן וועלכע דיר וואָלט נישט איינגעפֿאַלן צו פֿרעגן... קיין איין מענטש האָט פֿון מיר נישט געהערט דאָס וואָס כ׳האָב דיר היינט דערציילט. איז פֿרעג, פֿרעג, וואָס איז דיר נישט קלאָר? וואָס האָב איך דיר נישט פֿאַרענטפֿערט? וואָס אינטריגירט דיך נאָך? דו, נייגעריק מיידל וואָס דו ביזט... פֿרעג!

זי האָט מיר צוגעוואָרפֿן אַ דאַנקבאַרקייטס־בליק און זיך אָפּ־געררופֿן:

— כ׳וועל זיין דרייסט און פֿרעגן, כאָטש איך בעט אייך מיר עס מוחל צו זיין. ווי קומט עס, וואָס נאָך דער שיינער, פּאָעטישער ליבע צו העלענען, ווען איר האָט געווידמעט אַזוי פֿיל ווערק,

געשריבן פאַר איר לידער און מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, און נאָך דעם אידילישן צוזאַמענלעבן מיט דער, ווי איר האָט זיך עס מע־רערע מאָל אויסגעדריקט, "גאָלדענער קאַראַלאַ", האָט איר זיך לסוף פאַרבונדן מיט... מיט אַזאַ פּשוטער... מיט אַזאַ.. איינפאַכער פרוי, מיט וועלכער איר ווינט איצט?... האָט נישט פאַראיבל אויף דער פראַגע — האָט זיך חנה׳לע אַ שטאַרק פאַרויטלטע אַנטשול־דיקט פאַר מיר — ס׳איז אפשר טאַקע נישט ריכטיק, אפשר נישט גוט וואָס כ׳פרעג עס. זייט מיר מוחל!...

כ׳בין געזעסן און נישט געגלויבט מיינע אויערן. כ׳האָב פשוט נישט געוווּסט אויף וואָס זיך מער צו ווונדערן: אויף חנה־לעס נייגעריקייט? אויף איר דרייסטקייט? אויף איר פולן איב־טערעס צו קענען מיין גאַנץ לעבן? צי אויף אַלעם צוזאַמען? דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען חנה׳לען אַזאַ פאַרויטלטע. וואָלט מיר די פראַגע געשטעלט אימעץ אַנדערש, וואָלט איך אים שלעכט געענטפערט, אָבער חנה׳לע האָט איצט אין מיינע אויגן, געהאַט אַלע רעכט צו פרעגן וועגן אַלעם אין מיין לעבן.

כ׳האָב אַ ווײַלע געטראַכט וועגן דער דאָזיקער פראַגע און לסוף מיך אָפּגערופן:

— כ׳האָב מיר באמת נישט פאַרגעשטעלט, חנה׳לע, אַז דו וועסט זיין אַזוי איבערגענומען מיט אַלעם וואָס כ׳האָב דיר היינט דערציילט און אַז דו וועסט האָבן אַזאַ שטאַרקן אינטערעס אויפ־צוקלערן דיר דאָס אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט מיר, מיט מיין לעבן אַמאָל און... אפילו פון היינט!

— אויב דו געדענקסט פון מיין דערציילן דיר, בין איך צוויי יאָר נאָך דער באַפרייאונג, נאָך אַלץ געווען אַליין און געפירט אַן איינזאַם און אַפּאַטיש לעבן. כ׳בין אַרומגעגאַנגען און געהאָפט אויף אַ נס, נאָר דער נס איז נישט געקומען. פאַר דער דאָזיקער צייט, האָבן זיך מענטשן געוואָרפן צו דער אַרבעט, צו געשעפטן, אפילו רייך געוואָרן, אָבער מיך האָט דאָס אַלץ נישט אינטערע־סירט. אויב כ׳האָב געאַרבעט, האָב איך עס געטאָן פשוט, כדי

צו זיין באַשעפּטיקט. כ׳זאָל נישט משוגע ווערן פון טראַכטן. אויב איך האָב געלעבט, איז עס געווען דערפאַר, ווייל כ׳בין געווען צו שוואַך אויף צו באַגיין זעלבסטמאָרד. מען האָט דאַן געפּרע־דיקט, אַז מען מוז צוריק אויפבויען היימען, האָבן קינדער און צוריק פאַרפולן אונדזערע יידישע רייען. אפשר איז די פּרעדי־קונג געווען אַ ריכטיקע; איך אָבער האָב עס נישט געקענט ביי מיר פועלן. איך האָב געטראַכט, אַז אויב זיך ווידער פאַרבינדן מיט אַ פרוי, וועט זי דאָך אפשר וועלן האָבן אַ קינד... דער געדאַנק איז פאַר מיר געווען שרעקלעך; איך האָב געזען פאַר מיר אַ וואַנט... אַ שרעקלעכע וואַנט... אַ מורא׳דיקע וואַנט... אין וועלכער די קעפּלעך פון מיינע קינדערלעך זענען אפשר געוואָרן צעשמע־טערט... און כ׳האָב כסדר אָפּגעוואָרפן יעדע ווענדונג צו מיר מכוח פאַרבינדן זיך מיט אימעצן.

— און אַז מען איז צו מיר ווידעראַמאָל צוגעשטאַנען, כ׳זאָל איבערייסן מיט מיין איינזאַמקייט, און מען האָט מיר פאָרגעשטעלט אַ פרוי וואָס האָט געהאַט אַ קינד, אַ קליין יינגעלע, האָב איך מיך אין דער ווענדונג אַנגעכאַפּט און צוליב דעם יינגעלע האָב איך מיך פאַרבונדן. כ׳האָב דערזען אַ קינד וואָס איז שוין דאָ, וואָס עקזיסטירט, לעבט. כ׳האָב מיך אפילו געוווּנדערט, וואָס אַ יידיש קינד איז געבליבן לעבן. כ׳האָב געקוקט אויף דעם קינד ווי אויף אַ ווונדער. כ׳האָב מיך אַראָפּגעבויגן צו אים און געזאָגט:

— דו ווייסט אַז איך בין דיין פּאַפּאַ. יאָ, דיין פּאַפּאַ. איך בין צוריקגעקומען צו דיר און איצט וועל איך שוין מער נישט אַוועק פון דיר.

— דאָס קינד האָט אויסגעדרייט דאָס קעפּל צו דער מוטער, ווי עס וואָלט געפרעגט: ״ס׳איז אמת?...״ די מוטער האָט צו אים געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ״יאָ״. דעמאָלט האָט דאָס יינגעלע מיך אַרומגענומען מיט זיינע קליינע הענטלעך און אויסגערופן: ״פּאַ־פּאַ, פּאַפּאַ״ און נישט אויפגעהערט מיך צו קושן. טרערן האָבן זיך דאַן געשטעלט אין מיינע אויגן און כ׳האָב געטראַכט: ״ווער

האָט זיך עס געמיט פאַר מיר, כ׳זאָל האָבן די זכיה צו פאַרטרעטן דעם פאָטער פון דעם לעבן־געבליבענעם יתומל?״ אפשר איז עס אַזוי דערפאַר... וואָס איך האָב פאַרלוירן מיינע קינדער און דאָס קינד האָט פאַרלוירן זיין פאָטער? אפשר דערפאַר האָט דער שיקזאַל אונדז צונויפגעפירט און פאַרבונדן?

— איך האָב געלייגט ווייניק אַכט דערויף צי די פרוי איז שיין. ס׳האָט מיך נישט אינטערעסירט צי זי איז יאָ אָדער נישט אינטעליגענט. כ׳האָב מיך מיט איר פאַרבונדן צוליבן קינד און באַשלאָסן אים צו פאַרטרעטן דעם פאַרלוירענעם פאָטער. אוודאי... אוודאי איז זי נישט די פרוי פון מיין וועלט. דער גורל איז צו אונדז אַלעמען געווען גרויזאַם. ס׳איז נישט אַזוי אַ צוזאַמענלעבן, ווי אַ צונויפגעשטיקעוועט לעבן פון טיילן וואָס פאַסן זיך ווייט נישט צונויף...

— אוודאי האָב איך נישט פרובירט זוכן אַ צווייטע קאַראָלאַ. כ׳האָב געוווסט אַז אַ צווייטע קאַראָלאַ, אַזאַ קאַראָלאַ וועל איך מער נישט געפינען. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם קינד, האָב איך אין אים באמת געפונען אַביסל טרייסט. כ׳האָב מיך מיט אים אָפּגעגעבן וויפל כ׳האָב נאָר געקענט. געזאָרגט וועגן אים און ס׳איז אויסגעוואַקסן אַן אַרבעטסזאַמער, אינטעליגענטער און פיינער בחור. דאָס חנה׳לע, איז די געשיכטע פון מיין פאַרבינדונג מיט דער ״פשוטער פרוי״, ווי דו האָסט עס געזאָגט, און דאָס איז די געשיכטע פון מיין איצטיקער צונויפגעשטיקעוועטער היים...

כ׳האָב איבערגעריסן, אָפּפילנדיק אַ געוויסע מידקייט פון אַזוי פיל רעדן און דערציילן. כ׳האָב געקוקט אין חנה׳לעס פנים אַריין וואָס האָט כסדר אָנגעהאַלטן אַ געוויסע שפּאַנונג. כ׳האָב באַוווּנדערט איר אויסדויער און מיך צו איר אָפּגערופן:

— ביזטו נאָך אַלץ נישט מיד, נישט פאַרמאַטערט פון מיינע געשיכטעס? האָסטו נאָך וואָס צו פרעגן? ווילסטו נאָך עפּעס וויסן? דו נייגיריק טייער מיידל וואָס דו ביזט!

כ׳האָב געזען אַז זי עטעמט אויף אָפּ, נאָך די לאַנגע אָנשטרענ־

גונג און געשפּאַנטקייט. זי האָט אַ לייכטן זיפץ געטאָן און זיך אויס־געגלייכט. זי האָט מיר געשאָנקען אַ וואַרעמען בליק און געזאָגט:

— און איצט, אַז איר האָט מיר שוין אַלץ אויסדערציילט און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, וועט איר שוין האָבן מנוחה?... — און טוענדיק אויף מיר עפּעס אַזאַ מאָדנעם בליק, האָט זי פאָרט־געזעצט — איצט וועט איר הייסט עס שוין נישט ליידן צוליב מיר... איר וועט מיך שוין מער נישט ליב האָבן!...

דער דאָזיקער בליק אירער און אירע לעצטע רייד האָבן מיך צערודערט. אויף אַ מאָמענט האָב איך אפילו פאַרלוירן דאָס לשון.

— חלילה, חנה׳לע. דו ביזט מיר זייער טייער. אפילו אַז כ׳פאַרגעס (אויב אַזעלכעס איז מעגלעך) אין דיין געוואַלטיקער ענלעכקייט צו העלענען, ביזטו אָבער, דו גופא, אַ ליב און טייער קינד. און פאַר דיין אַקצעפּטירן דאָס אַהערקומען און אויסהערן מיין לעבנס־געשיכטע ווי בכלל פאַר דיין טייערער געזעלשאַפט, בין איך דיר אויסערגעוויינלעך דאַנקבאַר. און איצט חנה׳לע, וועלן מיר פאַרלאָזן די קאַפע, ווייל ס׳איז שוין גוט שפּעט... און ווי דו זעסט, זענען מיר די איינציקע, דאָס סאַמע לעצטע פּאָרל. און זיי קלייבן זיך שוין שליסן דעם לאָקאַל.

— כ׳האָב מיך שוין אַ סך מאָל פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט — האָט חנה׳לע געשטיפט — מיין בעל־בית האָט עס מיר קיינ־מאָל נישט פאַרגעוואָרפן און כ׳האָף אַז אויך מאָרגן... וועט ער מיר אויך נישט זאָגן קיין הויך וואָרט... — כ׳מוז אייך אָבער זאָגן, אַז אויב איר האָט מיר נאָך עפּעס צו דערציילן, וואָלט איך געבליבן הערן אפילו ביז אין דערפרי...

כ׳האָב באַוווּנדערט חנה׳לעס מונטערקייט.

מיר האָבן פאַרלאָזט די קאַפע. דאָס זעלבע קליינע נעגערל וואָס פריער, האָט איצט ווידעראַמאָל געעפנט פאַר חנה׳לען די טיר פון מיין אויטאָמאָביל און מיר האָבן געריירט פון אָרט.

פאָרנדיק איבער די כמעט ליידיקע פּאַריזער גאַסן, האָב איך צו איר גערעדט:

— פון נאָך דער מלחמה אָן, האָב איך געהאַט אַ סך צו טרויערן, אַ סך צו וויינען. האָב איך טאָקע געטרויערט, אָבער וויינען האָב איך נישט געקענט. כ׳פלעג מיך אָפט ווונדערן דערויף. זיצנדיק מיט דיר אין דער קאָפּע, און דערציילנדיק דיר מיין לעבן, האָב איך אייניקע מאָל, צו מיין גרויסער שטוינונג, אָפּגעפילט טרערן אין די אויגן, דו האָסט עס אפשר באַמערקט. דאָס באַווייזן זיך ביי מיר אויף דאָס ניי פון טרערן, האָב איך דיר, חנה׳לע, צו דאַנקען. די פיין וועלכע כ׳האָב געטראָגן אין מיר האָט פאַרשלאָסן דעם קוואַל פון טרערן. אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר געגעבן די מעגלעכקייט אַראָפּצורעדן זיך פון האַרץ, אַ זאַך וואָס כ׳וואָלט עס פאַר קיינעם נישט געטאָן און נישט געקענט טאָן, האָט זיך דער טרערן־קוואַל צוריק אויפגעשלאָסן און כ׳פיל אַז ס׳איז מיר געוואָרן לייכט אויפן האַרצן, אַזוי לייכט... איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן און דיר שטענדיק זיין דאַנקבאַר דערפאַר און... איך ווינטש דיר, חנה׳לע, אַז ס׳זאָל דיר גוט זיין, ביזט אַ טייער קינד. דו האָסט פאַר זיך דיין גאַנצע צוקונפט. האָסט צו דערגרייכן אַ גרויסע און שיינע זאַך. וועסט מסתמא ווערן אַ כלה, יאָ, יאָ, אַזאַ שיין און געראָטן מיידל ווי דו ביזט, וועט עס זיכער לאַנג נישט דויערן... געדענק, וואָס פאַראַ הילף דו וועסט נאָר דאַרפן, קענסטו רעכענען אויף מיר. כ׳וועל פאַר דיר זיין ווי אַ פאָטער און פאַר דיר טאָן אַלץ ווי... פאַר העלענעס טאָכטער... און איך ווינטש דיר אויך, אַז דו זאָלסט זיין גליקלעך אין דיין ערשטער ליבע...

דער אויטאָ האָט זיך איצט געגליטשט איבער די כמעט ליידיקע גאַסן איבער וועלכע מיר זענען געפאָרן מיט אַ סך אַ גרעסערער שנעלקייט ווי פריער. חנה׳לע איז געזעסן אינעם אויטאָ שווייגנדיק און מאָדנע פאַרטראַכט, ווי גלייכגילטיק צו אַלעם, שענקענדיק מיר פון צייט צו צייט אַ מאָדנעם, אַ מערווירדיקן בליק.

מיר זענען אַריינגעקומען אין דער געגנט ווו זי האָט געוווינט און באַלד האָבן מיר זיך געשטעלט נאָענט פון הויז פון

אירע עלטערן.ביים געזעגענען זיך, האָט זי אומגעריכט, זיך צו מיר צוגעבויגן, מיר אַ קוש געטאָן און איז גיך פאַרשווונדן אינעם הויז ווו זי האָט געוווינט.

כ׳בין אַהיימגעפאָרן פאַרטראַכט איבער דעם נאָר־וואָס געשעענעם. חנה׳לעס לעצטער בליק האָט דערמאַנט אין אַזוי פיל איבערלעבונגען. דערנאָך בין איך לאַנג געלעגן אויף מיין געלעגער און געטראַכט וועגן דעם ענדלעך־רעאַליזירטן אָוונט, פילנדיק אַ געוויסע גרינגקייט אויף מיין געמיט, אָן צו האָבן אַן אַנונג וועגן דעם שטורם וואָס כ׳האָב אויפגעוועקט אין חנה׳לעס יונג האַרץ.

## 26

טראַץ דעם וואָס אַלע אָנווערנדיקע זענען געווען ביז גאָר פֿאַרכאַפּט פֿון דעם וואָס זיי האָבן ביז איצט געהערט פֿון לערערן און אים געקוקט אין מויל אַריין, וואַרטנדיק אויף יעדן נאָכקומענדיקן וואָרט זײַנעם, איז ער איצט, איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, שטיל געוואָרן, גלייך ווי עס וואָלט געווען דער סוף פֿון זײַן דערציילן.

ער האָט אַ נעם געטאָן זײַן געטראַנק וואָס איז געשטאַנען פֿאַר אים, אויסגעליידיקט דאָס גלאָז און נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, האָט ער ביי דער טיפֿער שטילקייט וואָס האָט געהערשט אין צימער, פֿאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, אַ זאַך וואָס ער האָט די גאַנצע צייט פֿון זײַן רעדן נישט געטאָן.

דאָס דערזען ביי לערערן אין האַנט דעם אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס, האָט איטלעכן דערמאַנט זײַן זאָגן זיי, גלייך ביים סאַמע אָנהויב פֿון זײַן דערציילן, אַז דאָס וועט זײַן דער סימן פֿון האָבן געענדיקט זײַן לעבנס־געשיכטע. דער סוף פֿון זײַן דערציילונג.

דער עולם האָט זיך לייכט אַ באַוועג געטאָן אויף זײַנע ערטער, אַ זאַך וואָס זיי האָבן ביז איצט, שטאַרק געשפּאַנטע, זיך נישט דערוועגט צו טאָן און זיך געכאַפּט צו זייערע געטראַנקען. געגעבן אַ פּאָר שלינג, אָבער גלייך ווייטער געזעסן אין דערוואַרטונג. עפּעס איז זיי אין לערערס דערציילונג נישט געווען גענוג קלאָר, ווי נישט פֿאַרענדיקט.

רויזעלע, וואָס איז ווייזט אויס געווען אַממערסטנס נייגעריק און געשפּאַנט, האָט זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן און אויסגערופֿן:

— וואָס איז אַלזאָ געשען מיט דער חנה׳לע? וואָס איז עס

געווען דער שטורם אין איר האַרצן? און וואָס האָט דער שטורם אין איר האַרצן פאַראַ שייכות מיט דיר?...

לערער האָט ווי געוואַרט אויף דער פראַגע, אפשר האָט ער געוואַרט אויף נאָך אַנדערע פראַגן. אָבער זעענדיק אַז דער ווילן צו וויסן וואָס ס׳איז געשען מיט חנה׳לען, אינטערעסירט איטלעכן זייער שטאַרק, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— וואָס ס׳איז געשען מיט חנה׳לען? ריכטיק, האָסט ריכטיק געפרעגט, רויזעלע און כ׳וועל עס אייך איצט דערציילן, ווייל דאָס איז טאַקע דער שליסל, די סיבה פון מיין אַהערקומען צו אייך קיין ישראל; אָט־אָ די חנה׳לע איז די סיבה פון דער גרויסער ענדערונג אין מיין לעבן פון היינט און פאַר מיין מאָרגן.

ווי כ׳האָב עס אייך שוין דערציילט, האָב איך מיך געטראָפן מיט חנה׳לען אין דער באַרימטער קאַפע אין בולאָנער וואַלד, ווען כ׳האָב איר דערציילט מיין לעבן אין אַ פרייטיק־אָוונט. ביי אונדז אין פאַריז, אין די הורט־געשעפטן, ווערט נישט געאַרבעט, נישט שבת און נישט זונטיק. דעם נאָענטסטן מאָנטיק האָט חנה׳לע, ווי געוויינלעך, געדאַרפן קומען אין ביוראָ און זי איז נישט געקומען. ס׳איז געווען ערב די וואַקאַציעס, ערב דאָס שליסן פון געשעפט. ס׳איז געווען אַ סך ביוראָ־אַרבעט, ס׳זענען געווען אַ סך זאַכן צום דערלעדיקן און זי איז נישט געקומען.

כ׳האָב מיך דערמאַנט, אַז דעם לעצטן פרייטיק, בעת מיין דערציילן חנה׳לען מיין לעבנס־געשיכטע, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום סוף און ס׳איז שוין געווען זייער שפּעט, האָט זי מיר דאַן געזאָגט אין שפּאַס, אַז ״זי ווייס, דאָס אויב זי וועט מאָרגן... קומען אַביסל שפּעטער אין ביוראָ, וועט דער פּאַטראָן אויף איר נישט שרייען...״ זאָל זי מיט די דאָזיקע רייד זיך האָבן רעזערווירט דאָס נישט קומען מאָנטיק? — האָב איך געפרעגט און געזוכט די מעגלעכע סיבה פון איר נישט קומען. אַ זאַך וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געשען פאַר דעם גאַנצן יאָר פון איר אַרבעטן ביי מיר.

נאָכמיטאָג, אַז חנה׳לע האָט זיך אַלץ נישט געוויזן אין ביוראָ,

בין איך אויף אַן אמת שטאַרק אומרואיק געוואָרן. ס'האָט מיך אָנגעהויבן פייניקן דער געדאַנק פון וועלן וויסן די סיבה פון איר נישט קומען. ערשט פאַרנאַכט האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָן פון חנה'לעס מוטער, אַז איר קינד האָט זיך נישט געפילט איבעריק גוט און אַז אויף צומאָרגנס וועט זי קומען צו איר באַשעפטיקונג.

אויף צומאָרגנס איז זי טאַקע געקומען און זיך גלייך אַריינ־געוואָרפן אין דער מאַסע אַרבעט וואָס האָט געוואַרט אויף איר, צוליבן פאַרשטייענדיקן שליסן פון געשעפט.

כ'האָב געזען איר פאַרנומענקייט און מיך אַביסל געוווּנדערט וואָס זי האָט מיר אפילו קיין בליק נישט געשאָנקען, גלייך ווי כ'וואָלט אינגאַנצן נישט עקזיסטירט. כ'האָב אויך באַמערקט אין אירע אויגן אַ מאָדנע ביז היינט, מיר אומבאַקאַנט גליענדיק פייערל.

כ'האָב באַקומען דעם איינדרוק אַז זי האָט פיבער און פונקט ווי ס'פלעגט עס טוען מיין מוטער, וועלנדיק זיך איבערצייגן, צי אירס אַ קינד האָט נישט אַ מאָל קיין היץ, האָב איך מיך צו איר דערנענטערט, מיטביידע הענט האָב איך אָנגענומען איר קאָפּ און צוגעלייגט מיינע ליפּן צו איר שטערן. זי האָט מיך דאַן לאַנג אָנגעקוקט און צו מיין גרויסער שטוינונג האָב איך פּלוצים דערזען טרערן אין אירע אויגן.

כ'האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, און מיך צו איר אָנגערופן:

— חנה'לע, אויב דו ביזט נישט געזונט, און פילסט דיך נישט ביי דיינע כוחות, קענסט נישט אַרבעטן, איז גיי אַהיים, פאַר־פאַלן. כ'וועל מיך שוין באַמיען צו דערלעדיקן פיל־וויניק די נוי־טיקע זאַכן.

חנה'לע האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אָנגעהאָנגען אירע פאַרטרערטע בליקן אויף מיר; מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט אַזאַ מאָדנער, מיר אומפאַרשטענדלעכער מינע, לסוף האָט זי אירע פאַרטרערטע אויגן ווידער אַריינגעטאָן אין די פּאַפּירן וואָס זענען געלעגן פאַר איר און פאַרגעזעצט איר אַרבעט.

כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז כ׳דאַרף איר איצט לאָזן אַליין. נישט האָבנדיק קיין אַנונג וואָס אין איר קומט פאָר, האָב איך געטראַכט אַז זי האָט אפשר באַקומען אַ שאַרפן פאָרוואורף פון אירע עלטערן פאַר איר אַזוי שפּעטן אַהיימקומען דעם לעצטן פרייטיק־אָוונט און אויב עס איז אַזוי געשען, איז עס דאָך מיין שולד.

אַז כ׳בין שפּעטער ווידעראַמאָל אַריינגעקומען אין ביוראָ, האָב איך איר געזען פאַרטיפט אין אירע פּאַפּירן און זי האָט מיר אַפילו קיין בליק נישט געשאָנקען. ווייזט אויס אַז זי האָט זיך צו ביסלעך באַרואיקט פון דעם שוואַכקייט־געפיל וואָס האָט איר פריער באַ־הערשט און זי האָט פאַרגעזעצט איר אַרבעט. אין אָוונט ביים אַהיימגיין, האָט זי מיר אויף דאָס ניי צוגעוואָרפן אַ מאָדנעם בליק, אַ בליק אַזעלכן, וואָס האָט מיך זייער פיל דערמאָנט; אין איר בליק האָב איך געזען דעם זעלבן אויסדרוק, וואָס מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק האָט מיר צוגעוואָרפן העלענע ווען כ׳האָב איר דאָס לעצטע מאָל געזען פאַר מיין פאַרלאָזן וואַרשע. דערנאָך האָט זי געזאָגט אַ שטילן ״גוטן אָוונט״. און איז שווייגנדיק אַוועק.

צווי טעג שפּעטער, ס׳איז געווען אַ דאָנערשטיק, אַ טאָג פאַרן שליסן דאָס געשעפט. חנה׳לע האָט נאָכן גאַנצן טאָג אָנ־שטרענגונג, ענדלעך פאַרענדיקט אַלע אַרבעטן און כ׳האָב איר געהייסן אויסשרייבן אַ טשעק אויף איר לוין. און אַ טשעק אויף איר וואַקאַנס, אָבער דעם וואַקאַציע־טשעק האָב איך איר גע־הייסן אויסשרייבן אויף אַ טאָפּלטער סומע ווי ס׳איז איר געקומען. און ווען זי האָט מיט דער פעדער אין האַנט, געוואָרפן אויף מיר אַ בליק, וואָס האָט געפרעגט: ״פאַרוואָס עפּעס די טאָפּלטע סו־מע?״ האָב איך מיך צו איר אָפּגערופן:

— שרייב אַזוי ווי איך הייס דיך. דו ביזט עס ווערט. כ׳וויל זאָלסט פאַרברענגען אַ גוטן וואַקאַנס. זאָלסט דיר נישט קאַרגן די פּאָר פראַנק!

און אַז כ׳האָב דעם טשעק אונטערגעשריבן איז זי געווען אַזוי גערירט פון מיין האַנדלונג, אַז זי האָט זיך אומגעריכט, גע־

געבן אַ הויב אויף פון איר פּלאַץ און פון דאַנקבאַרקייט מיר אַ קוש געטאָן.

אָבער מיינע ליבע פריינד, אין דעם מאָמענט, ווען חנה׳לע האָט מיר דעם קוש געגעבן, איז גראָד אָנגעקומען מיין פרוי. זי האָט זיך צו אונדז אַ וואָרף געטאָן מיט כעס און אָנגעהויבן ווילד צו שרייען:

— אַהאַ, כ׳האָב אייך געפּאַקט, כ׳האָב אייך ענדלעך געפּאַקט! שוין לאַנג אַז כ׳האָב געהאַט אַ פאַרדאַכט אויף אייך. — און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו חנה׳לען — דו חצופה, אויסגעלאַסענע מויד, אַרויס פון דאַנען!

פון איבעראַשונג האָב איך אויף אַ ווײַלע פאַרלוירן דאָס לשון. חנהלע איז געוואָרן ווייס ווי קרייד און איינגעאַנצן זיך געטרייסלט פון דעם אַזוי אומגעריכטן, וויסטן סקאַנדאַל און דערהערטע רייד אויף איר חשבון.

כ׳האָב אָנגעכאַפּט מיין פרוי פאַר ביידע הענט און געשריגן נישט מיט מיין קול:

— וואָס האָסט געזאָגט? חנה׳לע, אַן אויסגעלאַסענע מויד? אויף חנה׳לען דערוועגסטו זיך אַזעלכעס צו זאָגן? דאָס איז דאָך געווען אַן אומשולדיקער קוש אויס דאַנקבאַרקייט פאַר דעם טשעק פון אירע איבערשטונדן, דערלויבסטו זיך איר אַזוי צו באַליידיקן? שנעל, בעט איר שוין איבער! זע זי זאָל דיר מוחל זיין דיינע זידלאָזע רייד, הערסט וואָס איך רעד צו דיר? קוים טוסטו עס נישט, וועט איינער פון אונדזביידן מוזן פאַרלאָזן דאָס געשעפט!

מיט אַ ווילדן כעס, האָט זי אַרויסגעריסן אירע הענט פון מיינע, צוואָרפנדיק אויף מיין אייגענעם חשבון דעם אויסרוף: „דו אויסוואורף איינער״, און זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין איינעם פון די געשעפט־צימערן.

מער האָט זיך חנה׳לע נישט געקענט באַהערשן און אויסגע־בראָכן אין אַ געוויין. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט־טאַש און אַוועק אַ וויינענדיקע איבערלאָזנדיק אויף דעם ביוראָ־טיש די

טשעקן וועלכע כ׳האָב נאָר־וואָס געהאַט פאַר איר אונטערגעשריבן.

אַן אויפגערעגטער האָב איך מיך לאַנג אַרומגעדרייט איבערן ביוראָ־צימער און מיך גאָרנישט געקענט באַרואיקן צוליב דעם געשעענעם. די ברוטאַליטעט פון מיין פרוי, חנה׳לעס טרערן און בכלל די גאַנצע ווילדע סצענע האָט מיך ביז גאָר אויפגעטרייסלט.

די נאַכט האָב איך שוין נישט גענעכטיקט אין דער היים.

## 27

אויף צומאָרגנס, פרייטיק, ווען כ'האָב נאָכמיטאָג באַזוכט אַ וויכטיקן קונה, וואָס די ראַנדעווו מיט אים איז שוין געווען מיט אַ צייט צוריק באַשטימט, מכוח אָפּרעכענען זיך ערב דאָס שליסן פון געשעפט, האָב איך מיך באַגעגנט מיט חנה'לען וואָס האָט געוווסט וועגן דער ראַנדעווו און זי האָט מיך אָפּגעוואַרט אויף דער גאַס.

אַך, ווי כ'האָב מיך דערפרייד מיט דער באַגעגעניש. כ'האָב געזוכט ווערטער ווי אַזוי איר צו טרייסטן פאַר דער נעכטיקער ברוטאַליטעט פון מיין פרוי. כ'האָב אַריינגעקוקט אין אירע אויגן און געזען אַז זיי זענען פאַרטרערט, מיר זענען אַ ווײַלע געשטאַנען און שווייגנדיק זיך באַטראַכט.

— אַך, הער לערער, הער לערער! האָט חנה'לע אַרויסגע־רעדט מיט אַ שטימע פול מיט ווייטיק, און איז אויף מיר אַרויפגע־פאַלן, אָנשפּאַרנדיק איר קאָפּ אויף מיין ברוסט.

כ'האָב אויפגעהויבן איר קאָפּ, אַריינגעקוקט אין אירע פאַר־טרערטע אויגן, און איר געפרעגט:

— חנה'לע, וואָס איז מיט דיר?

איך האָב באַמערקט אַז מיר ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמ־קייט פון די פאַרבייגייער, האָב איך איר אַריינגעפירט אין אַ קאַפע און זיך מיט איר אַוועקגעזעצט אין אַ שטיל ווינקל. כ'האָב מיך געריכט אַז חנה'לע וועט איצט צו מיר רעדן, אפשר אויך וויינען. אַז זי וועט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן פאַר דער שווערער באַליי־דיקונג און איבערגעלעבטן ווייטיקלעכן סקאַנדאַל. אָבער זי איז געזעסן אַ שווייגנדיקע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פון צייט צו

ציַיט האָט זי אויפגעהויבן אירע בליקן אויף מיר און מיך אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק אין איר געזיכט.

כ׳האָב געזען אַז זי לייד, אַז זי וואַרט אויף מיַינס אַ טריַיסט־וואָרט. כ׳האָב אָבער נישט געפונען דאָס דאָזיקע וואָרט כּדי איר צו טריַיסטן. איבעריקנס, דאָס האָט זי דאָך מיך אָפּגעזוכט, האָט זי עס דאָך זיכער געטאָן מיט אַ באַשטימטער כּוונה, האָט זי דאָך מסתּמא מיר וואָס צו זאָגן. נאָר ס׳איז איר נישט לייכט געווען אָנצוהויבן זאָגן וואָס איר ליגט אויפן האַרצן. יאָ, איך האָב גוט געקענט אַזאַ מצב. כ׳האָב שוין געניטן געליטן אין מיַין אייגן לעבן, צוליבן נישט קענען אַרויסרעדן דאָס, וואָס ס׳איז מיר געלעגן אויפן האַרצן...

— חנה׳לע, — האָב איך איבערגעריסן דאָס שוויַיגן — כ׳זע דיך ס׳ערשטע מאָל אַזאַ ווי היַינט... דו לייַדסט, עפּעס קוועלט דיך שטאַרק, זאָג, קוועל דיך נישט. דו וויַיסט דאָך אַז דו האָסט אין מיר אַ פריַינד, האָסט מיר עפּעס צו זאָגן?

חנה׳לע האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און מיך לאַנג באַטראַכט, לסוף האָט זי מיט אַ שאָקל פון איר קאָפּ, באַשטעטיקט אַז יאָ.

— נו, זאָג, חנה׳לע, זאָג!

— ניין, נישט דאָ — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט.

— נישט דאָ, ווו דען?

— דאָרט... ווו מיר זענען געווען דעם לעצטן פריַיטיק...

כ׳האָב איר שאַרף אָנגעקוקט. דאָס מאָל האָט זי נישט אַוועקגענומען אירע בליקן פון מיַינע, נאָר איבערגעחזרט מיט אַ מאָדנעם פיַיערל אין אירע אויגן:

— דאָרט, ווו מיר זענען געווען פאַראַכטאָג...

— גוט, — האָב איך מיט שטוינונג אָקצעפּטירט איר מערקווירדיקע ביטע — אָבער דו וויַיסט דאָך, אַז איך האָב דאָ איצט אַן אָפּגעשמועסטע ראַנדעווו און כ׳בין שוין פאַרשפּעטיקט, אויב דו ווילסט דאָ בליַיבן וואַרטן, וועלן מיר אַהינפאָרן ווי נאָר כ׳וועל

פּערטיק ווערן. כ׳וועל מיך באַמיען ס׳זאָל נישט דויערן לאַנג, מסכים ?

— מסכים, — האָט זי זיך אָפּגערופן מיט דאַנקבאַרקייט אין איר שטימע און מיט אַ וואַרעם פייערל אין אירע שײנע שוואַרצע אויגן.

אַ שעה שפּעטער זענען מיר געפאָרן כמעט דעם זעלבן וועג ווי מיט אַכט טעג צוריק. כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם וואָס זי האָט מיר אַזעלכעס צו זאָגן, אַז זי האָט דווקא געוואָלט ס׳זאָל געשען אין יענער ווייטער קאַפע אין בולאָנער וואַלד. כ׳האָב מיך געפרעגט אין האַרצן וואָס עס וועט איצט זיין מיט איר ? כאָטש כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס וואָס ס׳איז געשען נעכטן צווישן חנה׳לע און מיין פרוי און צווישן מיר גופא און מיין פרוי, האָט געמאַכט אַ סוף צו דער ביז איצטיקער אַרבעט אירער אין מיין אונטער־נעמונג. האָב איך גלייכצייטיק געהאַט אַ נישט קלאָר געפיל, אַז אויך אין מיין אייגן לעבן איז עפּעס געשען, וואָס האָט צעשטערט אַ געוויסע ביז איצט איינגעשטעלטע גלייכגעוויכט.

אַז דער אויטאָ פלעגט זיך מוזן אָפּשטעלן צוליב די רויטע פייערן, האָב איך געקענט אַ בליק טאָן אויף חנה׳לען וואָס איז געזעסן אַ שווייגנדיקע, פאַרנומען מיט עפּעס אַ געדאַנק און מיט מאָדנע פאַרחלומטע אויגן.

אַז מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען אין דער קאַפע, האָב איך חנה׳לען געזען אַ דערפרייטע וואָס זי האָט געפונען פריי, נישט פאַרנומען דאָס זעלבע טישל ביי וועלכן מיר האָבן פאַרברענגט דעם ערשטן אָוונט. אָבער די פרייד איז גיך פאַרשוווּנדן פון איר געזיכט, וואָס האָט איצט דערציילט וועגן אַ געוויסע אומרואיקייט און נערוועזיטעט.

בעתן טרינקען אונדזער געטראַנק, האָב איך נישט אויפגע־הערט צו אָבסערווירן חנה׳לען, פרעגנדיק מיך כסדר מכוח וואָס אַזעלכעס זי האָט מיר צו זאָגן און פאַרוואָס האָט עס דווקא געמוזט געשען אין דער קאַפע, ווו כ׳האָב איר מיט אייניקע טעג צוריק

דערציילט מיין לעבנס־געשיכטע און מיינעליידן צוליב איר גרוי־סער, געוואַלטיק גרויסער ענלעכקייט צו העלענען. ווידער האָב איך איצט באַוווּנדערט חנה׳לעס ענלעכקייט. און מאָמענטנווייז גע־פילט אַ פאַרלאַנג איר אַרומצונעמען, צוציען צו זיך און איר קושן, קושן.

כ׳האָב געקוקט אין חנה׳לעס פנים וואָס איז איצט געווען פאַרויטלט פון עפּעס אַן אינערלעכע עמאָציע וואָס האָט זיך אויך אָנגעצונדן אין אירע אויגן.

כ׳האָב אָנגערירט חנה׳לעס אַ האַנט און מיך אָפּגערופן:

— זענען מיר ווי דו זעסט, אין דער קאַפע אין וועלכער האָסט געוואָלט זיין. איז זאָג, חנה׳לע, וואָס איז? וואָס ליגט דיר אויפן האַרצן?

כ׳האָב געזען אַז זי מאַכט איבער זיך אַ גרויסע אָנשטרענגונג. זי האָט מיך איצט ווידעראַמאָל אָנגעקוקט מיט איר מערקווירדיקן בליק און זיך אָפּגערופן:

— הער לערער, איך בין נישט געקומען מאָנטיק אין ביוראָ, ווייל כ׳האָב מיך געשראָקן אייך צו זען... איך בין די לעצטע דריי נעכט כמעט נישט געשלאָפן. און אפילו געהאַט באַשלאָסן מיך מער נישט צו ווייזן פאַר אייך...

— אַזוי פיל שלעכטס האָב איך דיר געטאָן? — האָב איך מיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון דעם איראָנישן אויסרוף.

— יאָ, זייער פיל שלעכטס. אָט־אָ דאָ, ביי דעם טישל, אין דער קאַפע, ווען איר האָט מיר אויף דעם אָרט, דערציילט אייער לעבן, אייער יוגנט, וועגן אייער ליבע צו העלענען, וועגן אייער צוזאַמענלעבן מיט קאַראָלען, האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעצונדן אין מיין האַרץ אַ קליין פלעמעלע וואָס האָט זיך אין מיר צעפלאַקערט אַלץ שטאַרקער פאַר די דריי טעג און נעכט, אַז כ׳בין נישט געווען בכוח איינצושלאָפן. מיט אַלע מיינע כוחות האָב איך פּרו־בירט פאַרלעשן דעם פונק, דערשטיקן דאָס פייערל און וואָס מער כ׳האָב עס פּרובירט אַרויסטרייבן פון מיין האַרצן, אַלץ שטאַר־

קער האָט זיך עס אין מיר צעפּלאָמט... כ׳האָב געפיבערט... כ׳האָב מיך געשראָקן פאַרן געדאַנק פון מוזן עס אייך זאָגן, פון עפּענען פאַר אייך מיין האַרץ. אָבער איך קען נישט מער פירן מיט מיר די מלחמה, איך קען נישט מער!...

זי האָט אָפּגעהאַקט אויף אַ ווײַלע, נישט אַראָפּגענומען פון מיר אירע בליקן אין וועלכע ס׳האָבן איצט געפינקלט גרויסע טרערן און גלייך צוגעגעבן:

— איך ווייס נישט, הער לערער, ווי אַזוי אייך דאָס אַלץ צו דערציילן, איך האָב נישט די פעאיקייט און באַזיץ נישט די שיינע ווערטער ווי איר. איך רעד צו אייך גאָר פּשוט, נאָר ס׳איז פון האַרצן אַרויס. הער לערער, איך האָב אייך ליב, יאָ, איך האָב אייך ליב און איך ווייס אַז אָן אייך, וועל איך נישט לעבן!

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן, מיינע פריינד. די רייד פון חנה׳לען זענען געווען אַזוי אומגעריכט און אַזוי איבעראַשנ־דיק, אַז כ׳האָב געפילט אַז דער אָטעם שטעלט זיך מיר אָפּ.

— חנה׳לע, — האָב איך מיך ענדלעך באַהערשט, — וואָס רעדסטו? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך! ווי אַזוי? ווי אַזוי?

— איז וואָס, הער לערער, ס׳איז דען נישט מעגלעך זיך צו פאַרליבן?...

— יאָ, יאָ, פאַרליבן זיך איז מעגלעך, זיכער... אָבער דו אין מיר?... דו אין מיר?... האָסט אַ טראַכט געטאָן, האָסט אָפּגע־שאַצט דעם אונטערשיד צווישן אונדז ביידן? דיין עלטער און מיינער? בין איך דען נישט עלטער פון דיין פאָטער? חנה׳לע, באַדענק דיך. דאָס איז דאָך נישט מעגלעך!

— כ׳קען נישט. און כ׳וויל נישט טראַכטן וועגן דעם, אַ האַרץ פרעגט נישט אויף קיין מעטריקע. און... איך בין נישט... חנה׳לע! כ׳בין העלענע... וואָס האָט זיך ענדלעך באַוויזן צו אייך... כ׳בין ווידער געקומען... ווילט איר מיך ווידער פאַרטרייבן?... כ׳זאָל דאָס מאָל פאַרשווונדן ווערן אויף אייביק?...

כ׳האָב איר שאַרף אָנגעקוקט. אַ מאָדנע אַנטשלאָסנקייט האָט

געעטעמט פון אירע רייד, פון איר פאַרפלאַמט געזיכט. אירע שוואַרצע פינקלענדיקע אויגן האָבן מיך געבריט און געגלעט.

כ׳האָב געמאַכט איבער מיר אַן אָנשטרענגונג צו רעדן צו איר וואָס מילדער, כדי איר נישט וויי צו טאָן:

— חנה׳לע! דו פאַרשאַפסט מיר ווייטיק מיט דיינע רייד. עס מישט מיר פשוט אין קאָפּ. אפילו אין חלום וואָלט איך נישט געטראַכט, אַז דו זאָלסט זיך אין מיר פאַרליבן. מיט דיין באַהויפטן אַז דו ביזט... העלענע, וועקסטו נאָר אויף אין מיר שווערע ווונדן. ליידער, מיט גרויס באַדויערן מוז איך דיר ווידעראַמאָל זאָגן, אַז דאָס וואָס דו ווילסט פון מיר איז נישט מעגלעך. טראָץ דעם וואָס איך ווייס, אַז כ׳באַגיי אַ גרויסן פעלער, אָפּשטויסנדיק דאָס גליק וואָס דו קענסט מיר שענקען, געדענק, אַז איך בין דאָך סוף־כל־סוף נישט פריי, טראָץ דעם וואָס מיין לעבן איז אַ צעבראָכנס, בין איך דאָך געבונדן צוליב מיין געשעפט. צוליב מיינע אַלע פאַרבינדונגען אַלס אַ סוחר, מען קען מיך אומעטום. מען שאַצט מיך. מען רעכנט זיך מיט מיר. איז ווי אַזוי קען איך פאַרלאָזן אַ היים. און מיר אַן עצה טאָן אין די דאָזיקע באַדינגונגען וואָס האַלטן מיך געפאַנגען? היינט דו גופא, חנה׳לע, ביזט אַן איינציק קינד ביי דיינע עלטערן. איך גלויב, אַז ווען דיין מוטער האָט דיר אָנגעטאָן דאָס ערשטע קליידעלע, האָט זי זיך דערביי זיכער געווונטשן, זי זאָל דערלעבן דיר אָנצוטאָן אויך דאָס חופּה־קלייד! איז ווי אַזוי וועסטו מיך פאַרשטעלן פאַר דיינע עלטערן... מיך? ווען מיינע קינדער וואָלטן היינט געלעבט, וואָלט איך דאָך שוין מסתמא געווען אַ זיידע... טראַכט וועגן דעם, חנה׳לע. און איבערהויפּט, טראַכט וועגן עגמת נפש פון דיינע עלטערן?

— איך לעב דאָך נישט פאַרן גליק פון מיינע עלטערן, נאָר פאַר מיין גליק... הער לערער, איר אַליין האָט דאָך מיר געווונטשן, כ׳זאָל זיין גליקלעך מיט מיין ערשטער ליבע... איז וואָס בין איך שולדיק אַז איר זענט עס, מיין ערשטע, מיין הייליקע ליבע? פאַר־

וואָס ווילט איר לאָזן אייער ווונטש און אייער וואָרט צעטרעטן מיט די פיס, פאַרוואָס ?

יאָ, חנה׳לע האָט געקעמפּט פאַר איר ליבע און פאַר מיין ליבע ! וואָס מער זי איז צוגעשטאַנען צו מיר מיט אירע אַרגו־מענטן, אַז מער האָב איך געפילט ווי זי באַווירקט מיך. מיין לעבן איז געוועזן אַ צעבראָכנס, מיין ערשטע ליבע האָט איבערגעלאָזט אַ שווערע ווונד אין מיין האַרצן. ס׳האָט נאָך אויך געבלוטיקט אין האַרצן דער אָנדענק פון דער אומגעקומענער קאַראָלאַ מיט די קינדערלעך. די נאָכגעקומענע פאַרבינדונג מיט מיין איצטיקער פרוי איז געווען אַזוי ווייט פון האַרץ און דאָ האָב איך געהאַט פאַר מיר דאָס טייערע מיידל, חנה׳לע, וואָס האָט לעצטנס אַזוי געוואַלטיק באַווירקט מיין לעבן און וואָס איז געזעסן נעבן מיר און זיך געבעטן ביי מיר, נעם מיך, נעם מיך ! שטויס מיך נישט אָפּ ! פאַרטרייב נישט די צוריקגעקומענע העלענע...

כ׳האָב נאָך פּרובירט מיך ווערן, זאָגנדיק איר :

— חנה׳לע, חנה׳לע, שטעל דיר פאָר, טו נאָר אַ טראַכט. דו ביזט איצט ניינצן יאָר אַלט. אין אַ צען, אין פופצן יאָר אַרום, ווען דו וועסט דיך געפינען אין די בליענדיקסטע יאָרן, וועל איך דאָך שוין זיין אַ זקן, אַ מאַן פון אַ יאָר פינף און זעכציק. ווי וועט דעמאָלט אויסזען אונדזער לעבן ? דו וועסט זיך דאָך שעמען מיט מיר אַרויסצוגיין אין גאַס... חנה׳לע, באַקעמף דיך. רייס אַרויס פון דיין האַרצן דאָס געפיל פאַר מיר. דערלויב מיר זיין צו דיר אַ פאָטער. דאָס גליק וואָס דו קענסט מיר געבן איז גרויס. אָבער שוין צו שפּעט, ס׳איז צו שפּעט !...

— קיינמאָל נישט ! ס׳איז נישט צו שפּעט, הער לערער, איר... דו ביזט יונג און איר... און דו וועסט בלייבן יונג. דאָ ווו ס׳איז פאַראַן גליק, איז מען שטענדיק יונג. איך קען מיר נישט העלפן. כ׳קען נישט אַרויסרייסן פון מיר דאָס געפיל, דעם פלאָם וועלכן דו האָסט אין מיר אָנגעצונדן. כ׳קען נישט. סיידן עס אַרויסרייסן צוזאַמען מיטן האַרץ...

— חנה׳לע, איך וועל פון זינען אַראָפּ. ווי אַזוי וועט עס אויסזען? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

חנה׳לע האָט געפּילט אַז דער נצחון גייט אַריבער אויף איר זייט. אַז כ׳ווער שוואַך און איז צוגעשטאַנען:

— ס׳איז דאָ אַן עצה, אַ גוטע עצה: ס׳הייבט זיך דאָך איצט אָן די וואַקאַציע־צייט. געדענקסט, האָסט מיר דערציילט אַז ווען האָסט פאַרלוירן העלענען, ביזטו אַוועק פון וואַרשע זוכן אַן אַנדער לאַנד, פאַר־זשע איצט קיין ישראל. פאַרברענג דאָרט די פרייע צייט. קוק זיך דאָרט אַרום. דיין העלענע וועט אויף דיר וואַרטן. וועלן מיר דערנאָך אַריבערפאָרן און זיך באַזעצן אין ישראל, אין יידישן לאַנד. און דאָרט וועלן מיר אָנהויבן אונדזער ניי און גליקלעך לעבן...

דער געדאַנק וועגן פאָרן קיין ישראל, וועגן אָנהויבן דאָ בויען מיין ניי לעבן, אונדזערביידנס לעבן, פריי פון מיינע פאַריזער פאַרבינדונגען, האָט מיטאַמאָל אויפגעשיינט פאַר מיר מיט אַ גע־וואַלטיקן רייץ. כ׳האָב געזען אַז כ׳קאַפּיטולירֿ פאַר דער שיינער און טייערער חנה׳לע, האָב איך מיך סתם אַזוי אָנגערופן:

— פאָרן קיין ישראל? איך האָב דאָרט נישט קיינעם, כ׳קען דאָרט נישט קיינעם, צו וועמען זאָל איך פאָרן?

— אויף דיר, טייערער, קען איך מיך פאַרלאָזן. וועסט דיר שוין שאַפן פאַרבינדונגען. יעדנפאַלס, אין ישראל וועסטו נישט דאַרפן פרעגן... ווו עס וווינט ערגעץ אַ ייד, — האָט חנה׳לע אָנגע־הויבן שפּאַסן, פילנדיק איר נצחון. — איך בין זיכער, אַז אויב דו וועסט עפּעס אונטערנעמען, וועסטו מצליח זיין.

זי האָט זיך צוגערוקט צו מיר נאָענט אַז כ׳האָב דערפילט איר אָטעם און געשעפּטשעט:

— וועסט זען, מיין טייערער, ווי גליקלעך דו וועסט זיין. פאָר אַהין, לייג עס נישט אָפּ, פאָר, פאָר אַהין...

האָב איך שוין מער נישט פאַרגעזעצט די מלחמה, נישט מיט איר און נישט מיט זיך. אַ שטורעם האָט זיך געטראָגן אין מיין

קאַפּ און אין מיר אינגאַנצן. ס׳האַרץ האָט פון מינוט צו מינוט אַלץ שטאַרקער אָנגעהויבן קלאַפּן פון פרייד, און אפשר גאָר פון שרעק. כ׳האָב געקוקט אויף דעם צאַרטן וועזן וואָס האָט זיך איצט געטולעט צו מיר און כ׳האָב גערעדט צו מיר אַליין: ״מיין חנה׳לע״. ״מיין העלענע״.

כ׳האָב צוגערופן דעם גאַרסאָן און געהייסן דערלאַנגען שאַמ־פּאַניער...

אויף צומאָרגנס, האָב איך באַגעגנט הערשעלען...

צוויי וואָכן האָב איך מיך געגרייט צו דער רייזע. פאַר דער צייט האָב איך מיך פון הערשעלען דערוווּסט וועגן אייך אַלעמען, אַז איר לעבט און זענט אין ישראל. די לעצטע נאַכט פאַר מיין אָפּפאָרן, בין איך כמעט ווי נישט געשלאָפן, טראַכטנדיק וועגן דער פאָרשטייענדיקער רייזע, וועגן אייך און וועגן די געוואַלטיקע ענדערונגען וואָס וועלן איצט פאָרקומען אין מיין לעבן.

נו, מיינע טייערע, בין איך געפאָרן ווי איר זעט, קיין ישראל און האָב אייך דאָ אַלעמען געטראָפן און זאָגן מוז איך אייך, דאָס טראָץ דעם וואָס מיר זעען זיך אויף דאָס ניי, נאָך אַזוי פיל יאָרן זיין צעשייד און נישט וויסן פון איינאַנדער און מיר זיצן דאָ אַזוי נאָענט איינער צום אַנדערן, גלויבט זיך מיר נישט, אַז דאָס אַלץ איז אַווירקלעכקייט. מיר דוכט זיך כסדר אַז דאָס וואָס עס געשעט, איז ווי אין אַ חלום. אַ חלום!

לערער האָט איבערגעריסן דאָס דערציילן. אין צימער האָט אַ ווײַלע געהערשט אַ טיפע שטילקייט. איטלעכער איז געווען באַווירקט פון דער אויסגעהערטער געשיכטע, און געזעסן פאַר־טראַכט. לערער גופא האָט אַ פאַרטראַכטער זיך אָפּגערוט פון זיין לאַנגן דערציילן.

און נאָך אַ לענגערער צייט פון כמעט אַלעמענס שטילשווייגן און נאָכן האָבן אויסגעליידיקט אַלע געטראַנקען, האָט פעלדמאַן איבערגעריסן די הערשנדיקע שטילקייט, זאָגנדיק:

— אַזוי לערער, הייסט עס אַז מיר וועלן דיך דאָ האָבן פאַר

אַ תושב. גוט, זייער גוט! מיר וועלן אַלע זיין גליקלעך דיך דאָ צו האָבן צווישן אונדז. און כ׳וועל טאַקע זיין דער ערשטער דיר צו ווינטשן גליק אויף דיין נייעם וועג, אין דיין נייער היים, מיט דיין חנה׳לע, צי מיט דיין העלענע...

און נאָך אַ קורצן איבערייס האָט ער צוגעגעבן:

— אַך, ווי שנעל, ווי שנעל די צייט לויפט. ביזט נאָר וואָס געקומען און שוין פליסטו פון אונדז אַוועק.

און מאָנטיק פאַרנאַכט, אויפן דריטן טאָג נאָכדעם ווי לערער האָט דערציילט זיינע חברים די איבערלעבונגען זיינע, האָבן זיי אַלע זיך מיט אים געזעגנט אויפן פלי־פלאַץ פון לוד, ווינטשנדיק אים זיי זאָלן זיך וואָס גיכער ווידערזען.

און אַז דער אַוויאָן האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד, אויפ־הויבנדיק זיך אַלץ העכער און העכער, האָט נאָך לערער באַוויזן, דורך דעם קליינעם שייבל, צו זען זיינע חברים וואָס האָבן געפאָ־כעט מיט זייערע ווייסע טיכלעך צום אָפּפליענדיקן אַוויאָן.

און לערער, אַ צופרידענער, אַ שמייכלדיקער, איז צוריקגע־פלויגן קיין פּאַריז, כדי אָנצוהויבן די גרויסע אַוואַנטורע, ווי ער אליין האָט זיך אויסגעדריקט, מיט זיין חנה׳לע.

(סוף)